STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00331

VUHIN GEYEN MIR?

Jacob Lestschinsky

Permanent preservation of this book was made possible by
The Lipman Family
in memory of
Ethel & David Lipman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב לעשצינסקי

וואוהין גייען מיר?

אידישע וואַנדערונג אַמאָל און היינט

אַרויסגעגעבן פונם

אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד

ניו־יאָרק, 1944

פרייז 1 דאָלאַר

Printed in U. S. A.

זאַץ: שלמה גאַנץ 10 אומברוך: ה. ראָזנטאַל

אין דרוקעריי פּאַריש פּרעס, 151 וועסט 25טע גאַס, ניו־יאָרק 1, נ. י.

פון דעם זעלביקן מחבר זיינען דערשינען:

1) דער אידישער ארבעטער אין רוסלאַנד; ווילנע, 1906.

2) דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון אידן אין רוסלאַנד אין 19טן יאָרהונדערט; קיעוו, 1917.

3) דאָס עקאָנאָמישע לעבן אין דער אידישער ליטעראַטור; מינסק, 1920.

4) דאָס אידישע פאָלק אין ציפערן; בערלין, 1922.

5) די אידישע וואַנדערונג אין די לעצטע 25 יאָר; בערלין, 1927.

6) די אָנהויבן פון עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע ביי אידן אין 19טן יאָר־הונדערט; בערלין, 1929.

7) די עקאָנאָמישע לאַגע פון אידן אין פוילן; בערלין, 1932.

8) דאָס סאָוועטישע אידנטום, זיין פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט; ניו־יאָרק, 1942.

9) Probleme der Bevölkerungs-Bewegung bei den Juden; Padva, 1926.

10) Das wirtschaftliche Schicksal des Deutschen Judentums; Berlin, 1932.

11) Das jüdische Volk im neuen Europa; Prag, 1934.

12) Der wirtschaftliche Zusammenbruch der Juden in Deutschland und Polen; Paris, 1936.

א י נ ה אַ ל ט :

1) אַריינפיר: אידישע געשיכטע און אידישע וואַנדערונגען 7

2) וואַנדערונג אַלס נאַציאָנאַלער פאַקטאָר אין דער אידישער גלות־געשיכטע 11

3) אידישע וואַנדערונגען און גורל־געמיינשאַפט 16

4) מיטלאַלטערלעכע און מאָדערנע וואַנדערונגען 21

5) קאָנצענטראַציע און צעוואָרפנקייט 26

6) וואַנדערונגען אין לעצטן יאָרהונדערט בכלל 37

7) די סיבות פון די אידישע וואַנדערונגען אין לעצטן יאָרהונדערט .. 46

8) פאָרנעם און ריכטונג פון די אידישע וואַנדערונגען אין לעצטן יאָר־הונדערט 63

9) כאַטש וואַרף זיך אין ים אַריין! 72

10) אם אשכחך, גלות, תשכח ימיני! 94

11) איינוואַנדערונג־פערספעקטיוון נאָך דער מלחמה 116

12) ארץ־ישראל — דער נאַציאָנאַלער צענטער פון אידישן פאָלק 126

13) שלוס־וואָרט 134

אַריינפיר פון די אַרויסגעבער

דאָס אויפגעטרייסלטע, רואינירטע אידישע לעבן אין אייראָפּע צווינגט איצט דעם אידישן מענטשן צו פאַרטראַכטן זיך ערנסטער וועגן דעם אידישן גורל. דער חורבן פון מיליאָנען אידן אין לענדער, וואו זיי וואוינען שוין הונדערטער און איבער טויזנט יאָר, מוז אַרויסרופן, מיט דער גאַנצער שאַרפקייט, די אַלט־נייע שיקזאַלהאַפטע און טראַגישע פראַגע: וואוהין גייען מיר?

אין דעם דאָזיקן בוך „וואוהין גייען מיר?", וואָס דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד ברענגט דעם אידישן לייענער, האָט דער חשוב'ער מחבר, דער באַקאַנטער אידישער עקאָנאָמיסט און שריפטשטעלער יעקב לעשצינסקי, אַנאַליזירט אויף אַ גרינטלעכן אופן די פאַקטאָרן אין אונזער געשיכטע, וואָס זיינען גורם צו אונזער טראַגישער און אָפטמאָל פאַרצווייפלטער לאַגע. מיט אַ גרויסער פאַרשטענדעניש פאַר געשיכטלעכע געשעענישן און פראָצעסן האָט דער געלערנטער אָנגעוויזן אויף די גרונדטענדענצן פון די אידישע וואַנדערונגען, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך קאָנסטרוקטיווע נאַציאָנאַלע מעגלעכקייטן, און אויף די אידישע וואַנדערונגען אין דער לעצטער צייט, וואָס פירן צו אַסימילאַציע און פונאַנדערפאַל פון אידישן פאָלק.

אין דעם בוך וועט דער אידישער עולם געפינען אַ סך סאָציאָלאָגישן וויסן און אויפקלערונג בנוגע דער קעגנוווערטיקער אידישער לאַגע. דאָ ווערן דערקלערט מיט אַ סך נייע פאַקטן די גורמים, וואָס האָבן פאַרמירט און אויסגעשטאַלטעט דאָס אידישע לעבן אין משך פון הונדערטער יאָרן, טראָץ די אַלע נעגאַטיווע ווירקונגען פון דרויסן. דאָ ווערן אויך שאַרף אונטערגעשטראָכן יענע פאַקטאָרן, וואָס האָבן אין די לעצטע צייטן, נאָך דעם היטלער־פעריאָד, אָפּגעשוואַכט און צעבראָקלט דאָס אידישע לעבן אין אייראָפּע.

די טיפע אמת'ן, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט אין דעם בוך, ווייזן אויך אָן אויף דעם קאָנסטרוקטיוון כאַראַקטער פון דער איינוואַנדערונג אין ארץ־ישראל. דער פראָצעס, וואָס ברענגט אונז אין ארץ־ישראל, פאַרהיט אונז ניט נאָר פון אַסימילאַציע און צעברעקלונג, נאָר באַשאַפט אַ נייעם שטייגנדיקן כוח, וואָס באַנייט דעם גאַנג פון דער אידישער געשיכטע און אידישער ווידער־אויפלעבונג.

צענטראַלער בילדונגס־קאָמיטעט פון
אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

פּ. גינגאָלד, דירעקטאָר

1

אַריינפיר: אידישע געשיכטע און אידישע וואַנדערונגען

די אידישע געשיכטע איז פול מיט ניסים און רעטענישן. שוין דער עצם קיום פון אונזער פאָלק אין משך פון העכער דריי טויזנט יאָר בעת זיינע אַלטע קאָלעגן־פעלקער זיינען שוין לאַנג געוואָרן אָביעקטן פאַר אַרכיוור־ און אַרכעאָלאָגיע־גריבלער, איז איינער פון די גרעסטע וואונדער אין דער וועלט־געשיכטע. שטעלט מען אָוועק די גרויס פון אונזער פאָלק, דעם שטח פון ארץ־ישראל, די גאַנץ קורצע צייט פון באַזיצן דאָס אייגענע לאַנד און די נאָך פיל קירצערע צייט פון לעבן פריי אינם אייגענעם לאַנד פאַראַלעל מיט דער השפעה פון דער אידישער אמונה און פון דער אידישער קולטור בכלל אויף דער מענטשהייט און אויף איר גאַנצער גייסטיקער אַנטוויקלונג, בלייבט מען שטיין פאַר איינעם פון יענע ניסים־וואונדער, וועלכע קאָנען באַשריבן ווערן, אָבער בשום־אופן ניט דערקלערט ווערן ביזן יסוד. וואָסערע אַזעלכע באַזונדערע באַדינגונגען פונם ערד־באָדן אָדער פונם הימל־דאַך פון ארץ־ישראל האָבן געמאַכט גראָד אידן פאַר די באַשאַפער פונם איינציקן גאָט און דערמיט גופא פאַר די באַשאַפער פון יענע עטישע גרונט־געזעצן, וועלכע מאַכן דעם מענטשן פאַר אַ צלם־אלוקים? וואָס פאַר אַ נשמה־פאַרמעגן האָבן אידן שוין מיטגענומען מיט זיך פונם ערשטן אידישן גלות — מצרים, וואָס זיי אַליין האָבן זוכה געווען צו שטיין ביים באַרג סיני און זיי אַליין איז אָנ־פאַרטרויט געוואָרן צו ווערן „נס לגוים"?

דאָס זעלביקע קאָן מען זאָגן בנוגע דער גלות־צייט פון דער אידישער געשיכטע. שטעלט מען אָוועק די שטענדיקע אומזיכערע לאַגע פון אידן אין די איראָפּעאישע גלות־לענדער, די אָפטע גירושים און פיזישע שחיטות, די רדיפות און נגישות אין די „רואיקע" עפּאָכעס, די צוימען און באַגרענעצונגען אין די „פרייע" צייטן פאַראַלעל מיט דעם איינפלוס, וואָס זיי האָבן געהאַט אויף דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג פון די איראָפּעאישע פעלקער, ווערט מען ממש פאַרגאַפט פון דעם טיפן תהום צווישן דער שוואַכקייט פון דעם ווירקנדיקן פאַקטאָר — די אידן — און דער גראַנדיעזקייט פון די דערגרייכטע רעזולטאַטן. גאַנץ באַזונדערס ווערט די איבערראַשונג,

יעקב לעשצינסקי

ווען מען פאַרטראַכט זיך אויף דער געשיכטע פון אידן אין אייראָפּע אין די לעצטע 150 יאָר, געשיכטלעך גענומען ממש געציילטע יאָרן פון מער אָדער ווייניקער פרייער ווירקונג פון אידן אין די ראַמען פון דער אַרומיקער געזעלשאַפט — די קנאַפּע צוויי פּראָצענט אידן אויף דעם דאָזיקן קולטורעלסטן קאָנטינענט פון דער וועלט, אָן דער יחוס־ירושה פון די העכערע קלאַסן און אָן דער פּיזישער מאַכט פון די אונטערשטע קלאַסן; אָנגעלאָדן מיט גאַנץ באַשיידענע מאַטעריעלע מיטלען ביי אַ נישטיקן שיכט; באַוואָפנט מיט אַ קולטור־באַגאַזש כמעט נאָר פון אייגענעם געטאָ־זאַפט און באַלאָדן, ליידער, נאָך מיט געגנוג שנאה און פאַראַכטונג פון דער אַרומיקער וועלט — און וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע דערפּאָלגן!

די צוויי פּראָצענט אידן האָבן פאַרנומען פּראָנט־פּאָזיציעס אַבסאָלוט אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער און אויף אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן — אויפן עקאָנאָמישן, פּאָליטישן, קולטורעלן און ריין־גייסטיקן. און די דאָזיקע שפּיץ־פּאָזיציעס זיינען דאָך תמיד און אומעטום געווען אויסשליסלעך אַ באַלוינונג פאַר טאַלאַנט און ענערגיע, פאַר שעפערישקייט און מסירת־נפש, און קיין מאָל ניט פאַר זכות־אָבות אָדער פאַר „הידים ידי עשו״. אונזערע זכות־אָבות זיינען תמיד געווען אַ חסרון און ניט קיין מעלה, און ווען אַ איד איז וואו ניט איז גערופן געוואָרן צו אַ הויכן פּאָליטישן אַמט אָדער צום כבוד־טיטל פון גרעסטן עפּאָכע־דענקער; צו אַ הויכער פינאַנסיעלער פונקציע אָדער צו אַ קינסטלערישער הויכער שטעלע — תמיד און אומעטום איז דאָס געמאַכט געוואָרן ניט ווייל, נאָר טראָץ זיין אידישקייט. די פּראָקלאַמירטע גלייכהייט איז אין לעבן קיין מאָל ניט דורכגעפירט געוואָרן אין קיין שום לאַנד אין דער וועלט — אידן האָבן תמיד געצאָלט מיט גייסט און אָנשטרענגונג פאַר די הויכע פּאָזיציעס פון זייערע יחידי־סגולה און פאַר דעם זכות־הקיום פון די מאַסן.

ניט געקוקט אויף אַלע ניסים און איבעררעאַשונגען, וואונדער און רעטענישן, האָבן תמיד געווירקט און געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויפן גורל פון אידישן פאָלק מאַטעריעלע פאַקטאָרן, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען, וועלכע האָבן געשאַפן יענע גינציקע אָדער אומגינציקע אויסערלעכע ראַם און אינעווייניקסטע סביבה, אין וועלכע אידן האָבן פאַקטיש געלעבט און געקעמפט פאַר זייער טאָג־טעגלעכער עקזיסטענץ, פאַר זייער רעליגיעז־נאַציאָנאַלן קיום, פאַר זייער היסטאָרישן המשך, הכלל פאַר זייער „קנעכטישער וואָך״ און „פּרינצעסע־שבת״. מיט שטודירן און פאָרשן, באַשרייבן און

וואוהין גייען מיר?

אויפקלערן די דאָזיקע מאַטעריעלע פאַקטאָרן און באַדינגונגען, קאָן מען ניט אויסשעפּן דעם גאַנצן תוך פון דער אידישער געשיכטע און נאָך ווייניקער קאָן מען אויפדעקן יענע אונטער־ערדישע כוחות און מאָטאָרן, וועלכע באַוועגן אירע וואונדער־רעדער און שאַפן אירע צויבער־זאַפּטן. מען קומט אָבער פאָרט צו יענע גרונט־פאַקטאָרן און יסוד־באַדינגונגען, וועלכע האָבן גע־שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין איינהיטן די קליינע און שוואַכע אידישע גרופּע פון פולן אונטערגאַנג; וועלכע האָבן געהאָלפן דער דאָזיקער מאַכטלאָזער שוואַ־כער גרופּע אויפשטעלן גענוג הויכע און פעסטע דאַמבעס קעגן די פאַרניכ־טונג־ און אַסימילאַציע־כוואַליעס, וואָס האָבן זי אַרומגעשווענקט און אונטער־געשווענקט פון אַלע זייטן. אַפילו ניסים און וואונדער נויטיקן זיך אין גינציקע און פּאַסיקע באַדינגונגען, אין וועלכע זיי זאָלן זיך קאָנען אַנט־פּלעקן אין זייער גאַנצער אינטענסיווקייט און פולער פּראַכט. ביי אַבסאָלוט אומגינציקע באַדינגונגען הערט אויף אָדער צאַנקט די ווירקונג פון יענע באַהאַלטענע אונטער־ערדישע כוחות, וואָס זיינען ניט דערקלערבאַר מיטן פּשוט׳ן שכל־הישר.

צווישן די דאָזיקע מאַטעריעלע, ממש מיט די הענט אָנצוטאַפּנדיקע, גרונט־פאַקטאָרן פון אונזער גורל־משונה׳דיקער געשיכטע שפּילן די וואַנדע־רונגען פון קאָנטינענט צו קאָנטינענט און פון לאַנד צו לאַנד איינע פון די וויכטיקסטע און ווירקנדיקסטע ראָלעס — מען קאָן כמעט זאָגן, אַז זיי פּילן אויס ממש אַ מיסיע. יעדע גלות־היים, האָט זי געמעגט זיין ווי אַ שטיף־היים, האָט אָנגעוואָלגערט אויף דעם מיטגענומענעם פון דער אייגענער היים נאַציאָנאַלן גרונט־באַגאַזש פרעמדע שיכטן, פרעמדע קולטור־ און שטייגער־פלאַסטן, וועלכע האָבן גענומען שטיקן און פאַרווישן די מיטגעבראַכטע נאַציאָ־נאַלע ירושה. די וואַנדערונגען האָבן ניט דערלאָזט, אַז די אָנגעוואָלגערטע פרעמדע שטייגער־ און קולטור־שיכטן זאָלן דערשטיקן די מיטגענומענע אין וועג ירושה, זאָלן זי אַזוי ווייט אָפּשטופּן און פאַרשטופּן, אַז דאָס פרעמדע זאָל ווערן דער עיקר און די ירושה — דער טפל. דאָס אויפגענומענע פרעמדע אין דער גלות־היים האָט שוין אָבער אין זיך פאַרמאָגט תמיד אייגענעם, אָריגינעלן זאַפט, און מיטן בייטן די גלות־סביבות האָבן די וואַנ־דערונגען געשאַפן גינציקע באַדינגונגען אויף איבערקאָכן דאָס אויפגעכאַפּטע פרעמדע ווייט פון זיין אור־שורש, ווייט פון זיין באָדן און דערפאַר אויסגע־ליידיקט פון זיין אַסימיליר־סם, רעדוצירט און באַגרענעצט צו זיין אומשעד־לעכן עסענץ. דער אַסימילאַציע־סם, ווייט פון זיין אור־שורש און פון זיין

סביבה־באַדן, האָט שוין במילא באַטייט מער איינגס ווי פרעמדס, מער איינגעזאַפּטס און איבערגעקאָכטס, ווי איבערגענומענס און נאָכגעמאַכטס.

די פאַרגעלייגטע בראָשור איז געווידמעט דער עיקר אונזערע וואַנדערונגען אין לעצטן יאָרהונדערט: די סיבות, וועלכע האָבן זיי אַרויסגערופן; די פאַרנעמען, וואָס זיי האָבן אָנגענומען; די אימאַנענטע טענדענצן פון די אידישע וואַנדערונגען און די אויסערלעכע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן זיי באַגינציקט אָדער געשטערט; ענדלעך, די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע רעזולטאַטן, צו וועלכע זיי האָבן געבראַכט. מיר וועלן אָבער צו ערשט זיך מוזן אַ ביסל אָפּשטעלן אויף דער ראָלע פון וואַנדערונגען בכלל אין דער אידישער געשיכטע.

2

וואַנדערונג אַלס נאַציאָנאַלער פאַקטאָר אין דער אידישער גלות־געשיכטע

ס׳ליגט אין דער נאַטור פון יעדער גרופּע, רעליגיעזער, נאַציאָנאַלער
וכדומה, אַז אירע גלידער זאָלן קלעפּן איינער צום אַנדערן. ניט נאָר
אידן שאַפן פרייוויליק געטאָס, זאַמלען זיך טראַפנווייז אין באַזונדערע קוואַר־
טאַלן און קאָנצענטרירן זיך אומעטום אין באַזונדערע שטאָט־טיילן. ביי אַלע
פעלקער קומט פאָר דאָס אייגענע. ביים מאַכן דעם ערשטן טריט אין אַ ניי
וואוין־אָרט דערשפירט דער איד עפּעס מיט אַ באַזונדערן אינסטינקט דעם
ראַיאָן פון זיינע ברידער און שוועסטער און לאָזט זיך אַהין. חוץ די אומ־
מיטלבאַרע אינטערעסן, וועלכע טרייבן צו אייגענע, צו פּסיכיש נאָענטע, צו
מענטשן, וועלכע רעדן אפשר דיין שפּראַך אָדער פילן דיינע זאָרגן אויפן וואונק,
וועלכע פילן זיך מאָראַליש פאַרפליכטעט דיר צו העלפן אין נויט־פאַל, טרייבט
נאָך אונטער מסתמא אַ באַהאַלטענער גרופּן־אינסטינקט, וועלכער איז אַ
רעזולטאַט פון די פאַרשיידנסטע און קאָמפּליצירטסטע ביאָלאָגישע און היס־
טאָרישע פאַקטאָרן. אויף אַזאַ אופן שאַפן זיך געטאָס, וועלכע שפּילן אין
לעבן פון אַלע פעלקער, אָבער גאַנץ באַזונדערס אין לעבן פון אידן, אַ נאַציאָ־
נאַל־קאָנסערווירנדיקע ראָלע. געטאָ טיילט אָפּ, ראשית, פון דער פרעמדער
וועלט, איזאָלירט פון דער פרעמדער שפּראַך און קולטור און שוואַכט אָפּ דאָס
באַהעפטן זיך צו דער פרעמדער שפּראַך־ און קולטור־וועלט. געוויס שטרעבט
יעדער איינגעוואַנדערטער יחיד וואָס גיכער זיך אויסצולערנען די אָרומיקע
שפּראַך און זיך צוצופּאַסן צו דער פרעמדער סביבה — דער גרופּן־אינסטינקט
אָבער האַלט איין דעם טעמפּ פון דער דאָזיקער אינדיווידועלער צופּאַסונג־
טענדענץ און שיצט דערמיט די אינטערעסן פונם כלל. די געטאָס העלפן
שאַפן אייגענע כלל־אינסטיטוציעס און דערמיט אויך אַן אייגענע סביבה, אַ
המשך פון דער מיטגעבראַכטער אייגענער ירושה. דערמיט ווערט שוין גע־
לייגט די באַזע פאַר דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון די מיטגעבראַכטע שטיי־

גער־ און קולטור־ירושות, ווי אויך פאר שאפן נייע אייגענע ווערטן. די געשאפענע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס ארגאניזירן דעם קיבוץ, בינדן צו די איינצלנע גלידער צום ציבור און שוואכן אפ אויף אזא אופן די פרעמדע ווירקונגען, וועלכע רייסן זיך דורך דורך די גרעבסטע געטא־ווענט און דורך די העכסטע מחיצות און פרואוון פארפלייצן די איזאלירטסטע און קאנסערוואטיווסטע געטאס.

די אידישע גרופע, א דאנק דער פארשיידנקייט פון דער רעליגיע און א דאנק דער טיפער רעליגיעזקייט פון די אידישע מאסן א מאל, האט אין פרט פון שאפן פריווילעגיקע געטאס און זיי ארומצוימען מיט די געדיכטסטע און העכסטע מחיצות, באוויזן ממש וואונדער. דאך ווייסן מיר, אז אין לענדער, וואו אידן האבן עקאנאמיש ניט אויסגעפילט קיין ספעציעלע פונקציעס און האבן זיך סאציאל ארייננעגלידערט אין די ארומיקע עקאנאמישע גרופעס און שיכטן, זיינען גרויסע מאסן אידן פארמישט געווארן מיט דער מערהייט־באפעלקערונג און איינגעשלונגען געווארן אויף לעולם־ועד. ס'איז גאר קיין ספק ניט, אז אין א סך אייראפעאישע לענדער זיינען גרויסע מאסן אידן אסימילירט געווארן, האבן סוף־כל־סוף אנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן און אוועק פונם אייגענעם שטאם.

די אנטוויקלונג פון אידיש און לאדינא, באזונדערס טאקע פון אידיש, גיט זייער אן אינטערעסאנט בילד, וואס באלייכט די פראצעסן, וואס קומען פאר אין געטאס, און ווי די איבערוואנדערונג איז ניט נאר ממלא די נאציאנאליזירנדיקע פונקציע פון דער געטא, נאר מאכט ערשט אירע פרוכטן צייטיק און זאפטיק, מאכט ערשט די געטא־איזאלאציע פרוכטבאר און ווערטפול.

אידן זיינען געקומען קיין דייטשלאנד אין זייער קליינע גרופקעס, אפט יחידים אדער איינצלנע פאמיליעס, און זיינען דעריבער געווען געצוואונגען זייער פרי זיך צוצופאסן שפראכלעך צו דער ארומיקער סביבה. זיי האבן אבער גלייך גענומען צופאסן די שפראך צו זיך — צו די אייגענע רעליגיעזע באדערפענישן. האבן זיי גענומען פארפלייצן די פרעמדע שפראך מיט העברעאישע ווערטער און נאך מער מיט העברעאישע באגריפן. דאך איז די סטרוקטור פון דער שפראך און איר גאנצער גייסט געבליבן גאר נאענט צו דער שפראך פון דער ארומיקער דייטשער סביבה. וואלטן אידן געווען געבליבן אן איבעררייס אין דייטשלאנד, איז א גרויסער ספק, צי מיר וואלטן געהאט א אידיש פון דעם נאציאנאלן ווערט ווי מיר האבן עס באקומען אין מזרח־אייראפע, דאס הייסט אין סלאווישע לענדער, וואו אידיש איז אפגעריסן

וואוהין גייען מיר?

געוואָרן פון זיין שטאַם־סביבה, פון זיין אור־שורש און איז געוואָרן פון אַן איבערגענומענער ביי דער אַרומיקער וועלט־שפּראַך, אַן אייגענע שפּראַך אין קעגנזאַץ צו דער אַרומיקער (סלאַווישער) סביבה־שפּראַך.

אויך אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער האָט זיך צו ערשט געהאַט אָנגעהויבן דער זעלביקער פּראָצעס פון שפּראַך־אַסימילאַציע ווי אין דייטש־לאַנד. אידן האָבן אומעטום, אין פּוילן און אין בעמען, לכתחילה, ביי דער ערשטער סטאַדיע פון איינוואַנדערונג, ווען זי איז באַשטאַנען פון יחידים אָדער פון איינצלנע פאַמיליעס, גערעדט די אַרומיקע סלאַווישע שפּראַכן. ערשט די צוואוואַנדערונג פון גרעסערע מאַסן אידן פון דייטשלאַנד מיט אַ דייטשן דיאַלעקט, וואָס איז געווען שוין אָנגעפּיקעוועט מיט העברעאישע ווערטער און העברעאישע באַגריפן, וואָס ס'האָט געוויס שטאַרק אַפּעלירט צו די פרומע אידן פון די סלאַווישע לענדער, אַט די דאָזיקע צוואוואַנדערונג האָט גענומען דעאַסימילירן די אָרטיקע אידן.

דער דייטשער דיאַלעקט, אָפּגעריסן פון זיין גערמאַנישן שורש, איז גע־וואָרן אַן אייגענע אידישע שפּראַך. אַלזאָ, ערשט אין דער פרעמד, ערשט אין דער נייער פרעמדער סלאַווישער סביבה, האָט דער דייטשער דיאַלעקט באַקומען אידישן זאַפט, געוואָרן איבערגעקאָכט און פאַרדייעט ביז ניט צו דערקענען און דערגרייכט אַ מדרגה פון נאַציאָנאַלן צוזאַמענוואַקסן ניט נאָר מיטן גאַס־אידן, נאָר אויך מיטן תורה־אידן, ניט נאָר מיט דער וואָך־וואָכעדי־קייט, נאָר אויך מיט דער שבת־ און יום־טוב־הייליקייט, ניט נאָר מיטן אידישן הוה־גייסט, נאָר אויך מיטן עבר־גייסט. פון טרעף צו טרעף האָט דער פרעמדער דייטשער דיאַלעקט דערגרייכט אין די נייע סלאַווישע געטאָס אַ מדרגה פון נאַציאָנאַלער שעפערישקייט און זאַפטיקייט אַזוי ווייט, אַז ער האָט באַקומען די העזה זיך צו פאַרמעסטן מיט דער היסטאָריש־טראַדיציאָנעלער און רעלי־גיעז־געהייליקטער העברעאישער שפּראַך.

די איבערוואַנדערונג אין אַ ניי לאַנד האָט לכן איבערגעהאַקט דעם אָנגע־הויבענעם אַסימילאַציע־פּראָצעס פון די דייטשע אידן, האָט ניט דערלאָזט, אַז דער אויבנאויפיקער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע־פּראָצעס זאָל דערגרייכן די וואָרצלען פון אידישן נאַציאָנאַלן לעבן. איבערטראָגנדיק די דערוואָר־בענע אין אַ פרעמדן גלות־לאַנד שפּראַך און אויך פיל פרעמדע מנהגים און זיטן, האָט די איבערוואַנדערונג אינם נייעם גלות־לאַנד געשאַפן ווידער דורך געטאָ־איזאָלאַציע גינציקע באַדינגונגען און געמאַכט וואַקסן אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, איבערגעאַנדערשט און געהייליקט פרעמדע מנהגים. ערשט אינם

נייעם לאַנד, ווייט פונם שטאַם־שורש און פון די שפּאַרנדיקע אַסימילאַציע־כוואַליעס, זיינען די פרעמדע שפּראַך און די פרעמדע מנהגים אָנגעפילט געוואָרן מיט נאַציאָנאַלן זאַפט, אַרומגעשלייפט געוואָרן פונם נאַציאָנאַלן גייסט און צוגעשניטן און צוגעפּאַסט געוואָרן צום אייגענעם עבר; אָפּגעריסן געוואָרן אין דער גרעסטער מאָס פון זייער אור־קוואַל און באַהעפט געוואָרן צום היסטאָריש־טראַדיציאָנעלן, פון דעם היימלאַנד אויפן וועג מיטגענומענעם, ירושה׳דיקן אוצר. ערשט די געבענטשטע אויסוואַנדערונג פון דייטשלאַנד און די נייע קאָנצענטראַציע אין סלאַווישע לענדער האָבן געשאַפן די פּאַסיקע באַדינגונגען אויף איבערקאָכן און פאַרדייען די נייע ווערטן, זיי איבעראַרבעטן און איבעראַנדערשן אין אַזאַ הויכער מאָס, אַז זיי זאָלן ווערן אייגנס, אין פאָלקס האַרץ איינגעבאַקנס אין פולסטן און טיפסטן זינען פון וואָרט.

אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, וואוהין די איבערגעוואַנדערטע דייטשע אידן האָבן מיטגענומען אַ פרעמדן דיאַלעקט, אמת, שוין אַ ביסל צוגעפּאַסט צום אייגענעם רעליגיעזן לעבן, האָבן אידן אָנגעטראָפן גאָר באַזונדערס גינציקע באַדינגונגען פאַר אַנטוויקלען אַ גלות־זעלבסטשטענדיקייט ווי אין קיין שום אַנדערן גלות־לאַנד אין דער וועלט. די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין פּוילן, וואוהין דער גלות־צענטער האָט זיך אין 15טן און 16טן יאָרהונדערט איבערגעטראָגן פון מערב־ און צענטראַל־אייראָפּע, זיינען געווען באַזונדערס גינציק פאַרן אויסבילדן פון די צוגעוואַנדערטע אידן אַ באַזונדערן סאָציאַלן קלאַס. יאָרהונדערטע האָבן אידן אין פּוילן ניט געהאַט קיין קאָנקורענטן פון דער אַרומיקער נאַציאָנאַלער מערהייט. זיי האָבן געהאַט מער צו קאָנקורירן מיט דייטשן אין פּוילן, ווי מיט פּאָליאַקן. פאַרן פּריצישן קלאַס, וואָס האָט געהערשט אין פּוילן, איז געווען פיל באַקוועמער און זיכערער צו האָבן צו טאָן מיט אַ אידישן שטאָטישן מיטל־קלאַס, וואָס פּרעטענדירט ניט אויף קיין פּאָליטישע פונקציעס און האָט ניט קיין פּאָליטישע אַמביציעס, ווי צוצולאָזן דעם אויפקום פון אַן אייגענעם פּוילישן מיטל־קלאַס, וואָס וועט זיך ניט לאָזן באַגניגענען מיט ברעקלעך רעכט פונם פּעאָדאַלן טיש. דער דאָזיקער פאַקטאָר האָט ניט ווייניק מיטגעווירקט, אַז אידן זאָלן אין פּוילן באַקומען פאַר זייער אייגענער סביבה גרויסע מעגלעכקייטן פון אָרגאַניזאַציע און זעלבסטשטענדיקייט. די פּוילישע אידן האָבן געשאַפן אַ ברייטע נעץ פון נאַציאָנאַל־רעליגיעזע אינסטיטוציעס מיט אַזעלכע ברייטע קאָנסערווירנדיקע און נאַציאָנאַל־דיסציפּלינירנדיקע פונקציעס ווי אין קיין שום גלות־לאַנד אין דער וועלט. אַז דער רעליגיעזער מאָמענט איז געווען דער צענ־

וואוהין גייען מיר?

טראָלער טרייב־כוח און די הויפט־באַזע פון אַלע אויטאָנאָמע אינסטיטוציעס און פון אַלע יענע ברייטע און אַלץ אַרומנעמענדיקע פונקציעס פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס, פאַרשפּאַרט מען צוצוגעבן. ס׳איז אָבער קלאָר, אַז דער דאָזיקער רעליגיעזער מאָמענט איז געווען אָנגעלאָדן מיט נאַציאָנאַלן תוך און איז ניט ווייניק באַפרוכפּערט געוואָרן פון דעם דאָזיקן תוך.

דאָס ניט אײַנזיצן אויף איין אָרט און דאָס ניט פאַרזעסן ווערן אין איין לאַנד און אין איין פרעמדער סביבה איז לכן ניט נאָר געווען אַ תרופה קעגן די אומפאַרמיידלעכע אַסימילאַציע־פּראָצעסן, וועלכע וואָלטן מיט דער צייט גע־מוזט ווערן אַלץ שעדלעכער און שעדלעכער, נאָר איז געווען אויך אַ רפואה אויף איינצווזיגן אין בלוט און איבערקאָכן מיט אַלע רמ״ח אברים און מיט אַלע נאַציאָנאַלע שס״ה גידים פרעמדס, עס אַזוי אָרגאַניש און טיף פאַר־וואָרצלען אינם אייגענעם ירושה־אוצר, אַז ס׳זאָל ווערן באמת אייגנס, אַן אָרגאַנישער באַשטאַנד־טייל פון דער פאָלק־נשמה, עצם מעצמיה און בשר מבשרה.

3

אידישע וואַנדערונגען און גורל־געמיינשאַפט

די אידישע היסטאָרישע גורל־שותפות, וועלכע פלעגט דורך דעם לעבן אין פאַרשיידענע לענדער ביי פאַרשיידענע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע באַדינגונגען צעריסן און אָפּגעשוואַכט ווערן, פלעגט דורך די וואַנדערונגען צוריק אויפגעשטעלט ווערן. די אידישע וואַנדערונגען זיי־נען אַפילו אין 19טן יאָרהונדערט, שוין אָפּגערעדט פונם מיטל־אַלטער, תמיד באַגלייט געוואָרן, אָפט פשוט אַרויסגערופן געוואָרן פון גירושים. גירושים דאַרף מען פאַרשטיין דירעקט און אומדירעקט — ווייל אַפילו די אידישע וואַנדערונגען, וועלכע ווערן אויבנאויף אַרויסגערופן פון עקאָנאָמישע סיבות, זיינען אין תוך גירושים. ס׳איז גרינג צו דערוויזן, אַז ס׳איז ניט געווען קיין איין לאַנד אין דער וועלט, וואו די אידישע עקאָנאָמישע פונקציעס זיינען בכלל געוואָרן איבעריק און לכן זאָלן אידן האָבן געמוזט זוכן נייע מקום־מנוחה׳ס. די אמת׳ע סיבות פון אידישע וואַנדערונגען זיינען באַשטאַנען תמיד אין דעם, וואָס ניט די אידישע פונקציע איז געוואָרן איבעריק, נאָר דער איד איז געוואָרן איבעריק; די מערהייט האָט זיך אויסגעלערנט די תורה און האָט געהאַלטן זיך פאַר בילכער און בר־מיצרא׳ער, כאָטש זי איז צו דער פונקציע שפּעטער פונם אידן געקומען. אין די וואַנדערונגען ווערט ווי מאַני־פעסטירט דער געמיינזאַמער גלות־גורל פון אידן אין דער גאַרער וועלט. דער וואַנדער־שטעקן פון אידן אין איין לאַנד איז ווי אַן התראה צו די אידן פון אַלע איבעריקע לענדער פון דער וועלט, אַז זייער גורל מוז קומען פריער אָדער שפּעטער, אין גרויזאַמערע אָדער אין ווייכערע פאָרמען, אָבער ס׳מוז קומען דער מאָמענט, ווען דער איד ווערט איבעריק, ווייל דער בעל־הבית פון לאַנד איז רייף אויף איבערנעמען דעם איד׳ס פונקציעס. אזוי איז דאָס געווען אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער, וואו אין יעדן לאַנד איז פאַראַן אַ פאָלק, וואָס האַלט זיך פאַרן בעל־הבית. מעג דער איד זיין ווי קולטורעל אַסימילירט און עקאָנאָמיש ווי אַריינגעוואַקסן אין די שייכות׳דיקע סאָציאַלע גרופּעס פון

דער מערהייט, ער ווערט באטראכט ווי א פרעמדער, ווי א ציטוויליקער, ווי אן אורח, וועלכן מען קאן ארויסבאגלייטן ווען נאר ס'פארגלוסט זיך.

פאר אונזערע אויגן איז פארגעקומען די באנייאונג פון דער גורל־שותפות צווישן אידן פון פארשיידענע לענדער א דאנק דער וואנדערונג. וואס שוואכער ס'איז געווען דער ריס צווישן די אידנשאפטן פון פארשיידענע לענ־דער, אלץ גרינגער איז אנגעקומען דער צוריק־באהעפט. אויף די שיפן פון אייראפע האבן זיך די לעצטע 50—60 יאר געטראפן אידן פון א סך לענדער און ניט נאר פון אייראפע, נאר אויך פון אזיע און אפריקע. פון אייראפע גופא האבן זיך אויף די שיפן צוזאמענגעטראפן אידנשאפטן פון פארשיידענע קאטעגאריעס. באזונדערס פארבנרייך איז געווען דער צוזאמענטרעף אויף די שיפן אין לעצטן צענדליק יאר. און נאך קיין מאל אין אונזער לאנגער און טראגישער גלות־געשיכטע האבן זיך ניט צוזאמענגעטראפן מיט א מאל נעטריבענע און געיאגטע אידן פון אזוי פיל פארשיידענע לענדער און פון אזוי פיל פארשיידענע סאציאלע און קולטורעלע אנטוויקלונג־מדרגות. מען איז געלאפן פון אייראפע פון אלע לענדער — פון אינדוסטריעל הויך אנט־וויקלטע, פון האלב־אגרארישע און פון נאך גאנץ אגרארישע לענדער. ס'זיי־נען געלאפן אידן מיט פאות ביז אריבער דער געמבע און מיט ציצית אפן פאר דער גארער וועלט און אידן, וועלכע האבן שוין דורות געהאט פאר־געסן, אז זייערע אבות שטאמען פון אברהם, יצחק און יעקב. שיפן מיט ראטשילדס פון ווין און פאריז און מיט ארעמע קרעמערלעך און בעלי־מלאכות פון פוילן און רומעניע; שיפן מיט רייכע לאנד־מאגנאטן פון אונגארן און מיט אפגעריסענע קבצנים־פויערים פון קארפאט־רוסלאנד; רייכע פאברי־קאנטן פון ווארשע און לאדזש און דלות'דיקע מארק־מענטשן פון קוטנע און פשיטיק; שיפן מיט אידישע פראפעסארן און קינסטלער פון צענדליקע איי־ראפעאישע אוניווערסיטעטן און אקאדעמיעס און מיט מלמדים און לערער, שרייבער און שוישפילער פון די געטאס פון אלע מזרח־אייראפעאישע לענ־דער — אט די פארבנרייכע וואנדערנדיקע אידישע מאסע פון פארשיידנסטע סאציאל־עקאנאמישע און גייסטיק־קולטורעלע מדרגות האט ווי מאניפעסטירט, אז א טיפער סאציאל־עקאנאמישער און פאליטיש־גייסטיקער איבערבראך קומט פאר ניט אין איין לאנד און ניט אין איין גרופע לענדער, נאר אין גאנץ אייראפע, אין דער גאנצער סיסטעם, אויף וועלכער ס'האט זיך געהאלטן די אייראפעאישע קולטור. ס'איז שוין געווארן א כלל אין דער אייראפעאישער געשיכטע, אז ביים איבערגאנג פון איין סאציאל־עקאנאמישער פארמאציע צו

א צווייטער, פון איין קולטורעל־גייסטיקן מעמד צו א צווייטן, מוזן די אידן, אלס די פון אלע אנערקענטע ווי פרעמדע, זיין די ערשטע און שווערסטע קרבנות.

אויף די שיפן אויף די ימים, וועלכע האבן די לעצטע הונדערט יאר איבערגעפירט ארום פיר מיליאן אידן, האט מען געקאנט שטודירן אלע טראגעדיעס פונם גלות־פאלק און נאך מער די טיפע תהום׳עז, וועלכע האלטן אין איין וואקסן צווישן די צעריסענע שבטים פונם אייביקן נע־ונד־פאלק.

שוין צוריק מיט הונדערט יאר האבן זיך אויף די ים־שיפן צונויפגעטראפן אידן־וואנדערער פון דייטשלאנד און צפון־אפריקע, פון פוילן און פון אזיע, פון פראנקרייך און פון ענגלאנד, פון ליטע און פון אונגארן און אזוי ווייטער און ווייטער. האט, פארשטייט זיך, דער דייטשער איד ניט פארשטאנען, און וואס נאך ערגער — כמעט ניט געפילט, זיין אראביש־אידישן שכן אויף דער שיף. ווי פרעמדע האט מען זיך געזעצט אויפן שיף און ווי פרעמדע האט מען זיך צעשיידט; און אפילו אין נייעם לאנד, אין ניו־יארק, צי אין בוענאס־איירעס; אין פילאדעלפיע, צי אין א שטאט ערגעץ אין א לאנד פון מיטל־ אדער דרום־אמעריקע, איז מען אוועק אין פארשיידענע שולן, אין פארשיידענע חברות, אין באזונדערע ארגאניזאציעס און ארדנס. גלייך ווי מען וואלט קיין מאל קיין ברידער ניט געווען; גלייך ווי דער היסטארישער עבר איז אין גאנצן אפגעווישט געווארן דורך די פארשיידענע גלות־גורלות. עקאנאמיש האט זיך דווקא אנטפלעקט עפעס געמיינזאמעס —ביידע טיפן אידן, די אשכנזים און די ספרדים, און אויך די אראבישע אידן, האט געצויגן גאר ווייניק צו לאנד און פיל מער צו מסחר און אונטערנעמעריי. אלע דריי טיפן אידן האבן געבראכט מיט זיך אין דער נייער וועלט יענעם גלות־אומרו, וואס טרייבט צו שטייגן, צו העכערע סאציאלע פאזיציעס, צו דעקן מיט סאציאלן דערפאלג די נאציאנאלע מינדערווערטיקייט. אויך גאט אין הימל איז געבליבן א שותפות׳דיקער, אבער ביידע פאקטארן, ניט דער ערדישער און ניט דער הימלישער, האבן ניט געקאנט איבערבריקן דאס, וואס די קולטור און שפראך האבן צעריסן; דאס, וואס די טויזנטיאריקע אפגעשיידנקייט און אפגעפרעמדטקייט האבן צעטיילט.

אלע אידן אבער פון די פארשיידענע אייראפעאישע לענדער זיינען נאך דעמאלט געווען ברידער ניט נאר לויט טראדיציע און על־פי זכרון, נאר אין טיפסטן זינען פון ווארט — די געמיינזאמקייט פון שפראך און קולטור, די

וואוהין גייען מיר?

שותפות׳דיקייט פון גורל האט דעמאלט נאך פאראייניקט מער פון 95 פראצענט פון די וואנדערער פון אייראפע, וייל געוואנדערט האבן אידן פון די מזרח־אייראפעאישע לענדער, פון דייטשלאנד און עסטרייך, פון בעמען, מערן און אונגארן. צוריק מיט הונדערט יאר האבן נאך די אידן פון די אלע דאזיקע לענדער גערעדט איין שפראך, געלעבט אין איין נאציאנאל־קולטורעלער ספערע, געגלויבט ניט נאר אין איין גאט, נאר אויך אין איין פאלק. צוריק מיט הונדערט יאר איז נאך געווען אזוי פריש דער געמיינזאמער גורל פונם גרעסטן רוב פונם אשכנזישן אידנטום, וואס האט אין משך פון איינע 500 יאר איבערגעוואנדערט פון די צענטראל־אייראפעאישע לענדער אין די מזרח־אייראפעאישע און צוריק, אז משפחה׳דיק אפילו איז מען געווען זייער נאענט, און די פרעמדע שפראכן און קולטורן, און די שטאטלעכע גרענעצן און מחיצות האבן נאך ניט באוויזן אפצופרעמדן דעם פוילישן אידן פונם דייטשן אדער דעם אונגארישן אידן פונם גאליצישן. און אפילו דער פראנצויזישער אידישער וואנדערער און דער ענגלישער אידישער וואנדערער איז דאך פאקטיש געווען א ניט לאנג געקומענער פון דייטשלאנד אדער פוילן און איז געווען גענוג נאענט ניט נאר לויט גאטס באפעל, נאר טאקע לויט שפראך און שטייגער, לויט אלע פירונגען און קנייטשונגען פון א באשטימטן טיפ אידן.

אבער פון יארצענדליק צו יארצענדליק האט מען אויף די דאזיקע שיפן געקאנט מערקן, ווי די שפראך־ און קולטור־מחיצות נעמען וואקסן העכער און העכער, ווי די קארבן, וואס די פרעמדע שפראכן און קולטורן שניידן איין אין די באזונדערע אידנשאפטן, ווערן אלץ טיפער און טיפער; ווי די אפגעפרעמדטקייט און אפגעריסנקייט צווישן די שבטים פונם גלות־פאלק ווערן פאטאלער און פאטאלער. צוערשט האט דער ענגליש־ און פראנצויזישאידישער עמיגראנט אויפגעהערט צו פארשטיין און אפילו צו דערקענען דעם ברודער־וואנדערער פון פוילן און רוסלאנד און שפעטער א ביסל אויך דעם דייטש־אידישן וואנדערער. נאך שפעטער א ביסל האט דער לעצטער אויפגעהערט צו פארשטיין און צו וועלן פארשטיין דעם אידישן וואנדערער פון די מזרח־אייראפעאישע לענדער. אבער ביזן סאמע סוף פון 19טן יארהונדערט האבן ווייניקסטנס אלע מזרח־אייראפעאישע אידישע וואנדערער נאך גערעדט איין שפראך און געקומען ניט נאר פון א געמיינזאמער סאציאל־עקאנאמישער סביבה, נאר אויך כמעט פון א געמיינזאמער קולטור־און שפראך־ספערע. ווייל געוואנדערט האבן די נידעריקע קלאסן פונם מזרח־אייראפעאישן אידנ־

טום, און ניט 95, נאָר 99 פּראָצענט אידן פון די דאָזיקע קלאַסן האָבן ביזן סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט אומעטום גערעדט אידיש, געלעבט טראַדיציאָנעל, געפילט נאָר און אויסשליסלעך אידיש און געגלויבט נאָר אין אידישע אידעאַלן.

אָבער צו ביסלעך האָט זיך אויף די שיפן באַוויזן אַן אונגאַרישער איד, וואָס האָט שוין ניט פאַרשטאַנען דעם לשון פון אַ פּוילישן אידן, און אַ רומענישער איד, וואָס האָט ניט פאַרשטאַנען זיין גאַליצישן שכן אויפן שיף, און אַ בעמישער איד, וואָס האָט קיין וואָרט אידיש ניט פאַרשטאַנען, און אַ רוסישער איד, וואָס האָט דעם מערישן אידן ניט פאַרשטאַנען.

אָבער דער אמת'ער דור־הפלגה אויף די שיפן, אַ דור־הפלגה פון קינדער פון איין פאָלק, אַ דור־הפלגה פון אַנטלאָפענע פון איינעם און דעם זעלביקן אייראָפּעאישן גיהנום, אַ דור־הפלגה פון געמיינזאַם געטריבענע און געיאָגטע, פון געמיינזאַם געשמיסענע און געבייטשטע, איז אויפגעקומען אין די לעצטע צען יאָר. ס'האָבן שוין געוואָנדערט ניט באַשטימטע אידישע קלאַסן, נאָר אַלע שיכטן און אַלע קלאַסן און פון אַבסאָלוט אַלע אייראָפּעאישע לענדער, אָבער פון צענדליקע שפּראַך־ און קולטור־סביבות; פון סביבות, וועלכע האָבן באַוויזן צו צערייסן די אידן צווישן זיך און אויפצושטעלן פאַטאַלע מחיצות צווישן אייגענע ברידער.

דער דאָזיקער דור־הפלגה אויף די שיפן איז, פאַרשטייט זיך, געווען ניט מער ווי אַן אילוסטראַציע צו דער נייער אַסימילאַציע־פאַרפלייצונג, וואָס האָט מיט דער באַפרייאונג פון די קליינע פעלקער גענומען דראָען דעם אידישן פאָלק.

4

מיטלאַלטערלעכע און מאָדערנע וואַנדערונגען

אין מיטלאַלטער איז די אידישע געטאָ געווען ניט נאָר אַ רעזולטאַט פון דער העכער־דערמאָנטער נאַטירלעכער נטיה ביי היסטאָרישע גרופּעס צו זאַמלען זיך צוזאַמען, פאַרשטאַרקט אָפט דורך באַגרענעצונגען פון דרויסן, דורך אויפשטעלן מצד דער אַרומיקער מערהייט צוימען אַרום דער נאַטירלעך און אָרגאַניש אויסגעוואַקסענער אידישער קאָנצענטראַציע. זי איז אויך ניט געווען נאָר אַ רעזולטאַט פון דער שטרענגער רעליגיעזער איזאָלירטקייט פון ביידע צדדים, וואָס האָט געוויס געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין דעם פּראָצעס, וואָס האָט אידן אויסגעטיילט און אָפּגעטיילט און געפירט צום אויפקום פון אַן אייגענער אידישער סביבה מיט אייגענע ספּעציעלע אידישע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס. די אידישע מיטלאַלטערלעכע געאָגראַפישע און רעליגיעזע געטאָ איז צוזאַמענגעפאַלן מיט אַ סאָציאַלער געטאָ, מיט איזאָלירן אידן אין אַ באַשטימטער שטרענג רעגולירטער און באַגרענעצטער צאָל פּראָפעסיעס. די עקאָנאָמישע באַרירונג מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג איז אָפט געווען זייער אַ באַגרענעצטע, זייער אַ שוואַכע.

אומעטום, וואוהין אידן זיינען געקומען אין מיטלאַלטער, אין מערב־אייראָפּע מער, אין מזרח־אייראָפּע ווייניקער, האָבן זיי געטראָפן אַ שטרענג געשלאָסענע געזעלשאַפט פאַר זיך — אַ געשלאָסענע ניט נאָר אין רעליגיעז־קולטורעלן זינען, נאָר אויך אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן. מען האָט געקאָנט קויפן פּריווילעגיעס ביי די הערשנדיקע פעאָדאַלע קלאַסן — פאַר אויספילן און אַנטוויקלען נייע עקאָנאָמישע פונקציעס אָדער פאַר טרייבן אינטענסיווער די אַנטוויקלונג פון אַלטע עקאָנאָמישע פונקציעס. מען האָט געקאָנט אויסנוצן די סתירות און קאָנפליקטן צווישן די פעאָדאַלן צווישן זיך און צווישן די הערשנדיקע פעאָדאַלן און אויפקומענדיקע שטאָטישע קלאַסן — און אַ דאַנק דעם האָט זיך אידן גאָר אָפט איינגעגעבן דורכצוקריכן אין די שפּאַלטן און שפּאַרונעס פון דער אַרומיקער געשלאָסענער געזעלשאַפט. די צעריסנקייט פון די דייטשע פירשטנטומס און קעניגטומס; די קאַמפן צווישן די פעאָ־

דאַלע הערשער און די שטאַטישע קלאַסן אין די דייטשע שטעט; די קאָנפליקטן צווישן די פוילישע פעאָדאַלן מיט דער קעניגלעכער מאַכט — דאָס אַלץ האָט געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָלע אין די פּריווילעגיעס, וואָס אידן פלעגן באַקו־מען אויף באַזונדערע מקומות אין דעם אָדער יענעם פונקט, אין דער אָדער אַנדערער געגנט. די צעריסנקייט פון די מאַכט־אָרגאַנען און זייער צעשפּאַלטונג, זייע־רע קעגנזייטיקע קאַמפן און קאָנקורענץ־טענדענצן האָבן געשאַפן יענע גינ־ציקע באַדינגונגען, וועלכע האָבן געגעבן אידן אַ מעגלעכקייט נאָכן גירוש פון איין ראַיאָן גלייך געפינען אַ מקום־מקלט אין שכנישן ראַיאָן, נאָכן גירוש פון איין שטאָט גלייך געפינען שוץ און הילף אין אַ שכנישער שטאָט.

אידן האָבן זייער קונציק מאַנעווירט צווישן די קעמפנדיקע הערשער פון פאַרשיידענע מדרגות פון איינעם און דעם זעלביקן לאַנד — דאָס האָט זיי מאַקסימום געגעבן אַ מעגלעכקייט אַריינצעשפּאַרן זיך אין די צווישן־שפּאַלטן פון דער ארומיקער געזעלשאַפט, אָבער ניט אַריינצוואַוקסן אָרגאַניש אין די מערהייטן פון די אַרומיקע סאָציאַלע גרופּעס און שטאַנדן. דער איד איז אומעטום אין מיטלאַלטער געבליבן ביי דער זייט, איזאָלירט ניט נאָר רעלי־גיעז, נאָר אויך סאָציאַל, קאָנצענטרירט אין אַ סאָציאַלער געטאָ אַפילו דאָרטן, וואו קיין געאָגראַפישע געטאָ איז ניט געווען. אין די ניט־אידישע סוחרים־גילדיעס און האַנטווערקער־צעכן האָט מען אידן ניט אויפגענומען. זיינען ביי אידן אויסגעוואַקסן פּאַראַלעלע קלאַסן ווי ביי ניט־יידן, זיינען אויך אויס־געוואַקסן ביי אידן פּאַראַלעלע באַזונדערע געשלאָסענע אינסטיטוציעס. די אידישע האַנטווערקער־צעכן זיינען געווען געבויט בצלם ובדמות פון די ניט־אידישע צעכן. צווישן די פונקציעס פונם אידישן קהל אין פּוילן, וואו דער אידישער האַנדל־קלאַס האָט זיך שטאַרק צעוואַקסן קוואַנטיטאַטיוו, זיינען געווען פיל תקנות, וואָס האָבן רעגולירט די מאַרק־פּראָגן. דער קהל ביי אידן אין פּוילן האָט געשפּילט בערך די זעלביקע ראָלע, וואָס די גילדיעס און מאַגיסטראַטן ביי דער ניט־אידישער באַפעלקערונג.

די אידישע מיטלאַלטערלעכע געטאָס זיינען לכן געווען אין אַ גרויסער מאָס אַ קינד פון דער אַרומיקער געשלאָסענער פעאָדאַלער געזעלשאַפט. מיר פאַרשפּאַרן דערקלערן, פאַרוואָס די אידן האָבן אַפילו ניט פּראָבירט אַריינ־צורייסן זיך אין די צוויי גרונט־שטאַנדן פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט — אין פעאָדאַלן פּריווילעגירטן שיכט — פּריצים, אָדער אין פאַריאַכטן און פאַרשקלאַפטן פּויערים־קלאַס. די אידישע געטאָס זיינען, לכן, פון איין זייט, דעטערמינירט געוואָרן דורך דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון דער

אידישער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער גרופּע, וועלכע האָט פאַרמאָגט אַזאַ מדרגה פון נאַציאָנאַל־רעליגיעזער באַוואוסטזיניקייט, אַז זי האָט זיך בכיוון געהאַלטן איזאָלירט און אָפּגעטיילט פון דער אַרומיקער ניט־אידישער געזעלשאַפט, און, פון דער צווייטער זייט, דורך דער אַרומיקער סאָציאַל־עקאָנאָמיש און רעליגיעז געשלאָסענער געזעלשאַפט, וואוהין אידן זיינען צוגעלאָזן געוואָרן פאַר ספּעציעלע שטרענג באַשטימטע עקאָנאָמישע פונקציעס, אָבער ניט קולטורעל נאָענט, ניט געזעלשאַפטלעך אינטים. אמת, אַפילו דעמאָלט האָט די אידישע איזאָלירטע געטאָ ניט געשעפּט אַלע אירע גייסטיקע זאַפטן נאָר און אויסשליסלעך פון די מיטגעבראַכטע אין גלות אַריין אייגענע קולטור־אוצרות אָדער פון די מיטגעבראַכטע פונם גירוש־לאַנד נייע קולטור־כוחות — אידן זיינען געקומען אין גייסטיקער באַרירונג מיט דער אַרומיקער ניט־אידישער געזעלשאַפט, אָבער אין זייער אַ באַגרענעצטער מאָס, נאָר דורך די גייסטיקע שפּיצן פוןביידע סביבות, דורך יחידי־סגולה. דער אידישער מאַסיוו פלעגט בלייבן שטאַרק אָפּגעשלאָסן און אָפּגעצוימט פונם פרעמדן אַרום.

פונדעסטוועגן פלעגן פאָרט די ווירקונגען און איינפלוסן פון די אַרומיקע פרעמדע סביבות זיך אַריינרייסן אַפילו אין די געטאָס, און אידן האָבן איבערגענומען ביי די פרעמדע סביבות ניט נאָר שפּראַכן, נאָר אויך ניגונים, מנהגים, טענץ וכדומה. באַזונדערס פלעגט די דערנענטערונג פאַרגיין ווייט און טיף דאָרטן, וואו ביי ביידע גרופּעס זיינען אויפגעקומען פאַראַלעלע קלאַסן, ווי אין פראַנקרייך, איטאַליע און דייטשלאַנד אין מיטלאַלטער. אָבער גראָד די דאָזיקע פאַראַלעלקייט, וואָס האָט געטראָגן אין זיך די קאַטאַסטראָפע פאַרן אידישן יחיד, האָט מיט זיך געווינלעך געבראַכט די ישועה פאַרן אידישן כלל. דאָ פלעגט קומען צום בולטסטן אויסדרוק די גרונט־סתירה פון אידישן גלות — לעבט זיך דעם אידישן יחיד גוט אין אַ לאַנד, ווערן אָפּגעשוואַכט די כלל־באַנדן, דראָט דעם אידישן כלל צעפאַל און אונטערגאַנג. אָבער דער גוטער מזל פון די אידישע יחידים פירט געווינלעך כמעט אומעטום צו קאַטאַסטראָפעס — צו רדיפות און גזירות און צום סוף צו גירושים און וואַנדערונגען. דער אידישער כלל ווערט ווידער צוזאַמענגעשמידט און צעמענטירט. וואָס ענלעכער דאָס אידישע לעבן אין אַ לאַנד פלעגט ווערן צום אַרומיקן; וואָס מער ביי דער אַרומיקער באַפעלקערונג ס׳פלעגן אויסוואַקסן קלאַסן, וועלכע האָבן געקאָנט איבערנעמען די אידישע פונקציעס; וואָס ווייניקער אידן האָבן אויסגעפילט אויסנאַם־פונקציעס אָדער אויסנאַם־לייסטונגען, אַלץ ווייניקער

האָט מען זיך אין זיי געגוויטיקט און אַלץ נאָענטער איז געקומען דער מאָמענט פון גירוש, אַלזאָ פון איבערוואַנדערונג און פון באַנייען די גורל־שותפות צווישן אידן פון פאַרשיידענע ראַיאָנען אָדער מלוכות.

גאָר נייע באַדינגונגען זיינען געשאַפן געוואָרן פאַר דער פרעמדער אידישער גרופּע מיטן אויפקומען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און מיטן נצחון פון די ליבעראַלע אידעען. אין דער קאָמערציאַליזירט־אינדוסטריאַליזירטער אַטאָמיזירטער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז דער איד געוואָרן, יעדנפאַלס באַדאַרפט אָדער טאַקע געווען שוין ווייט אויפן וועג צו ווערן אויס פרעמדער, אויס אויסנאַם־באַשעפעניש. די אַרומיקע סביבה איז „פאַראידישט" געוואָרן — האַנדל איז געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע און אַנגעזועסטע באַשעפטיקונגען. פון דער צווייטער זייט זיינען אידן אין 19טן יאָרהונדערט שטאַרק „פּאַרגויאישט" געוואָרן — אין לענדער מיט גרויסע געדיכטע אידישע מאַסן מיט אַ קאָלאָסאַלן צוואוואַקס, ווי נאָך קיין מאָל אין אונזער געשיכטע, האָבן אידן זיך אַ קער געטאָן אין גאַנץ גרויסע מאַסן צו פיזישע שוויס־פּרנסות — צו האַנטווערקעריי און פאַבריק־אַרבעט און אויך צו לאַנדווירטשאַפט און שוואַרץ־אַרבעט.ביידע סביבות האָבן שוין מער ניט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַבסאָלוט פאַרשיידענע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אָרגאַניזמען. נאָר זיינען געוואָרן ביידע דיפערענצירט מיט אַ קלאָרער טענדענץ, אַז די אידישע מינדערהייט זאָל מיט דער צייט ווערן אַן אָרגאַנישער טייל פון פאַרשיידענע סאָציאַלע גרופּעס און קלאַסן. אין משך פון גאַנצע הונדערט יאָר איז אין דעם רוב לענדער פון אייראָפּע געגאַנגען אַן איינגלידערונג פון דער אידישער מינדערהייט אין דער אַרומיקער מערהייט. און וואָס ווייטער און טיפער ס'איז געגאַנגען אין אַ לאַנד די סאָציאַל־עקאָנאָמישע איינגלידערונג, אַלץ ווייטער און טיפער איז געגאַנגען אויך די קולטור־שטייגערישע אַריינוואַקסונג פון די אידן אין דער פרעמדער ניט־אידישער סביבה.

פון דער צווייטער זייט איז געגאַנגען אַ נאַציאָנאַלע דיפערענציאַציע פון אייראָפּע גופא — נאָך אָנהויב 19טן יאָרהונדערט האָבן געהערשט אין גאַנץ צענטראַל־ און מזרח־אייראָפּע צוויי שפּראַכן, וועלכע האָבן פאַרמאָגט אַסימיליר־קראַפט און האָבן טאַקע באַהערשט די אידישע העכערע שיכטן. דאָס זיינען געווען דייטש און רוסיש — די צוויי פּאָליטיש דעמאָלט הערשנדיקע שפּראַכן און קולטורעל די איינפלוסרייכסטע. צום ערשטן פערטל פון 20טן יאָרהונדערט זיינען שוין אויסגעוואַקסן מינימום נאָך אַ צענדליק שפּראַכן,

וואוהין גייען מיר?

וועלכע האבן באקומען פאליטישע זעלבשטענדיקייט און קולטורעלע אסימילירקראפט: אונגאריש, פויליש, רומעניש, טשעכיש, אוקראיניש, ליטוויש, לעטיש, ווייסרוסיש, סערביש, בולגאריש וכדומה. די דאזיקע נאציאנאלע קולטור־דיפערענציאציע פון אייראפע האט געבראכט צו א טיפערער צעשפאלטונג פון די פארשיידענע אידנשאפטן.

די דאזיקע אנטוויקלונג האט אויך געענדערט די פיזיאנאמיע פון די אויסוואנדערנדיקע אידישע מאסן. ביזן סוף פון 19טן יארהונדערט און נאך אין ערשטן צענדליק פון 20טן יארהונדערט האבן די אויסוואנדערנדיקע אידישע מאסן פון גאנץ צענטראל־ און מזרח־אייראפע גאר גרינג זיך געקאנט צונויפרעדן צווישן זיך, און ניט נאר מעכאניש זיך צונויפרעדן, נאר טאקע טיף פארשטיין און פילן איינער דעם אנדערן. אבער וואס נאענטער צו אונזער צייט, אלץ אפגעפרעמדטער איז מען געווארן און אלץ מער אפגעריסן און אפגעשניטן איין גרופע פון דער צווייטער. ניט נאר איז דאס אונגארישע אידנטום געווארן אבסאלוט פרעמד דעם רוסישן, נאר אפילו דאס פוילישע אידנטום איז ווי געווארן פרעמד דעם טשעכישן אדער רומענישן. און וואלט דער פראצעס פון די לעצטע 25 יאר אנגעהאלטן נאך א פאר צענדליק יאר, וואלטן די אייראפעאישע אידנשאפטן גאר פארפרעמדט געווארן צווישן זיך.

ווידער האט די קאטאסטראפע ווי געראטעוועט די לאגע — די אויסוואנדערנדיקע אידישע מאסן פון א פאר צענדליק אייראפעאישע לענדער האבן זיך געטראפן אויף די ים־שיפן — די גורל־געמיינשאפט האט זיי אלע צוזאמענגעבראכט און מאניפעסטירט פאר דער גארער וועלט די הימלאזיקייט פון אלע סארטן אידן, פון רייכע און ארעמע, פון געבילדעטע און אפגעשטאנענע, פון פרומע און ניט־פרומע, פון צוגעבונדענע צום אידישן שטאם און פון אזעלכע, וועלכע האבן געהאט פארגעסן אין זייער אידישקייט. אבער דער צוזאמענטרעף אויף די שווימענדיקע שיפן האט מאניפעסטירט נאך איין זאך: די אויסגעוואקסענע צווישן פארשיידענע אידנשאפטן קולטור־ און שפראךמחיצות זיינען געווארן פיל שטארקער פון דער רעליגיעזער געמיינשאפט. די געמיינזאמע קאטאסטראפע איז גענוג אויף צו מאכן פון אלע קרבנות פארסיווע גלידער פון דעם אידישן פאלק — זי איז אבער, ליידער, ניט גענוג אויף זיי קולטורעל ווידער צוזאמענצושמעלצן און בילדן פון זיי א נאציאנאלבאוואוסטזיניקן קאלעקטיוו. די איבערוואנדערונג אין א נייעם גלות איז שוין מער ניט אימשטאנד אליין, ווי אין די פריערדיקע תקופות, צו פארנייען די ריסן צווישן פארשיידענע אידנשאפטן. בפרט נאך, אז די איבערוואנדערונג האט היסטאריש אין גאנצן געביטן איר ריכטונג, איר פארנעם און איר גאנצן תוך.

5

קאָנצענטראַציע און צעוואָרפנקייט

דער דענאַציאָנאַליזאַציע־פּראָצעס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין אייראָפּע אַ דאַנק דער נאַציאָנאַלער דיפערענציאַציע פון דעם דאָזיקן קאָנטינענט, נעמט אָן אין די איינוואַנדערונג־לענדער די געפערלעכסטע מאַסשטאַבן און פאָרמען. די אָפּגעפרעמדטקייט צווישן אַרגענטינער און אַמעריקאַנער אידן, צווישן בראַזיליאַנער און קאַנאַדער אידן, צווישן דרום־אַפריקאַנישע און מעקסיקאַנישע אידן און אַזוי ווייטער איז ניט צו פאַרגלייכן מיט דער צעטיילונג, וועלכע האָט עקזיסטירט אין אייראָפּע.

ביז בערך צוריק מיט אַ וועלכע הונדערט יאָר איז וועלט־אידנטום אייגנטלעך געווען פּאַקטיש אייראָפּעאיש אידנטום. עס האָבן דעמאָלט גע־לעבט עטלעכע הונדערט טויזנט אידן, בערך אַרום 15 פּראָצענט פון גאַנצן אידישן פאָלק, אין אַזיע און אַפריקע, אָבער דאָס זיינען געווען ספרדישע און אַראַבישע אידן, וועלכע זיינען שוין פון לאַנג אָפּגעריסן פונם שאָפּנדיקן הויפּט־וואָרצל פונם וועלט־אידנטום. וואַרפט מען זיי אַראָפּ פון חשבון, ווייל זיי האָבן אין משך פון לאַנגע דורות שוין כמעט גאָרניט אַריינגעטראָגן אין אַלגעמיינעם שאָפונג־אוצר פון אונזער פאָלק, בלייבן מיר ביים אַשכנזישן אידנטום, וואָס האָט אויף 98 אָדער אַפילו 99 פּראָצענט געלעבט אין אייראָפּע און דערביי כמעט אויסשליסלעך אין מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע. די פאַרשיידענע אייראָפּעאישע אידנשאַפטן האָבן זיך קעגנזייטיק באַדינט מיט תורה און חכמה, מיט רבנים און חזנים, מיט משכילים און סופרים און אויך מיט לעבעדיקע אידן. צווישן פוילן און דייטשלאַנד, די צוויי גרעסטע כמות און איכות־צענטערן פון אידנטום ביז ווייט אין 19טן יאָרהונדערט, איז געווען ניט נאָר אַ לעבעדיקער אינטענסיווער קאָנטאַקט אין פּרט פון רעליגיעזע און קולטורעלע פראַגן, נאָר אויך אַ לעבעדיקער בייט מיט מענטשן. זעלבסטפאַר־שטענדלעך, אַז מיר מיינען דאָ פוילן אין זינען פון פאַר דער צעטיילונג פון דער דאָזיקער מלוכה אין 18טן יאָרהונדערט און דייטשלאַנד אין זינען פון

וואוהין גייען מיר?

הערשאפט פון דער דייטשער שפראך און קולטור, אלזא אריינגערעכנט וויך, בעמען און מערן. אין 14טן און 15טן יארהונדערט איז געגאנגען א גרויסער וואנדערער־שטראם פון דייטשע לענדער קיין פוילן און טיפער ביז אוקראינע, און אין 17טן, 18טן און 19טן יארהונדערט האבן פוילישע אידן אין ברייטן זינען פון ווארט אויסגעוואנדערט קיין דייטשלאנד און עסטרייך. אין דייטש־לאנד האבן געלעבט ערב דער איצטיקער מלחמה 100 טויזנט מזרח־אירא־פעאישע אידן און ווין איז באשטאנען אויף א העלפט פון גאליצישע אידן. דער קאנטאקט איז אלזא געווען ניט קיין אבסטראקטער און ניט קיין יחידי־שער, נאר בפירוש א מאסאווער און דעריבער אזא לעבעדיקער און רעזולטאט־רייכער.

די גאנצע השכלה־באוועגונג פון די פארשיידענע צענטערן פון אייראפע איז געווען א געמיינזאמע און מיט א קעגנזייטיקער באאיינפלוסונג, ווארום ניט נאר האבן די בערלינער געווירקט אויף לעמבערג און קראקע, נאר די לעצטע האבן געווירקט אויך אויף בערלין. די אידישע וויסנשאפט פון אלע מזרח־איראפעאישע לענדער האט געשעפט פונם דייטש־אידישן קוואל, וועל־כער איז אבער פון זיין זייט בארייכערט און באזאפטיקט געווארן דורך צו־קומענדיקע גייסטיקע קרעפטן פון מזרח־אייראפע, באזונדערס פון פויזן און גאליציע.

די דייטשע אסימילאציע איז געווען ביז א געוויסער צייט זייער א פרוכט־בארע — די גאנצע חכמת־היהדות איז געווען א רעזולטאט פון אן אויסער־לעכער באפרוכפערונג פון נאציאנאלע קרעפטן, וועלכע זיינען געוואקסן אין געטא. דער ערשטער דור דייטש־אידישע משכילים זיינען דאך געווען קינדער פון געטא, אויב ניט פון פיזישן, איז פון גייסטיקן. און אין דעם זינען איז אויך די רוסישע אסימילאציע, די סאמע פרוכטבארסטע נאך דער דיי־טשער, געווען א קינד פון געטא.

ענלעך ביז א געוויסער מאס איז געווען די לאגע אין די אמעריקאנער לענדער — צווישן די דייטש־אידישע איינוואנדערער פון צוריק מיט הונ־דערט יאר זיינען געווען גאר א סך, וועלכע האבן נאך געלערנט אין חדר און אפילו אין ישיבה. א סך האבן טאקע שוין גערעדט דייטש, האבן אבער אויך גערעדט אידיש און גאר אפט געקאנט העברעאיש און זיינען נאך גע־ווען געקניפט און געבונדן מיט אידישע אינטערעסן און מיט אידישקייט. דער רוב איז נאך געווען פרום, באזונדערס דער טייל, וואס איז געקומען פון פויזן און פון בייערן. די רוסיש־אידישע, די פויליש־אידישע און די אונ־

גאָריש־אידישע עמיגראַציע־כוואַליעס פון צוריק מיט אַ פּאָר דורות האָבן געבראַכט מיט זיך זייער ווייניק אַסימילירטע אידן, זייער ווייניק באמת אָפּ־געריסענע פונם אידישן לעבן עלעמענטן. מערסטנטיילס זיינען דאָס געווען פּשוטע פרומע אידן אָדער אינטעליגענטן מיט אידישע קענטעניש און מיט אידישע טראַדיציעס. אויף וויפיל די דאָזיקע כוואַליעס האָבן זיך קאָנ־צענטרירט אין איין אָדער צוויי־דריי לענדער, אין די שטאָטן און אין אַרגענ־טינע און קאַנאַדע, איז די צוזאַמענשמעלצונג געווען מעגלעך, כאָטש אויך גענוג שווער. אין די גאָר לעצטע יאָרן, ווי באַלד ס'האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אַסימילירטע פראַנצויזישע, אַסימילירטע דייטשע, אַסימילירטע אונגאַרישע, אַסימילירטע רומענישע, אַסימילירטע פּוילישע, אַסימילירטע רוסישע און אַזוי ווייטער און ווייטער אַסימילירטע אידן, איז די צוזאַמענשמעלצונג אַפילו אין איין לאַנד, אַפילו אין איין שטאָט, געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער. אין ניו־יאָרק ווערן אַרויסגעגעבן פון די צוויי צענדליק אידישע פּליכטלינג־קאָלאָניעס צוויי צענדליק אויסגאַבעס אין פרעמדע שפּראַכן. אויף געמיינ־זאַמע פאַרזאַמלונגען רעדט מען ענגליש, ווייל אידיש איז ניט פאַרשטענדלעך פאַר אַלע, און אידיש האָט צו ווייניק פּערספּעקטיוון, אַז דער אַסימילירטער פּליכטלינג זאָל זיך כאַפּן אויסלערנען די דאָזיקע שפּראַך. מען גייט גרינג איבער פון איין שפּראַך־ און קולטור־אַסימילאַציע צו אַ צווייטער — צו דער ענגלישער אָדער שפּאַנישער. דער מיטגעבראַכטער אידישער באַגאַזש באַ־שטייט אָפט אויסשליסלעך פון די קלעפּ, וואָס מען האָט געכאַפּט פונם אַנטי־סעמיטיזם — האָט אָבער דער מענטש בכלל און דער איד גאַנץ באַזונדערס ליב צו פאַרגעסן אַזעלכע ביטערע זאַכן. די בייטש פון די טאָג־טעגלעכע נויטן און באַדערפענישן שמייסט אַזוי שטאַרק, אַז מען האָט קיין צייט ניט זיך אָפּ־צוגעבן אַ נאַציאָנאַלן חשבון פון דעם דורכגעלעבטן אין אייראָפּע. אַ גרויסער פּראָצענט פון די איינוואַנדערער איז שוין אַזוי טיף אַסימילירט, אַז ער פילט גאָר כמעט ניט דעם אידישן טעם פון דער קאַטאַסטראָפע. ער שטעלט דעם טראָפּ אויף דער פּאָליטישער און ניט נאַציאָנאַלער זייט פון דער פראַגע.

נאָר וואָלטן זיך כאָטש אַלע איינגעוואַנדערטע אידן אַסימילירט נאָר מיט איינער אָדער צוויי שפּראַכן און קולטורן, וואָלט מען דאָך געקאָנט האָפן, אַז אין אַ דור אָדער צוויי אַרום וועלן אַלע זיין אַסימילירט אויף איין שניט און נוסח, און מיר וועלן האָבן אַן ענגליש־אַמעריקאַנער אידנטום מיט אַ געוויסער אידישער פיזיאָנאָמיע און אַ שפּאַניש־אַרגענטינער אידנטום מיט אַ באַשטימ־טער פיזיאָנאָמיע. דער צווייפאַכיק אַסימילירטער איד וועט געוויס זיין פיל

וואוהין גייען מיר?

אָרעמער אין אידישן זינען, שוואַכער אין אידישע געפילן, פיל מער אָפּגע־ריסן פונם אידישן שטאַם, ווי דער פריערדיקער אַסימילאַנט, וואָס איז גע־קומען פון אַ אידישער נאַציאָנאַל־אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט. אָבער דאָך האָט מען נאָך געקאָנט האָפן, אַז ס'וועט זיך אויסקריסטאַליזירן אַן איינהייטלעך אידנטום, זאָל זיין אַן אַסימילירטס, אָבער דאָך איינהייטלעך, לכן פאָרט ניט אַזוי צעריסן, פאָרט ניט אַזוי צעברעקלט, ניט אַזוי צעפרעמדט צווישן זיך. אָבער דאָ חזרט זיך איבער די אייראָפּעאישע אַסימילאַציע אין נאָך שאַרפערע און צעשפּאָלטנדיקערע פאַרמען. ווי דער אונגאַרישער איד איז ניט געוואָרן אָפּגעפרעמדט פונם עסטרייכישן אין די לעצטע הונדערט יאָר, אַ געוויסער צוזאַמענהאַנג איז געבליבן; ווי דער פּוילישער איד איז ניט געוואָרן אָפּגע־ריסן פונם רומענישן, ווי דער רוסישער איד איז ניט געוואָרן אָפּגעשפּאָלטן פונם דייטשן, ווי דער יוגאָסלאַווישער איד איז ניט געוואָרן אָפּגעפרעמדט פונם פּוילישן אידן און אַזוי ווייטער און ווייטער, דער תהום איז ניט געווען אַזוי טיף, ווי ער וועט מוזן זיין אין אַ פערטל יאָרהונדערט אַרום צווישן באַליוויער אידן און קאַנאַדער, צווישן טשיליער אידן און ניו־יאָרקער, צווישן מעקסיקאַנער אידן און אויסטראַליער, צווישן פּערואַנער אידן און אידן פון דרום־אַפריקע און אַזוי ווייטער און ווייטער. דאָס צעריסענע אייראָפּעאישע אידנטום וועט האָבן קרובישע פאַרבינדונגען אין דער גאָרער וועלט, אין אַלע עטלעכע און אַכציק לענדער, וואוהין אידן האָבן אויסגעוואַנדערט אין די לעצטע צען יאָר, אָבער מיט דער צייט וועלן דאָך די דאָזיקע באַנדן מוזן אָפּ־געשוואַכט ווערן, און אויך אַזאַ אופן וועט אַן אייניקל פון באַליוויע פון אַ זיידן פון פּוילן ניט נאָר ניט קאָנען זיך צונויפרעדן איינער מיטן אַנדערן, נאָר זיי וועלן אויך מיט דער צייט אויפהערן זיין קרובים, אויפהערן אָנהאַלטן די קרובה'שאַפט.

צווישן די אידנשאַפטן פון מער ווי 90 לענדער, איבער וועלכע אידן זיינען איצט צעשאָטן, וועלן אויסוואַקסן אַזעלכע הויכע שפּראַך־ און קולטור־מחיצות, וועלן אויסגעגראָבן ווערן אַזעלכע טיפע שטייגער־ און זיטן־תהום'ען, אַז מיר וועלן האָבן צענדליקע פרעמדע צווישן זיך אידנשאַפטן. מעגלעך, אַז אידן וועלן אין ערגעץ ניט אין גאַנצן אַסימילירט ווערן, וועלן ניט צוזאַ־מענוואַקסן מיט דער אָרומיקער באַפעלקערונג ביז „ולא נודע כי באו אל קרבה", וועלן ניט פאַרשלונגען ווערן פון דער פרעמדער סביבה ביזן דנאָ — דאָס איז אָבער נאָר אַ קליינע טרייסט. דאָס וועט ניט געבן קיין זאַפט פאַר געמיינזאַמע נאַציאָנאַלע שאַפונגען, פאַר געמיינזאַמע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען.

יעקב לעשצינסקי

מיר האָבן אין אונזער געשיכטע אַ גוטע לעקציע, ווי ווייט שפּראַך און קולטור קאָנען צעטיילן און פאַרפרעמדן, אַז קיין רעליגיעזע געמיינזאַמקייט זאָל מער ניט אימשטאַנד זיין צוריק צו פאַראייניקן און צוזאַמענצובינדן. פון די אידן פון די אַראַבישע לענדער זיינען מיר אָפּגעריסן אַ פאָר טויזנט יאָר און ס'איז קיין חידוש ניט, וואָס מיר זיינען זיי פרעמד און זיי אונז נאָך מער. און נאָר אין פאַלן פון גרויסע קאַטאַסטראָפעס דערוואַכט דאָס אַלטע ברידער־געפיל און מיר באַקלאָגן זיי אָדער זיי באַוויינען אונזער גורל. אָבער מען מוז מודה זיין, אַז די רעאַקציע איז אַ סך אַ שוואַכערע, ווי די אייראָפּעאישע אידן צווישן זיך. מיט די שפּאַנישע אידן האָבן מיר געלעבט אויף איין קאָנ־טינענט און אין גאָר נאָענטער שכנות און פיל הונדערטער יאָרן, ביז דעם גירוש־שפּאַניע, אין אַ גאַנץ לעבעדיקן גייסטיקן קאָנטאַקט — און דאָך ווי פאַרפרעמדט מען איז געוואָרן! אפילו אין ירושלים, וואו די העברעאישע שפּראַך און די געמיינזאַמע גאולה־אידעע וואָלטן באַדאַרפט שטאַרק דער־נענטערן די פאַרשיידענע טיפּן אידנשאַפטן, גיט זיך ניט איין צו פאַרנייען די ריסן, וואָס די גלות־אָפּגעפרעמדטקייט האָט געמאַכט. די „געמישטע" חתונות צווישן ספרדים און אַשכנזים אין ירושלים זיינען ווייניקער פון די געמישטע חתונות אַפילו צווישן אידן און פּאָליאַקן, שוין אָפּגערעדט פון גע־מישטע חתונות אין אַזעלכע לענדער ווי דאָס אַמאָליקע דייטשלאַנד, עסטרייך אָדער אונגאַרן.

דערביי אָבער מוז מען נעמען אין אַכט, אַז די שפּאַלטונג צווישן די אַשכנזישע און ספרדישע אידן איז פאַרגעקומען אין אַ צייט, ווען, פון איין זייט, איז די רעליגיע געווען דער הויפּט־פאַקטאָר אין אידישן לעבן און איר צוזאַמענהאַלטנדיקע ווירקונג איז געווען אין לשער און, פון דער צווייטער זייט, איז די אידישע אַריינלעבונג און אַריינוואַקסונג אין די אַרומיקע פרעמ־דע קולטורן געווען ביז גאָר שוואַך. איצט איז די לאַגע אַ פאַרקערטע. די רעליגיע פאַראייניקט גאָר שוואַך, אָבער די געמיינזאַמע קולטור בינדט שטאַרק צוזאַמען. מיר לעבן אין אַ צייט ווען די קולטור־באַנדן זיינען די מעכטיקסטע פאַקטאָרן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. מעגן אידן ווי גערודפט ווערן אין דייטשלאַנד, זייער צוגעבונדנקייט צו דער דייטשער שפּראַך און קולטור האָט גאָר ווייניק געליטן דערפון. דאָס זעלביקע קאָן מען זאָגן וועגן די אונ־גאַרישע אידן און וועגן גרויסע טיילן אַפילו פון די פּוילישע אידן. די גע־מיינזאַמע שול אין דער פרעמדער שפּראַך איז גובר די ווירקונג פון דער צעטיילנדיקער רעליגיע. די אָפּגעפרעמדטקייט צווישן די פאַרשיידענע

וואוהין גייען מיר?

אידנשאַפטן, וועלכע ווערן פון טאָג צו טאָג אַלץ מער שפּראַכלעך און קול־טורעל צעריסן צווישן זיך און גראַוויטירן אַלץ מער און מער צו פרעמדע לעבנס־שטייגערן און צו פרעמדע לעבנס־נוסחאות — אָט די דאָזיקע אָפּ־געפרעמדטקייט מוז מיט דער צייט ברענגען ניט צו איין שפּאַלטונג, ווי צווישן די אַשכנזישע און ספרדישע אידן, און ניט צו דריי אָדער פיר שפּאַל־טונגען, נאָר צו גאַנצע 90 שפּאַלטונגען.

די דעצענטראַליזאַציע פון דער אידישער וואַנדערונג, איר צעוואָרפנ־קייט און צעשאָטנקייט איבער אַלע ימים און אַלע יבשות מאַכן די פראַגע וועגן די אויסוואַקסנדיקע קולטור־ און שפּראַך־מחיצות ברענענדיק. און אויב מיר ווילן ניט האָבן קיין נייעם פאַקטאָר, וועלכער זאָל אין וועלכער ס׳ניט איז מאָס פאַרבייטן די צוזאַמענבינדנדיקע ראָלע פון דער רעליגיע און זאָל שאַפן נייע מאָדערנע קולטור־ און האָפענונג־באַנדן צווישן די 90 אידישע ישובים פון דער גאַרער וועלט, וועט דער צוזאַמענהאַנג צווישן אידן פון פאַרשיידענע לענדער הענגען טאַקע נאָר אויף צדקה און אויף פּאָגראָמען־טרערן. דאָס זיינען צוויי זייער שיינע זאַכן, אָבער זיי זיינען ווייט ניט גענוג פאַר אַ פאָלק, אום צו שאַפן געמיינזאַמע קולטור־ווערטן.

אַ גלענצנדיקע אילוסטראַציע צו דעם ניט נאָר שפּראַכלעכן, נאָר אויך פסיכישן דור־הפלגה, וואָס שאַפט זיך ביי אונז אַ דאַנק דער גראַוויטאַציע פון פאַרשיידענע אידנשאַפטן צו באַזונדערע קולטור־פאַרמען און פאַרשיידענע קולטור־נוסחאות, האָבן מיר ניט לאַנג צוריק געזען אין ניו־יאָרק. דעם פאַרבאַנד פון רוסישע אידן אין ניו־יאָרק איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק אָוועק־צושטעלן אויף איין טריבונע אידישע דיכטער אין פאַרשיידענע שפּראַכן. מיר האָבן ניט צופעליק געשריבן „אידישע דיכטער", ווייל די אַלע איינגעלאַדענע דיכטער, וואָס שרייבן אויף פרעמדע שפּראַכן, שרייבן גאָר אָפּט אויף אידישע טעמעס און האַלטן זיך ניט פאַר אידן־דיכטער, נאָר בפירוש פאַר אידישע דיכטער. געמיינט האָט דער פאַרבאַנד צו טון אַ וואוילע זאַך — פאַראייניקן, פאַרברידערן געליטענע קינדער פון איין פאָלק, פון איין גורל־געמיינשאַפט. באַקומען האָט זיך אַ שוידערלעכע אילוסטראַציע צו אונזער דור־הפלגה־טראַגעדיע, צו אונזער צעריסנקייט־קאַטאַסטראָפע, צו אונזער צעלויפן זיך אין פאַרשיידענע שפּראַך־ און קולטור־ריכטונגען. דאָס פּובליקום, מייסטנס פּליטלינגע פון רוסלאַנד, האָט גוט פאַרשטאַנען דעם רוסישן דיכטער, האָט שוואַך פאַרשטאַנען דעם אידישן, נאָך שוואַכער דעם דייטשן און שוין גאָרניט פאַרשטאַנען דעם פראַנצויזישן. נאָר לאָמיר לאָזן דאָס פּובליקום — אינטע־

רעסאַנטער זיינען די משוררים, אַלע באַקלאַגער און באַוויינער פון איין און דעם זעלביקן אידישן גלות־גורל. זיי האָבן וויניקער פון אַלץ פאַרשטאַנען אָדער געפילט איינער דעם אַנדערן. ניט נאָר אין שפּראַך זיינען זיי געווען פרעמד איינער דעם אַנדערן — אויך אין ריטם, אין קלאַנג, אין גייסט. יע־דער פון זיי, חוץ דעם אידיש־אידישן, האָט געזונגען אינם גייסט פון דעם פאָלק, צו וועמען ער האָט קולטורעל געהערט. קולטורעל און ניט נאָר שפּראַכלעך, וואָרום כדי צו ווערן אַ רוסישער אָדער פראַנצויזישער פּאָעט פון וואָג און ווערט, איז ניט גענוג אויסערלעך קאָנען די שייכות׳דיקע שפּראַך — מען מוז זיין טיף דורכגעדרונגען מיט דער גאַנצער קולטור פון דער דאָזי־קער שפּראַך. אַן אינטימער תהום איז געלעגן צווישן די ריטמען און קלאַנ־גען פון די דאָזיקע פיר דיכטער, וועלכע האָבן זיך גאָרניט צופעליק צוזאַמענ־געטראָפן אויף איין טריבונע. און וואָלט מען צו די דאָזיקע פיר דיכטער געווען צוגעגעבן נאָך אַ פּאָר צענדליק, אַן אונגאַריש־אידישן דיכטער, אַ פּויליש־אידישן דיכטער, אַ רומעניש־אידישן, אַ שפּאַניש־אידישן, אַן ענגליש־אידישן דיכטער און אַזוי ווייטער און ווייטער, וואָלט ערשט געווען געוואָרן קלאָר און בולט, וואָס פאַר אַ קללה די דאָזיקע שפּראַך־עשירות איז אין דער ווירקלעכקייט און וואָס פאַר אַ נשמה־פרעמדקייט ס׳צעטיילט אָט די אַלע קינדער פון איין פאָלק. מעגלעך, אַז אָט די אַלע פרעמד־שפּראַכיקע אידישע דיכטער זיינען פון זייערע בעלי־בתים פעלקער גאָרניט אָנערקענט, גאָרניט צוגערעכנט צו זייערע נאַציאָנאַלע שאַפונגען און ווערטן. די זייט אינטערע־סירט אונז אָבער דאָ ניט — פאַר אונז איז וויכטיק, וואָס פון אונז, פון אידן מיט אַן אייגענער שפּראַך און אַן אייגענעם שאַפונג־ריטם, זיינען זיי אָפּגע־ריסן, פאַרפרעמדט און צווישן זיך זיינען זיי צעטיילט אויף אַזוי פיל ריטמען און נוסחאות, אויף וויפיל פרעמדע שפּראַכן זיי שרייבן.

צו דעם דאָזיקן שפּראַכלעכן און פסיכישן דור־הפלגה דערנענטערן מיר זיך מיט גיכע שריט, און וואָס פרייער אידן וועלן לעבן אין דער וועלט, אַלץ טיפער וועט זיין דער אַריינוואַקס פון די שאַפנדיקע כוחות פון יעדן באַזונ־דערן אידנטום אין זיין קולטור־סביבה און אַלץ פרעמדער וועלן זיי ווערן צווישן זיך און אַלץ קאַטאַסטראָפאַלער וועט ווערן דער צעפאַל פון אידישן פאָלק אַלס אַן אָרגאַניש־גאַנצע שאַפנדיקע איינהייט. די קאַטאַסטראָפעס און גירושים, רדיפות און נגישות, וועלכע האָבן געבראַכט אין משך פון גאַנצן גלות צו וואַנדערונגען און צו צוזאַמענהעפטונגען פון די פראַנצויזישע מיט די דייטשע אידן, פון די דייטשע מיט די פּוילישע, פון די מזרח־אייראָפּעאישע

וואוהין גייען מיר?

עמיגראַנטן מיט די מערב־איראָפּעאישע — אַט די דאָזיקע היסטאָרישע נאַ־ציאָנאַלע ישועה, וועלכע פּלעגט אָפּראַטעווען דורך וואַנדערונג דעם כלל פון צעפאַל און אונטערגאַנג, פאַרלירט מיט דער דעצענטראַליזאַציע פון דער איינוואַנדערונג איר פאַראייניקונג־קראַפט, אַלזאָ איר נאַציאָנאַלע רפואה.

צו די באַשריבענע אָביעקטיווע פּראָצעסן, וועלכע האָבן צעשניטן און צעריסן דאָס נאָך גאָר ניט לאַנג איינהייטלעכע מזרח־איראָפּעאישע אידנ־טום, איז נאָך צוגעקומען אַ סוביעקטיווער מאָמענט, וועלכער שפּילט גאָרניט קיין קליינע ראָלע אינם צעפאַל און דיזאינטעגראַציע פונם וועלט־אידנטום. ביז דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט זיך יעדער איד געפילט אין גלות, ווי אין דער פרעמד, ווי אַ פרעמדער, ווי אַן אורח, ווי אַ צייטווייליקער, וואָס הערט ניט אויף צו טרוימען און צו שטרעבן זיך אומצוקערן אַהיים, אין לאַנד פון די אָבות. אין די רוהיקסטע גלות־יאָרן, אין די בעסטע צייטן האָבן אידן ניט אויפגעהערט צו גלויבן, אַז שיבת־ציון מוז קומען און אַז גלות איז אַן איבערגאַנג־צושטאַנד, אַן אומנאָרמאַלע לאַגע, וועלכע וועט מוזן געענדערט ווערן.

אמת, דער של״ה הקדוש האָט זיך אין זיין צייט (אָנהייב 17טן יאָר־הונדערט) געקלאָגט, אַז „לבי היה בוער תמיד כשראה ראיתי בני ישראל בונים בתים כמו מבצרי השרים, עושים דירת קבע בעולם הזה ובארץ הטמאה, וזה נראה ח״ו כהיסח הדעת מהגאולה" (מיין האַרץ האָט תמיד געברענט אין מיר, ווען איך פלעג זען, ווי אידן בויען הייזער ווי פריצישע פעסטונגען, באַ־זעצן זיך ווי אויף שטענדיק אין דער דאָזיקער וועלט און אין דעם טמא־לאַנד, און דאָס קאָן דאָך אויסזען ווי זיך אָפּווענדן פונם אויסלייז־געדאַנק). און ר' יעקב עמדין האָט געשטראָפט און געזאָגט, אַז „אלמלא לא היה אלא עון זה בידנו, שאין מתאבלין על ירושלים כראוי — די להאריך את גלותנו" (ווען מיר זאָלן אַפילו האָבן נאָר דעם איינעם חטא, וואָס מיר קלאָגן אַזוי ווייניק אויף ירושלים — וואָלט דאָס שוין געווען גענוג, אַז מיר זאָלן בלייבן ווייטער אין גלות); און ער גייט ווייטער צו, אַז „והיא בעיני הסבה קרובה היותר גלויה, עצומה וחזקה לכל השמדות המופלגות הנוראות המבהילות הרעיונים, אשר מצאונו בגלות, בכל מקומות פזורינו, על צוארנו נרדפנו, לא הונח לנו להרגיע בגוים עם שפלותנו ענינו ומרודנו, לפי שיצא האבל הלז מלבנו, בהיותנו שוקטים בארץ לא לנו שכחנו את ירושלים ולא עלתה על לבנו" (און דאָס איז אין מיינע אויגן די בולטסטע און שטאַרקסטע סיבה פון אַלע אומגעהייערע פאַרטיליקונגען, וואָס צעמישן אונזערע געדאַנקען, וואָס מיר ווערן אַזוי גע־

יאָגט אין קאַרק אַריין, מען לאָזט אונז ניט קיין רגע רו צווישן די פעלקער, ווייל דער דאָזיקער טרויער איז אַוועק פון אונזערע הערצער, ווייל מיר זיצן זיך רואיק אין אַ פרעמד לאַנד און מיר האָבן פאַרגעסן ירושלים און זי איז ניט מער אין אונזער הארץ).

די דאָזיקע שטראָף־רייד זיינען געוויס אַ באַווייז, אַז ס'זיינען שוין דעמאָלט געווען עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך מיאש געווען פון דער גאולה און פסיכיש זיך צוגעפאַסט צום גלות אַלס צו אַן אומפאַרמיידלעכן אייביקן צושטאַנד. דאָך ווייזן מיר, אַז די גרעסטע מערהייט פון אידישן פאָלק איז ביז דער עמאַנסיפּאַציע־אַסימילאַציע־עפּאָכע געווען פסיכיש טיף געטריי דער גאולה־האָפענונג און ניט נאָר זיך עפנטלעך ניט אָפגעזאָגט פונם געדאַנק פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, נאָר איז געווען גרייט מקריב זיין אַלע טאָג־טעג־לעכע אינטערעסן פאַרן גאולה־טרוים. די לאַנגיאָריקייט פונם גלות, די אָפטע דורכפאַלן פון די פאַלשע משיחים האָבן, פאַרשטייט זיך, געמוזט ווירקן אויף דער אינטענסיווקייט פון דעם נאַציאָנאַל־רעליגיעזן געפיל, וואָס האָט געמאַכט אַזוי גרינג דעם אמתן אידן איבערצוטראָגן אַלע גלות־ענויים. שווער און טראַגיש איז געוואָרן די לאַגע פאַרן מאָדערנעם אידן! פאַרן אידן, וועל־כער האָט ניט געוואָלט גיין אין די וועגן פון יענע פראַנצויזישע אידן, וועלכע האָבן דערקלערט, אַז „פראַנקרייך, וואָס האָט די ערשטע אָראָפּגענומען די שאַנדע פון יהודה, איז אונזער ארץ־ישראל", און האָט אויך ניט געוואָלט בלייבן אַ פרעמדער און אורח אין לענדער, וואו אידן האָבן געלעבט פיל הונ־דערטער יאָרן, געשאַפן גרויסע מאַטעריעלע און קולטורעלע ווערטן און זיך געפילט באמת ניט נאָר בירגערלעך, נאָר בפירוש לאַנדשאַפטלעך־אינטים און גייסטיק־קולטורעל שטאַרק צוגעבונדן צום פרעמדן פאָטערלאַנד און טיף פאַרוואַקסן מיט דער גאַנצער אַרומיקער ניט־אידישער וועלט.

ניט דאָ איז דאָס אָרט זיך אָפּצושטעלן באַריכות אויף דער דאָזיקער טיף־טראַגישער סתירה אין דער נשמה פונם מאָדערנעם אידן, וואָס וויל בלייבן אַ איד — פאַר אונז איז דאָ וויכטיק נאָר פעסטצושטעלן, אַז אין רעזולטאַט פון דער אַסימילאַציע האָט זיך געשאַפן ניט נאָר אַ שפּראַכלעך־קולטורעלע פרעמדקייט צווישן אידן פון פאַרשידענע לענדער, וואָס ס'האָט געטראָפן אויך אין די פריערדיקע עפּאָכעס, נאָר אויך אַ טיף־פסיכישע, אַ טיף־נשמה'שע פרעמדקייט פון באַזונדערע נאַציאָנאַלע גרופּעס. מען דאַרף זיך ניט נאַרן — דער אַסימילירטער פראַנצויזישער איד און דער אַסימילירטער

וואוהין גייען מיר?

דייטשער איד האָבן געקעמפט פאַר זייערע פאָטערלענדער ניט נאָר, ווייל זיי האָבן דאָס געמוזט טאָן אַלס בירגער, נאָר בפירוש פון טיפן, ערלעכן, ניט־געמאַכטן און ניט־איבערטריבענעם קינסטלעך פאַטריאָטיזם. די צאָל פריי־ווילּיקע אידן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איןביידע לענדער אילוסטרירט גלענצנדיק ניט נאָר די געטרייקייט פון אידן צו זייערע וואוינלענדער, נאָר אויך דעם טיפן תהום, וואָס די עמאַנסיפּאַציע האָט אויסגעגראָבן צווישן אידן פון פאַרשיידענע לענדער.

אין רעזולטאַט האָט זיך באַקומען, אַז גאָר גרויסע טיילן פון אידישן פאָלק זיינען טאַקע אמת אָפּגעריסן געוואָרן פונם טראַדיציאָנעלן גלות־געפיל און ממילא פונם טראַדיציאָנעלן גאולה־טרוים — אין פאַרשיידענע מאָסן און אין פאַרשיידענע פּראָפּאָרציעס, אָבער חוץ דער אָרטאָדאָקסיע איז די דאָזיקע עמאַנסיפּאַציע־מעטאַמאָרפאָזע פאַרגעקומען מיט אַלע איבעריקע טיילן פונם וועלט־אידנטום, מיט דער גרויסער מערהייט פון אידישן פאָלק. און וואָס מער איירָאָפּע איז נאַציאָנאַל דיפערענצירט געוואָרן, וואָס מער פאָטערלענדער ס'זיינען געוואָרן זעלבשטענדיקע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אָרגאַניזמען מיט אַן אייגענער אַסימיליר־קראַפט, אַלץ ווייטער און טיפער איז געגאַנגען דער צעפאַל פונם איירָאָפּעאישן אידנטום, דער צערים, וואָס האָט געשאַפן צענדליקער פאַרשיידענע אידנשאַפטן, ווייל אינגאַנצן בטל ווערן אין דער פרעמדער אַרומיקער סביבה האָט זיך דאָך ניט איינגעגעבן אין קיין שום לאַנד. די צע־פרעמדטקייט צווישן אידן גופא איז געגאַנגען אַ סך טיפער, ווי די פאַרוואַקסונג מיט די לענדער־מערהייטן.

נאַציאָנאַלער שמד איז געוואָרן די קללה פונם מאָדערנעם אידנטום. אָבער פאַרן נאַציאָנאַלן שמד שטראָפט ניט ניט גאָט און ניט דאָס פאָלק, כאָטש די נאַציאָנאַלע שמד־סכנה איז פיל, פיל געפערלעכער פון דער רעליגיעזער. די לעצטע האָט אָפּגעשניטן פאַרוויאַנעטע צווייגן פונם אַלטן אויסגעפרואווטן און פיל נסיונות בייגעשטאַנענעם אידישן בוים, און דער לעצטער האָט ווייטער געבליט און איז ווייטער געוואַקסן. דער נאַציאָנאַלער שמד פרעסט דורך די וואָרצלען פונם בוים און דראָט זיין גאַנצן קיום אויף דער וועלט.

די טויזנט־יאָריקע איירָאָפּעאישע אידישע גלות־געשיכטע, פול מיט דראַמאַטיש־טראַגישע מאָמענטן, אָבער אויך מיט ניט ווייניק העל־שאַפערישע הויכפּונקטן, האָט דורכגעמאַכט אַ וואונדערבאַרן פאַרבנרייכן קרייז — דורכ־וואַנדערנדיק גאַנץ איירָאָפּע פונם וויטן צפון און מערב ביז דעם ווייטסטן

מזרח און דרום, האָבן אידן אומעטום בערך אויסגעפילט איינע און די זעלביקע פונקציעס: זיי זיינען געווען דער אורבאַניזירנדיקער פערמענט, דער פלייסיקער וועקער צו קאָמערציאַליזירונג און אינדוסטריאַליזירונג און ממילא צו אינ־טערנאַציאָנאַליזאַציע און לענדער־ און פעלקער־פאַרקניפּטקייט. דער קרייז איז פאַרענדיקט. ניט געקוקט אויפן טיפן תהום, וואָס טיילט נאָך אָפּ אין פיל פּרטים די פעלקער פון מזרח־ און דרום־איירעפּע פון די פעלקער פון מערב־ און צפון־איירעפּע, זיינען זיי אַלע אָן אויסנאַם גענוג איירעפּעאיזירט, גענוג מאָדערניזירט און נויטיקן זיך ניט מער אין קיין פרעמדע פערמענטן און ניט אין קיין פרעמדע וועקער. און ניט געקוקט אויף דער אויסגעוואַקסע־נער אינטערנאַציאָנאַליזאַציע און פעלקער־צוזאַמענאַרבעט, אַ רעזולטאַט פון דער קאָמערציאַליזירונג און אינדוסטריאַליזירונג, זיינען פאַראַלעל אויסגע־וואַקסן צענדליקע נאַציאָנאַלע קולטורן, צענדליקע נאַציאָנאַלע לעבנס־פאָרמען און לעבנס־שטייגערן, וועלכע האָבן איירעפּע אַ סך טיפער צעטיילט און אַ סך טיפער דיפערענצירט. די אינטערנאַציאָנאַליזאַציע איז געבליבן אַן אויסערלעכע, אַן אויבנאויפיקע; די נאַציאָנאַליזאַציע פון איירעפּע — אַן אינערלעכע, אַן אינטימע, אַ פסיכיש־גייסטיקע. די אידן, וועלכע זיינען געווען אַן אינטערנאַציאָנאַליזאַציע־פאַקטאָר, זיינען אַליין געוואָרן נאַציאָנאַ־ליזירט, צוגעבונדן געוואָרן צו די לאָקאַלע נאַציאָנאַלע שפּראַכן און קולטורן.

דער איד איז אין איירעפּע עקאָנאָמיש געוואָרן איבעריק; נאַציאָנאַל איז ער געוואָרן צעריסן צווישן צוואַנציק שפּראַכן און קולטורן, וועלכע זיינען געווען גענוג אים צו דענאַציאָנאַליזירן, צו פאַרפרעמדן זיינע גלידער און צע־רייסן זיינע קיבוצים, אָבער קיין איינע פון די דאָזיקע שפּראַכן און קולטורן האָט ניט פאַרמאָגט דעם כוח איינצושלינגען דאָס ביסל אידן אַזוי, אַז ס׳זאָל פון זיי קיין זכר ניט בלייבן. די אַסימילאַציע האָט מער ווי מיאוס באַנקראָ־טירט.

און פאַר יעדן אָביעקטיוו־דענקענדיקן מענטשן איז קלאָר, אַז די צע־שאָטענע און צעוואָרפענע אידישע וואַנדערונג טראָגט אין זיך אין אַ פיל ער־גערער און געפערלעכערער פאָרם אַלע נעגאַטיווע זייטן פון דער איירעפּע־אישער גלות־עפּאָכע, ניט פאַרמאָגנדיק קיין איינע פון אירע פּאָזיטיווע זייטן.

6

וואַנדערונגען אין לעצטן יאָרהונדערט בכלל

געשיכטע איז אייגנטלעך געאָגראַפיע אין באַוועגונג — דאָס איז די מיינונג פון ניט ווייניק היסטאָריקער און סאָציאָלאָגן. וועלן מיר דאָ זיך ניט אַריינלאָזן אין טיפע חקירות, אויף וויפיל דאָס איז אמת בנוגע טע־ריטאָריאַל־ שטאַטלעכע פעלקער. אַז דאָס איז אָבער אַ שטיק אמת בנוגע אידן אַפילו לגבי זייער גאָר אַלטער געשיכטע, איז גאָר קיין ספק ניט. דער אידישער גורל איז אָבער אין יעדן לאַנד און אין יעדער עפּאָכע אָפּהענגיק פון דער אַרומיקער סביבה — אין עפּאָכעס פון גרויסע מיגראַציע־פּראָצעסן אין די לענדער, וואו אידן געפינען זיך אין גרויסע מאַסן, איז נאַטירלעך, אַז אידן זאָלן מיטגעצויגן ווערן: הן פון די נעגאַטיווע פאַקטאָרן, וועלכע טרייבן פון די אויסוואַנדערונג־לענדער; און הן פון די פּאָזיטיווע פאַקטאָרן פון די איינ־וואַנדערונג־לענדער, וועלכע ציען צו מיט זייערע בעסערע לעבנס־באַדינגונ־גען. ס׳איז דעריבער ביז גאָר וויכטיק פאַר אונז זיך אָפּצושטעלן אייניקער־מאָסן אויף די אַלגעמיינע וואַנדערונגען אין לעצטן יאָרהונדערט.

שטודירט מען די געשיכטע פון די וואַנדערונגען אין 19טן יאָרהונדערט, וואַרפט זיך אין די אויגן אַ גאַנצע ריי דערשיינונגען, וואָס אויפן ערשטן קוק זעען זיי אויס זייער פּאַראַדאָקסאַליש: די עמיגראַציע הויבט זיך אָן פריער און גייט גאָר אַ לאַנגע צייט מער פון די רייכערע לענדער, ווי פון די אָרע־מערע. די דאָזיקע דערשיינונג גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך אַלע סטאַדיעס פון עמיגראַציע: פון אַלע באַפעלקערטע קאָנטינענטן האָט געגעבן די גרעסטע צאָל אויסוואַנדערער דער רייכסטער — דער אייראָפּעאישער. פון קרוב 38 מיליאָן איינוואַנדערער אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון 1820 ביז 1930 זיינען געווען פון אייראָפּע העכער 32 מיליאָן אָדער העכער 85 פּראָצענט. פון אַלע לענדער פון אייראָפּע האָבן די רייכסטע לענדער גע־געבן די גרעסטע מאַסע אויסוואַנדערער, סיי לויט דער צאָל און סיי לגבי דער באַפעלקערונג. פון העכער 32 מיליאָן איינוואַנדערער אין די פאַראיי־

ניקטע שטאַטן פון 1820 ביז 1930 פון אייראָפּע זיינען געווען פון צפון־ און מערב־אייראָפּע, וועלכע האָבן געהאַט אַ קלענערע באַפעלקערונג און זיינען געווען די רייכסטע טיילן פון אייראָפּע, העכער 18 מיליאָן אָדער כמעט 57 פּראָצענט, און פון די אָרעמע לענדער פון מזרח־ און דרום־אייראָפּע מיט אַ סך אַ גרעסערער באַפעלקערונג — נאָר ווייניקער פון 14 מיליאָן אָדער נאָר אַרום 43 פּראָצענט. ענגלאַנד איז דאָס לאַנד, וואָס האָט געגעבן די גרעסטע צאָל אויסוואַנדערער און באַלד נאָך ענגלאַנד גייט דייטשלאַנד, און דאָס זיינען דאָך די צוויי אַנטוויקלטסטע לענדער פון אייראָפּע און ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען זיי ביידע געווען די רייכסטע לענדער פון אייראָפּע מיט גרויסע קאַפּיטאַלן אינוועסטירט אין אויסלענדישע אונטערנעמונגען. און מען קאָן נאָך גיין ווייטער און באַהויפּטן, אַז פון אַלע ראַיאָנען פון אַ לאַנד גיט געוויינלעך די ערשטע צייט דער אַנטוויקלטסטער ראַיאָן די גרעסטע צאָל אויסוואַנדערער. די עמיגראַציע פון דייטשלאַנד איז געגאַנגען צוערשט פונם רייכן ריין־געביט און ערשט שפּעטער פונם אָרעמען מזרח־פּרייסן.

די דאָזיקע דערשיינונג קאָן מען אָבסערווירן אויך ביי אידן — די אידן פון רוסלאַנד האָבן אין די צייטן פון ניקאָלאַי דעם ערשטן געוויס געלעבט אַ סך ערגער און אָרעמער פון די אידן אין דייטשלאַנד, און דאָך ווייסן מיר, אַז די אויסוואַנדערונג פון די דייטשע אידן האָט זיך אָנגעהויבן באַלד נאָך די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות און אין די 30ער און 40ער יאָרן האָט זי שוין דער־גרייכט אַ גאַנץ הויכע מדרגה, בעת די גרויסע אידישע מאַסן־אויסוואַנדערונג פון דער אָרעמער מזרח־אייראָפּע האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אַרום די 70ער יאָרן און האָט זיך אַ שטאַרקן הויב געטאָן נאָך די פּאָגראָמען פון 1881 און 1882.

די ניט־אידישע אויסוואַנדערונג פון צפון־ און מערב־אייראָפּע איז גע־גאַנגען פון לענדער, וואו ס'זיינען כמעט קיין אידן ניט געווען — פון ענג־לאַנד, פראַנקרייך, שוועדן, נאָרוועגיע, האָלאַנד, דענעמאַרק און פון דער שווייץ. אין די אַלע נאָר וואָס אויסגערעכנטע לענדער זיינען ניט געווען צו דער מיט פון 19טן יאָרהונדערט, ווען די כוואַליעס פון דער אויסוואַנדערונג פון די דאָזיקע לענדער האָט דערגרייכט גאָר הויכע מדרגות, קיין גאַנצע צוויי הונ־דערט טויזנט אידן, ווען אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער זיינען שוין דעמאָלט געווען קרוב צו 4 מיליאָן אידן. דאָס ביסל אידן, וואָס האָט גע־לעבט אין די נאָר וואָס אויסגערעכנטע מערב־אייראָפּעאישע לענדער, האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ היפּשן שיכט גרויס־ און מיטל־בורזשואַזיע און אויך

וואוהין גייען מיר?

פראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ, בעת אין מזרח־איראָפּע האָבן די דאָזיקע קלאַסן ביי אידן געהאַלטן ערשט אין געבוירן ווערן, אין עמבריאָן.

מיט וואָס דערקלערט זיך די נאָר וואָס קאָנסטאַטירטע דערשיינונג הן ביי אידן און הן ביי ניט־אידן?

ראשית־דבר מוז מען נעמען אין אַכט, אַז דער 19טער יאָרהונדערט רעכנט זיך פאַר דער צייט פון די גרעסטע וואַנדערונגען פון מאַסן. דאָס דער־קלערט זיך אין גאָר אַ גרויסער מאָס מיטן קאָלאָסאַלן וואוקס פון דער באַ־פעלקערונג. איראָפּע האָט געהאַט אין 1800טן יאָר ווייניקער פון 200 מי־ליאָן מענטשן און האָט איצט מער פון 500 מיליאָן. רעכנט מען צו די אויס־געוואַנדערטע פון איראָפּע מיט זייער נאַטירלעכן צוואוּקס, איז פון די דער־מאָנטע ווייניקער פון 200 מיליאָן געוואָרן 750 מיליאָן נפשות, כמעט 4 מאָל מער. דערביי שטעלט זיך אַרויס, אַז אין דער ערשטער העלפט פון 19טן י״ה האָבן דעם גרעסטן נאַטירלעכן צוואוּקס געהאַט די הויך־אַנטוויקלטע לענדער, ווי ענגלאַנד, און וואָס נאָענטער צו אונזער צייט, אַלץ מער איז געפאַלן דער צוואוּקס ביי די הויך־אַנטוויקלטע פעלקער און ער האָט געשטיגן ביי די אַגראַר־פעלקער, וועלכע האָבן אויך אָנגעהויבן געניסן פון דער מאָדערנער מעדיצין און האָבן פאַרקלענערט די שטאַרבלעכקייט.

ס׳איז ביז גאָר אינטערעסאַנט פעסטצושטעלן, אַז ענגלאַנד, וואָס האָט געגעבן מער אויסוואַנדערער ווי וועלכעס ניט איז אַנדער לאַנד, האָט אין משך פון די לעצטע 143 יאָר אינטענסיווער פאַרגרעסערט איר באַפעלקערונג פון אַלע איבעריקע איראָפּעאישע לענדער. אין ענגלאַנד האָבן געלעבט אין 1800טן יאָר נאָר 10 מיט אַ האַלבן מיליאָן מענטשן, און איצט פאַרמאָגט דאָס זעלביקע לאַנד העכער 46 מיליאָן איינוואוינער.

דאָס איז אָבער נאָר אַ טייל־דערקלערונג און שעפּט ווייט ניט אויס די פראַגע, פאַרוואָס די רייכסטע לענדער האָבן געגעבן דעם העכסטן פּראָצענט אויסוואַנדערער. מיר קאָנען זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אַזוי פיל באריכות, כדי אויפצוקלערן די דאָזיקע זייער קאָמפּליצירטע און פאַרוויקלטע סאָציאָלאָגישע פראַגע. מיר וועלן זיך מוזן באַגניגענען מיט דער הויפּט־סיבה.

ווען מיר זאָגן: די „רייכסטע״ פעלקער, מיינען מיר שוין דערמיט ממילא אויך די קולטורעלסטע. און דאָס איז דער טייטש אויך: די רירעוודיקסטע; די באַוועגלעכסטע; די פּסיכיש אַמבעסטן צוגעגרייטע צו ריזיקירן און זיך לאָזן אין ווייטע וועגן זוכן גליק און מזל; פינאַנסיעל אַמשטאַרקסטן באַוואָפנטע אויף

צו סובסידירן די ערשטע סטאַדיעס פון אויסוואַנדערונג און אויסהאַלטן ביז די פיאַנערן וועלן זיך אַרויפאַרבעטן.

דלות און אָרעמקייט זיינען וויט נאָך ניט גענוג אויף אויפצוהויבן מאַסן פון זייערע איינגעזעסענע נעסטן און זיי ברענגען אין אַ באַוועגונג, וואָס פאָדערט מוט און אונטערנעמערישן גייסט. ס'איז פאַראַן אַ מדרגה פון דלות, וואָס דערדריקט אַזוי, אַז זי מאַכט אַפּגעלאָזן, דערשלאָגן און פּאַסיוו. אויסגעוואַנדערט פון די רייכערע לענדער האָבן טאַקע די אָרעמע קלאַסן, אָבער זיי האָבן דאָך אויך געלעבט אין אַ סביבה, וואו מען האָט געהאַט בריי־טערע האָריזאָנטן, העכערע השגות, מער קענטענישן וועגן דער ווייטער וועלט, ווי אין די אָפּגעשטאַנענע אָרעמע לענדער. די טעאָריע, אַז אין די לענדער, וואו דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך פריער אַנטוויקלט, ווי די העכער אויסגע־רעכנטע צפון־ און מערב־איראָפּעאישע לענדער, זיינען די מאַסן פאַראָרעמט געוואָרן און לכן האָבן זיי געזוכט אַ רעטונג אין אויסוואַנדערונג, האַלט ניט אויס קיין שום קריטיק, אויב מען זאָל דאָס אויסטייטשן אין דעם זינען, אַז די מאַסן זיינען געוואָרן אָרעמער ווי אין די אַגראַר־לענדער. געוויס זיינען די מאַסן, וועלכע זיינען פונם קאַפּיטאַליזם פּראָלעטאַריזירט געוואָרן, אָפּגע־ריסן געוואָרן פונם לאַנדווירטשאַפטלעכן באָדן אָדער פון דעם האַנטווערק, פאַראָרעמט געוואָרן און האָבן געזוכט אַן אויסוועג אויך אין אויסוואַנדערונג. אָבער מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז בעת אין רוסלאַנד האָט מען נאָך די פּויע־רים געשמיסן ביז טויט, ווייל זיי זיינען געוועזן דאָס אייגנטום פון די פּריצים, האָט שוין אין ענגלאַנד עקזיסטירט אַ גאַנצע געזעצגעבונג וועגן אָבליגאַטאָ־רישער שטיצע מצד די שטאָטישע געמיינדעס פאַר אָרעמע פאַמיליעס. אַן אָרעמע פאַמיליע אין לאָנדאָן אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט, וועלכע האָט אויסגעוואַנדערט, ווייל זי האָט ניט געהאַט אין דער היים קיין פּרנסה, האָט נאָך אַלץ בעסער געלעבט, ווי די רוסישע פּויערים אָדער ווי די פּויערים פון די באַלקאַנישע לענדער צו יענער צייט. די מאַשינען, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט איינגעפירט און דורך זיי אַרויסגעוואָרפן גרויסע מאַסן פון די האַנטווערקער־וואַרשטאַטן — די זעלביקע מאַשינען האָבן אויך געוועקט די אַפּעטיטן ביי די מאַסן צו בעסערע לעבנס־באַדינגונגען, האָבן געמאַכט די מאַסן פּסיכיש און קולטורעל צייטיקער און רייפער אונטערצונעמען אַ וויטן וועג, כדי צו זוכן גליק אין אַ ניי לאַנד. ס'האָבן געמוזט אַוועקגיין צענדליקע יאָרן, און ערשט ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט אויך צעוועקט די מאַסן פון מזרח־ און דרום־איראָפּע און האָט זיי געמאַכט פּסיכיש רירעוודיקער און באַ־

וואוהין גייען מיר?

וועגלעכער, קולטורעל באוואפנטער און מוטיקער, זיכערער ביי זיך און אין זיך — אט ערשט דעמאלט האט זיך אנגעהויבן די גרויסע אויסוואנדערונג פון די מזרח־איראפעאישע לענדער, וואו ס'האבן געלעבט גרויסע אידישע מאסן.

פון 1820 ביז 1870 האבן אין די פאראייניקטע שטאטן איינגעוואנדערט פון איראפע 6 מיליאן מיט 700 טויזנט איינוואנדערער, פון דעם נאר 70 טויזנט פון די ארעמע מזרח־ און דרום־איראפעאישע לענדער, אלזא קוים איין פראצענט. פון 1870 ביז 1930 האבן איינגעוואנדערט אין די פאראייניקטע שטאטן 25 מיליאן מיט 558 טויזנט איינוואנדערער פון איראפע און פון דעם שוין פון מזרח־ און דרום־איראפע כמעט 14 מיליאן אדער אריבער 54 פראצענט. די כוואליעס פון די אויסוואנדערער פון איראפע האבן געהאלטן אין איין שטייגן און דער אנטייל פון די מאסן פון די ארעמע מזרח־ און דרום־איראפע האט געהאלטן אין איין שטייגן. פון 1901 ביז 1910 האבן איינגעוואנדערט אין די שטאטן העכער 8 מיליאן מענטשן פון איראפע און אין דעם כלל פון מזרח־ און דרום־איראפע גאנצע 6 מיט א פערטל מיליאן אדער העכער דריי פערטל פון אלע איינוואנדערער. און ס'וואלט דאך געווען לעכערלעך צו זאגן, אז די רוסישע אדער פוילישע אדער טשעכישע מאסן זיינען אנהויב 20טן יארהונדערט געווען ארעמער ווי אין מיטן 19טן יארהונדערט. פונקט פארקערט — די לאגע איז געווארן פיל בעסער, אבער די פארבעסערונג פון דער לאגע איז שטארק אפגעשטאנען פון דעם וואוקס פון דעם קולטור־צושטאנד פון די מאסן; אפגעשטאנען פון די אפעטיטן און השגות וועגן א בעסער לעבן, פון די פארלאנגען און פאדערונגען צו א מענטשלעך לעבן.

מיר רעדן די גאנצע צייט וועגן אויסוואנדערונג אין די פאראייניקטע שטאטן — ס'איז אויך געגאנגען אן אויסוואנדערונג אין די דרום־אמעריקאנישע לענדער, וועלכע האט געווינלעך אויסגעמאכט פון א פערטל ביז א דריטל פון דער גאנצער עמיגראציע פון איראפע. לויט איר באשטאנד און לויט אירע טענדענצן האט זי זיך ניט שטארק אפגעשיידט פון דער איינוואנדערונג אין די פאראייניקטע שטאטן. ס'איז אנגענומען, אז די שטריכן, וועלכע זיינען פעסטגעשטעלט פאר דער לעצטער, זיינען טיפיש און כאראקטעריסטיש אויך פאר דער איינוואנדערונג אין די דרום־אמעריקאנישע לענדער. מיט דער אויסוואנדערונג אין די דרום־אמעריקאנישע לענדער און פון רוסלאנד נאך קיין סיביר, האבן פארלאזט די ארעמע מזרח־ און דרום־איראפעאישע לענדער אין ערשטן צענדליק יאר פון איצטיקן יארהונדערט העכער 10

מיליאָן מענטשן. ס׳איז זיך גרינג פאַרצושטעלן, וואָס פאַר אַ קאַלאָסאַלע ווירקונג דאָס האָט געמוזט האָבן אויפן אַרבעטס־מאַרק, אויף דעם אָפּפלוס פון דאָרף אין שטאָט אַריין, בכלל אויף דער גאַנצער עקאָנאָמישער לאַגע פון די לענדער, וואו ס׳האָבן געלעבט אַרום 8 מיליאָן אידן, כמעט צוויי דריטל דעמאָלט פון גאַנצן אידישן פאָלק און כמעט 90 פּראָצענט פון אַלע אידן פון איראָפּע. אָבער אין די צען יאָר פון 1931 ביז 1940 האָבן איינגעוואַנדערט אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון גאַנץ איראָפּע נאָר ווייניקער פון 200 טויזנט נפשות, מער ווי 40 מאָל ווייניקער ווי אין די צען יאָר פון 1901 ביז 1910. ס׳וועט גאָרניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז די אַרויפגעצוואונגענע ירידה פון דער עמיגראַציע האָט גאָרניט קיין קליינעם חלק אין דעם קריזיס, וואָס האָט פאַרכאַפּט איראָפּע אין דער צווישן־מלחמה־צייט. אַלס רעזולטאַט פון קרי־זיס איז געוואַקסן דער נאַציאָנאַלער און קלאַסן־קאַמף און האָט פאַרוואַנדלט איראָפּע אין אַ זידיקן קעסל, וואָס ס׳האָט ניט ווייניק געהאָלפן צום זיג פונם פאַשיזם און נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם און ענדלעך געפירט צו דער איצטיקער מלחמה.

פון 1820 ביז 1939 האָבן אויסגעוואַנדערט פון איראָפּע קרוב צו 65 מיליאָן מענטשן און מיטן נאַטירלעכן צוואוקס איז דאָס אַ מאַסע פון 250 מיליאָן מענטשן. וואָלט די אויסוואַנדערונג ניט געווען פאַרגעקומען, וואָלט איראָפּע ערב דער איצטיקער מלחמה געווען געהאַט ניט 500 מיליאָן מענטשן, נאָר 750 מיליאָן, אַנדערטהאַלבן מאָל מער. וואָס דאָס באַטייט עקאָנאָמיש פאַר איראָפּע, וועלכע האָט די לעצטע יאָרן פאַר דער איצטיקער מלחמה גע־האַט אָפּט פון 15 ביז 20 מיליאָן אַרבעטלאָזע, קאָן מען זיך גרינג פאָרשטעלן. מען דאַרף נאָך נעמען אין אַכט, אַז די 65 מיליאָן אויסגעוואַנדערטע מענטשן, וועלכע זיינען אין די איינוואַנדערונג־לענדער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין 250 מיליאָן נפשות, זיינען ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען די בעסטע קונים פון אייראָפּעאישע סחורות. דער לעבנס־ניוואָ אין די איינוואַנדערונג־לענדער איז פון אָנהויב קאָלאָניזאַציע אָן געווען אַ העכערער, ווי אין די אויסוואַנדערונג־לענדער. די עשירות פון איראָפּע, וועלכע האָט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבנדיק נאָר אַ פערטל פון דער וועלט־באַפעלקע־רונג, געהאַט צוויי דריטל פון דער גאַנצער וועלט־פּראָדוקציע פון אינדוסטריע און פונם וועלט־האַנדל, האָט זיך אין אַ גרויסער מאָס גענומען פון דעם הויכן עקספּאָרט אין די איינוואַנדערונג־לענדער. די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן נאָך צוריק מיט איינע 30 יאָר געליען געלט אין איראָפּע און געצאָלט יערלעך

וואוהין גייען מיר?

אַ סך מיליאָנען דאָלאַר פּראָצענט; זיי האָבן אויך געקויפט פיל אינדוסטריע־סחורות אין אייראָפּע און געצאָלט גוטע פּרייזן און דערביי נאָך צוגענומען לע־בעדיקע אַרבעטער יערלעך אַרום אַ מיליאָן.

אַט וואָס ס׳שרייבט דער באַרימטער סאָציאָלאָג און סטאַטיסטיקער וו. וואָיטינסקי וועגן אַרבעטלאָזיקייט אין אַ בוך, צוגעגרייט פאַר דעם פעלקער־בונד:

„אין די 50 יאָר פון 1861 ביז 1911 האָט גרויס־בריטאַניע באַ־דאַרפט פאַרגרעסערט ווערן מיט 25 מיליאָן נפשות, אָבער 8.3 מיליאָן האָט די אויסוואַנדערונג מעבר לים צוגענומען. די ווירטשאַפט האָט דעריבער געהאַט צו זאָרגן נאָר פאַר 16.7 מיליאָן מענטשן. צי די ווירטשאַפט וואָלט אויך אָן אויסוואַנדערונג געווען פאַרענטפערט די דאָזיקע פראַגע, איז אַ ספק״. (1)

און ווייטער גיט דער מחבר צו:

„ס׳איז גאָר קיין ספק ניט, אַז אָן אויסוואַנדערונג וואָלט אויף דעם אָרט פון דער קאָנסטאַטירטער גלייכוואָג אין עקאָנאָמישן לעבן געווען אַ שטענדיקע אַרבעטלאָזיקייט״. (2)

מיט דער ערשטער וועלט־מלחמה הויבט זיך אָן די ירידה פון אייראָפּע. ריכטיקער געזאָגט — מיטן אויפשטייג פון נאָרד־אַמעריקע אַלס אַן אינדוס־טריאַליזירט לאַנד אויפן וועלט־מאַרק הויבט זיך אָן די ירידה. די ערשטע וועלט־מלחמה, וועלכע האָט פאַרוואַנדלט די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַ לאַנד, וואָס באָרגט געלט, אין אַ לאַנד, וואָס פאַרלייט געלט; פון אַ לאַנד, וואָס קויפט אַ סך אינדוסטריע־פּראָדוקטן, אין אַ לאַנד, וואָס ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ מער געפערלעכער קאָנקורענט קעגן די אייראָפּעאישע סחורות, האָט געוואַלדיק אינטענסיווירט די דאָזיקע ירידה און זי פאַרגיכערט.

אַט ווי ס׳פאָרמולירט די לאַגע די אויסגאַבע פון דעם פעלקער־בונד אין 1941 מיטן נאָמען „דער האַנדל פון אייראָפּע״ (ענגליש):

„מיט דער אַנטוויקלונג פון נייע לענדער אויף די אַנדערע קאָנטי־נענטן האָט דער חלק פון אייראָפּע אינם וועלט־האַנדל גענומען פאַלן. צום אָנהויב פון לויפנדיקן יאָרהונדערט האָט דער דאָזיקער חלק באַ־טראָפן 66.6%; אין 1913 האָט ער באַטראָפן נאָר 60.0%. די מלחמה

(1) וו. וואָיטינסקי, דריי סיבות פון דער אַרבעטלאָזיקייט (דייטש), פאַרלאַג פון אינ־טערנאַציאָנאַלן אַרבעטס־אַמט, גענף 1935, ז׳ 29.

(2) דאָרטן.

יעקב לעשצינסקי

האָט פאַרגיכערט די דאָזיקע ירידה, באַזונדערס אינם עקספּאָרט פון אייראָפּע. אין 1937 איז שוין דער אַנטייל פון אייראָפּע אינם וועלט־האַנדל געווען נאָר 50.0%".

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט לכן שוין פאַרקלענערט די פּרנסה־מקורות פון אייראָפּע און האָט דערמיט פאַרגרעסערט די באַדערפעניש אין אויסוואַנדערונג. אָבער גראָד באַלד נאָך דער מלחמה זיינען די טויערן פון אַלע איינוואַנדערונג־לענדער געוואָרן אַלץ שמעלער און שמעלער. די נויט אין אויסוואַנדערונג פון אייראָפּע איז געוואַקסן און ניט נאָר אַ דאַנק די העכער אָנגעוויזענע נעגאַטיווע סיבות, נאָר נאָך צוליב אַנדערע פּאָזיטיווע סיבות. די באַפרייטע פעלקער, ווי די פּאָליאַקן, די טשעכן, די ליטווינער, די לעטן, די סערבן און אַנדערע האָבן נאָך דער מלחמה דורכגעמאַכט אַ געוואַלדיק אינטענסיוון וואוקס פון קולטורעלן מצב פון זייערע מאַסן בכלל און גאַנץ באַזונדערס פון זייערע דאָרפישע מאַסן. שוין די מלחמה האָט שטאַרק צערודערט און צעוועקט די פאַרשלאָפענע דאָרפישע מאַסן און האָט זיי געמאַכט אַקטיווער און שטרעבזאַמער; די פאָלקס־בילדונג אין דער אייגענער שפּראַך און דער נאַציאָנאַלער אויפשוואונג אַ דאַנק דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג האָבן נאָך מער אַקטיווירט די מאַסן און זיי געבראַכט אין באַוועגונג. דער שטראָם פון דאָרף אין שטאָט אַריין האָט אין אַלע באַפרייטע לענדער אָנגענומען אַ סטיכיש־שטורמישן כאַראַקטער. דער דאָרף־מענטש האָט באַקומען שטאַטישע אַפּעטיטן און האָט אויפגעהויבן אַ שטאַרקן קאַמף פאַר העכערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, פאַר אַ העכערע סאָציאַלע לאַגע אין דער געזעלשאַפט. דער עקאָנאָמישער וואוקס אָבער פון די דאָזיקע אַלע לענדער איז שטאַרק אָפּגעשטאַנען פון זייער קולטורעלן פּראָגרעס — ס'האָט זיך געשאַפן אַ געפערלעכער תהום צווישן די שטאַרק געהעכערטע און אויפגעשרויפטע אַפּעטיטן און באַדערפענישן פון די מאַסן און די גאַנץ באַגרענעצטע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן זיי צו באַפרידיקן. אַפילו אין די לענדער, וואו די אַגראַר־רעפאָרם איז דורכגעפירט געוואָרן, ווי אין רומעניע, טשעכאָסלאָוואַקיי, לעטלאַנד, און ליטע, האָט זי ניט געגעבן די דערוואַרטעטע רעזולטאַטן אין זינען פון שאַפן אין דאָרף נייע פּרנסות און איינהאַלטן דעם סטיכישן דראַנג אין די שטעט אַריין און צו די שטאָטישע פּרנסות, ווי האַנדל און האַנטווערק, באַאַמטנטום און ליבעראַלע פּראָפעסיעס. די איבערפּראָדוקציע פון פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ איז געוואָרן גאָר גיך איינע פון די טיפּישסטע דערשיינונגען אין אַלע מזרח־ און דרום־אייראָפּעאישע לענדער, וואו פאַר דער

וואוהין גייען מיר?

ערשטער וועלט־מלחמה איז די אוניווערזיטעט־בילדונג געווען אַזוי קנאַפּ אָנט־וויקלט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ רעדט זיך ניט וועגן אַן אַבסאָלוטער איבער־פּראָדוקציע פון אינטעלעקטועלע כוחות, נאָר אין פּראָפּאָרץ צו דער עקאָנאָ־מישער אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע שטאַרק אָפּגעשטאַנענע לענדער.

אַט ביי אַזאַ געשפּאַנטער עקאָנאָמישער לאַגע, פאַרשאַרפט מיט די נאַ־ציאָנאַלע סתירות און קאָנפליקטן, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין שטייגן, איז געקומען דער לעצטער און געפערלעכסטער קלאַפּ פאַר איראָפּע — די האַלב־און גאַנץ־פאַרמאַכטע טויערן פון די איינוואַנדערונג־לענדער. די פּאָטענ־ציעלע עמיגראַנטן אין מזרח־ און דרום־איראָפּע זיינען געווען אין די מי־ליאָנען, און זייער צאָל האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. די אומצופרידנקייט האָט געהאַלטן אין איין שטייגן. דער אויסוואַנדערונג־שטראָם, וואָס האָט אין משך פון אַ גאַנצן יאָרהונדערט געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין פּרט פון אָפּ־שוואַכן די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע קאַמפן און קאָנפליקטן, האָט אויפגעהערט ווירקן. די אַטמאָספערע איז געוואָרן אַלץ מער און מער אָנגעלאָדן מיט קאַמף־פּולווער און מיט מלחמה־גיפט. די אומצופרידענע מאַסן האָבן געזוכט אַ שעיר־לעזאזל, צו וועמען אויסצולאָזן זייער שווער הארץ — און דער אַנטי־סעמיטיזם, דער דאָזיקער איינגעריבענער אויסוועג פון מאַכטלאָזיקייט און הילפלאָזיקייט, האָט גענומען פאַר׳שיכור׳ן די ברייטסטע מאַסן, באַזונדערס יענע עלעמענטן, וועלכע האָבן קולטורעל זיך אַ הויב געטון אויף אַ העכערן שטאַפּל, אָבער עקאָנאָמיש זיינען זיי געבליבן הינטערשטעליק. קולטורעלע עלעמענטן, וואָס הונגערן אָדער קאָנען ניט באַפרידיקן זייערע באַדערפענישן, זיינען פיל, פיל געפערלעכער פון פּרימיטיווע פאָלקס־טיילן, וועלכע לעבן אין דחקות און נויט. דער גרויסער פּראָצענט אידן אין די שטאָטישע פּרנסות, צו וועלכע די געשטיגענע דאָרף־מאַסן האָבן זיך געריסן און געשטרעבט, איז געווען דער בעסטער רייך־מיטל פאַר יענע הערשנדיקע קלאַסן, וועלכע זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין אָפּווענדן דעם צאָרן פון די ניט־צופרידענע און ניט־באַפרידיקטע מאַסן פון די אמתע סיבות פון זייער נויט.

נאָר לאָמיר איבערגיין צו די סיבות, וואָס האָבן געטריבן מיליאָנען אידן פון איראָפּע אין לעצטן יאָרהונדערט.

7

די סיבות פון די אידישע וואַנדערונגען אין לעצטן יאָרהונדערט

די סיבות פון די אידישע וואַנדערונגען אין לעצטן יאָרהונדערט זיינען אַ סך קאָמפּליצירטער און פאַרשיידנאַרטיקער פון די סיבות פון די אַלגעמיינע וואַנדערונגען. צו די אַלגעמיינע סיבות קומען צו ספּעציפיש־אידישע, ווי פּאָליטישע רדיפות, פּאָגראָמען, באָיקאָט וכדומה. מען מוז אָבער געדענקען, אַז די נאָר וואָס אויסגערעכנטע סיבות, וועלכע האָבן אפשר אַלע צוזאַמען ניט ווייניק באַאיינפלוסט די אינטענסיווקייט פון די אידישע וואַנדערונגען, זיינען דאָך ניט געווען די הויפּט־פאַקטאָרן פון די אידישע וואַנדערונגען, נאָר די אונטערטרייבנדיקע, די אינטענסיווירנדיקע. די בעס־טע ראיה איז פאָלגנדיקער פאַקט — ס'איז דערוויזן, אַז די אידישע אויסוואַנ־דערונג פון גאַליציע אין די לעצטע צענדליקע יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן אַלס מאַסן־אויסוואַנדערונג פריער ווי פון רוסלאַנד און איז געווען רעלאַטיוו גרעסער. און די אידן האָבן אין גאַליציע, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו עסטרייך, ניט נאָר געגאָסן פון גלייכבאַרעכטיקונג, נאָר זיינען נאָך געווען פּריווילעגירט פון דער צענטראַלער ווינער מאַכט, וועל־כע האָט געשטרעבט צו צעטיילן די אָרטיקע באַפעלקערונג. די עקאָנאָמישע פאַקטאָרן, די רייפקייט פון דער פּוילישער באַפעלקערונג אין גאַליציע פאַר שטאָטישע פּרנסות, דער נאַציאָנאַלער קאַמף פון די גאַליצישע אוקראַינער פאַר אַ פּלאַץ אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג, אין די שטאָטישע באַשעפ־טיקונגען, האָבן אַ סך מער געטריבן די שוואַכע אידישע מינדערהייט צו אויסוואַנדערונג, ווי די פּילע פּאָליטישע באַגרענעצונגען פון דער צאַרישער רעגירונג און אפילו ווי די צאַרישע פּאָגראָמען.

לאָמיר, ראשית־דבר, אָנווייזן אויף דער הויפּט־סיבה פון די אידישע וואַנדערונגען, וועלכע פאַלט צונויף מיט דער אַלגעמיינער — מיר מיינען דעם קאָלאָסאַלן וואוקס פון אידישן פאָלק, וואָס האָט געבראַכט צו אַ צאָל אידן, צו וועלכער מיר האָבן קיין מאָל ניט דערגרייכט אין אונזער געשיכטע. צום אָנ־

וואוהין גייען מיר?

הויב פון 19טן יארהונדערט זיינען געווען אויף דער וועלט 3 אדער 3 מיט א פערטל מיליאן אידן. פון זיי זיינען געווען פון 700 ביז 800 טויזנט אזיא־טישע און אפריקאנישע אידן. איראפעאישע אדער אשכנזישע אידן, — און דעמאלט האבן אלע אשכנזישע אידן געלעבט אין איראפע, — זיינען געווען בערך פון 2 מיט א פערטל ביז 2 מיט א האלבן מיליאן. ערב דער איצטי־קער מלחמה, אין יאר 1939, האבן מיר געהאט אין דער וועלט אשכנזישע אידן מער פון 15 מיליאן, אלזא זעקס אדער זיבן מאל מער ווי אנהויב 19טן יארהונדערט. אט דער דאזיקער קאלאסאלער נאטירלעכער וואוקס האט גע־האט דעם טיפסטן אוןווירקנדיקסטן איינפלוס אויף אלע זייטן פון אידישן לעבן אין דער עמאנסיפאציע־עפאכע. דער וואוקס פון די אידישע פרנסה־מקורים האט ניט געקאנט אניאגן דעם קאלאסאלן נאטירלעכן וואוקס, כאטש דער לעצטער איז אליין אין א גרויסער מאס ארויסגערופן געווארן פון דער פאר־בעסערטער עקאנאמישער לאגע. צום קוואנטיטאטיוון וואוקס פון דער אידי־שער באפעלקערונג איז נאך צוגעקומען דאס שטייגן פון די לעבנס־אפעטיטן און פון די הנאה־השגות, ארויסגערופן פון דער קאנצענטראציע אין די גרויסע שטעט און פונם אריינדרינגען פון מאדערנע געדאנקען און אידעען אין די אידישע געטאס. די צייטן, ווען ס'איז געווען א מצווה, אז דער אידישער מאגן זאל זיין ניט גרעסער ווי א כזית און אז א איד זאל עסן, בעת א גוי מעג פרעסן, און א איד זאל שלאפן און ניט פאפן, און בכלל פיזיש זארגן פארן גוף נאר כדי חיינו — אט די דאזיקע פון גאט געבענטשטע צייט איז גיך פאר־שוואונדן. אידן האבן זיך א שטארקן קער געטון צו עולם־הזה, אפשר אפילו מיט א צו גרויסן אפעטיט, ווי וועלנדיק אפ'הנאה־האבן פאר די הונדערטער יארן פון מאגערן לעבן אין די מיטלאלטערלעכע געטאס.

ביידע דערשיינונגען, הן דער קאלאסאלער קוואנטיטאטיווער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג און הן די גיכע מאדערניזאציע פון אידישן לעבן און דער אינטענסיווער דראנג צו קאמפענסירן די דורות'דיקע הונגער־יארן, האבן געהאט גאר א גרויסן איינפלוס אויפן טעמפ און אויף דעם פארנעם פון די אידישע וואנדערונגען אין לעצטן יארהונדערט. און דאך זיינען דאס געווען ניט די סאמע הויפט־סיבות און ניט די גאר וויכטיקסטע פאקטארן, וועלכע האבן אויפגעהויבן מיליאנען אידן פון זייערע איינגעזעסענע ערטער און זיי געטריבן אין נייע לענדער, וואו זיי האבן אין ערשטן דור געוויס ניט געלעקט קיין האניק. און ווייניקער פון אלץ האבן די דערמאנטע צוויי פאק־טארן געווירקט אין די לעצטע 25 יאר, ווען די ברייטע טויערן פון די פאר־

איינציקטע שטאַטן און פון אַרגענטינע און קאַנאַדע זיינען געוואָרן כמעט ווי פאַרשלאָסן און מען האָט געמוזט זיך לאָזן אין צענדליקע אומבאַקאַנטע אָפּגעשטאַנענע לענדער, נישטערן און זוכן אַ נייעם מקור פון פרנסה אין גאַנץ נייע לענדער.

די גרונט־סיבה, די טיפסטע און די אמת היסטאָרישע סיבה פון די קאָלאָסאַלע אידישע וואַנדערונגען איז די אידישע היימלאָזיקייט, די אידישע פרעמדקייט אַפילו אין די לענדער, וואו אידן האָבן זיך איינגערעדט, אַז זיי זיינען שוין אָרגאַנישע פולע גלידער פון דער אַרומיקער סביבה. די דאָזיקע פרעמדקייט, די דאָזיקע אורח־לאַגע פון אידן פירט תמיד דערצו, אַז אין היסטאָרישע אויפבלי־עפּאָכעס ווערט דער איד געדרופן, צוגעלאָזט און געדולדעט, אָפּט אַפילו פריווילעגירט. ער מוז, פאַרשטייט זיך, פאַר דער דאָזיקער מתנה פון רעכט אויף לעבן און צו פאַרדינען צום לעבן טייער באַצאָלן, און ניט נאָר מיט מזומן־געלט, ווי ס'איז געווען אַזוי אָפּט אין מיטלאַלטער, נאָר מיט מער ענערגיע, מיט מער אָנשטרענגונג, מיט מער אויפטו. און דערמיט דערקלערט זיך געוויס די דורך דורות אויסגעאַרבעטע און ירושה'דיק געוואָרענע אידישע באַזונדערע פסיכישע רירעוודיקייט, אידישער טעמפּ, ספּעציפישער אידישער אימפּעט. אָבער ביי די ערשטע ירידה־סימנים פון אַן עפּאָכע ווערן פאַרגעסן אַלע אידישע אויפטוען און לייסטונגען, און דער איד ווערט דער ערשטער דער איבעריקער, דער ערשטער קאַנדידאַט אויף פריי מאַכן דעם פּלאַץ פאַרן זון פון דער מערהייט, פאַרן דאָזיקן תושב, וואָס האַלט זיך פאַר בר־מיצרא, פאַר בילכער, אַפילו ווען וויניקער באַרופן און וויניקער פעאיק. און דעריבער איז דער איד געוואָרן דער היסטאָרישער נע־ונד, דער היסטאָרישער היימלאָזער מיעוט, וואָס מוז אומעטום דער ערשטער נעמען דעם שטעקן אין דער האַנט און זיך לאָזן אין דער וועלט אַריין זוכן אַ נאָך ניט באַאַרבעט פעלד, אום מיט נייע איבער־אָנשטרענגונגען און איבער־ענערגיע פאַרדינען דאָס רעכט אויף עקזיסטענץ, דערווייזן זיין נוצלעכקייט, כדי צו באַקומען רעכט אויף לעבן.

די לאַגע פון די דייטשע אידן פאַר די לעצטע פאַר הונדערט יאָר איז די בעסטע אילוסטראַציע צו דער פאַטאַלער ראָלע, וואָס די אידישע היימלאָזיקייט שפּילט אינם גורל פון אידישן פאָלק אין גלות.

אין 13טן און 14טן יאָרהונדערט ווערן אידן אַרויסגעטריבן פון דייטשלאַנד. אומגעפער אַ פאַר יאָרהונדערטן איז דייטשלאַנד כמעט ווי פריי פון

וואוהין גייען מיר?

אידן. אין 17טן און 18טן יאָרהונדערט, מיטן ערשטן שפּראָץ פון קאַפּיטאַ־ליזם, הויבן זיך אָן איינלאַדונגען צו אידן־פינאַנסיסטן צו קומען קיין דייטש־לאַנד. פירשטן און קעניגן שטעלן אָן ביי זיך הויף־אידן, וועלכע שפּילן אַ גאַר גרויסע ראָלע ביים הויף מיט מזומנע הלוואות און מיט צושטעלן פּראָ־וויאַנט פאַר אַרמייען אין קריגס־צייטן. די דאָזיקע אידן פאַרקניפּן אויך אינ־טערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען און ווירקן ניט ווייניק צום אויפלעבן פון דייטשלאַנד נאָכן דרייסיק־יאָריקן קריג. פּאַראַלעל דערמיט גייט אויך אַ צושטראָם פון פּוילישע אָרעמע אידן נאָך די היידאַמאַקישע פּאָגראָמען און ס'קומט אויף אין דייטשלאַנד אַ גרעסערער אידישער ישוב, וועלכער האַלט אין איין וואַקסן. אין ערשטן פערטל פון 19טן יאָרהונדערט פאַרמאָגט שוין דייטשלאַנד אַרום 300 טויזנט אידן. דער צעפאַל פון דער פעאָדאַלער גע־זעלשאַפט גייט ווייטער אָן, אָבער די אַנטוויקלונג פון די שטעט און פון די שטאָטישע פּרנסות שטייט אָפּ. אַ באַדייטנדיקער טייל אידן איז געצוואונגען אויסצוואַנדערן. פון 1830 ביז 1870 האָבן אויסגעוואַנדערט פון דייטש־לאַנד בערך 150 טויזנט אידן. דער דאָזיקער אָפּשטראָם האָט פיל מיטגע־האָלפן צום אינטענסיוון אויפשטייג פון די איבערגעבליבענע אידן, וועמענס צאָל איז ניט נאָר ניט געוואָרן קלענער, נאָר נאָך גרעסער געוואָרן, ווייל דע־מאָלט איז דער נאַטירלעכער צוואוקס ביי די דייטשע אידן געווען זייער אַ הויכער. פון 1870 הויבט זיך אָן עקאָנאָמישער אויפשוואונג אין דייטש־לאַנד פון אַ געוואַלדיק הויכער מדרגה — דייטשלאַנד יאָגט אָן אין איינע 30 יאָר ענגלאַנד, וועלכע האָט דורכגעמאַכט איר קאַפּיטאַליסטיש־אימפּעריאַ־ליסטישע אַנטוויקלונג אין משך פון העכער הונדערט יאָר. אידן שפּילן איינע פון די אַקטיוועסטע און וויכטיקסטע ראָלן אין דעם קאָלאָסאַלן עקאָנאָמישן אויפבלי פון דייטשלאַנד. זיי זיינען די שאַפער און די אַנטרייבער פון די סאַמע וויכטיקסטעווירטשאַפט־צווייגן, ווי בענק, אייזנבאַנען, עקספּאָרט און אימפּאָרט. זיי ווערן אַריינגעוואַקסן אין דער דייטשער עקאָנאָמיק ווי אַן אַבסאָלוט אינטעגראַלער און אָרגאַנישער טייל. די גיכע און אינטענסיווע קולטורעל־שטייגערישע אַסימילאַציע שטרעבט צו פאַרווישן אַלע סימנים פון אַ באַזונדערער אידישער גרופּע. גאָט אין הימל שטערט ניט דער פולער צוזאַמענשמעלצונג, און שמד און געמישטע חתונות מאַכן די צוזאַמענשמעל־צונג ביאָלאָגיש־משפּחה'דיק און פאַרטיפן זי אַזוי ווייט, אַז ס'ווערט אַלץ שווערער און שווערער צו געפינען אַ ריין־אידישע פאַמיליע אין דייטשלאַנד. דער קאָלאָסאַלער עקאָנאָמישער און קולטורעלער אויפשטייג פון דייטשן אידנ־

טום ברענגט צו אַ פאַלן פון די געבורטן צו אַ מדרגה, ווען זיי דעקן שוין מער ניט די צאָל געשטאָרבענע. דאָס פאַרגרינגערט אין אַ גרויסער מאָס דאָס פאַרשווינדן פון דעם האַלבן מיליאָן אידן אין די ברייטע געדערעם פון די 67 מיליאָן דייטשן. אָבער דער מזל פון דייטשלאַנד גיט זיך פּלוצעם אַ דריי אויף צוריק — דייטשלאַנד פאַרלירט די מלחמה און דערמיט אויך איר פּאָליטישע מאַכט אָנצוהאַלטן איר עקאָנאָמישע וואָג אויפן אינטערנאַציאָנאַלן מאַרק. דער אומגעהויער אויסגעוואַקסענער דייטשער האַנדלס־אינדוסטריע־לער אַפּאַראַט מוז איינשרימפּן און זיך צופּאַסן צום פאַרקלענערטן אַפּזאַץ. די אַנטוויקלטע דייטשע באַפעלקערונג פאַרמאָגט שוין גענוג אייגענעווירט־שאַפטלעכע און קולטורעלע כוחות אויף איינצוהאַלטן די דערגרייכטע מדרגה פון לעבנס־ניוואָ. די אידישע איניציאַטיוו, די אידישע רירעוודיקייט, די אידישע שטרעבזאַמקייט, די אידישע אַקטיוויקייט, — אָט די אַלע פאַקטאָרן, וועלכע זיינען געווען אַזוי בויטיק אין 18טן און 19טן יאָרהונדערט און וועלכע האָבן געבראַכט אַזאַ שפע פון מאַטעריעלע און גייסטיקע ברכות דעם דייטשן פאָלק, זיינען געוואָרן איבעריק, יעדנפאַלס קאָן מען זיך שוין באַגיין אָן זיי. און אין איינע 10 יאָר האָט היטלער ליקווידירט דעם האַלבן מיליאָן אידן — ליקווידירט אין אַ גרויסער מאָס פיזיש, אָבער נאָך מער עקאָנאָמיש און קול־טורעל. ניט געקוקט אויף דער טיפער אַריינוואַקסונג פונם קנאַפּן איין פּראָ־צענט אידן אין דער אַרומיקער דייטשער סביבה, אַן אַריינוואַקסונג אַן עקאָ־נאָמישע, אַ קולטורעל־גייסטיקע, אַ טאָג־טעגלעך־שטייגערישע און אין גאַר אַ גרויסער מאָס אַ ביאָלאָגישע, איז דער איד אַנטפּלעקט געוואָרן און איז אויס־געריסן געוואָרן מיטן וואָרצל. ניט נאָר דריי־פערטלדיקע און האַלבע אידן, נאָר אַפילו פערטלדיקע אידן זיינען אויפגעדעקט און אויפגעזוכט געוואָרן און זיינען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פונם דייטשן נאַציאָנאַלן קערפּער.

דער היימלאָזער איד, וואָס האָט זיך איינגערעדט אין דער עמאַנסיפּאַציע־עפּאָכע, אַז ער האָט דורכן ליבעראַליזם אין דער אַרומיקער וועלט און דורך זיין פולן צופּאַסן זיך צו דער דאָזיקער אַרומיקער פרעמדער סביבה באַקומען אַ היים, האָט דערפילט ווי אפשר קיין מאָל ניט אין דער געשיכטע פון אונ־זערע גלות־וואַנדערונגען, ווי שוואַך ער איז געווען פאַרוואָרצלט אין דער פרעמדער וועלט, ווי זיין היימלאָזיקייט זיצט פעסט אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דער ניט־אידישער וועלט, ווי ווייניק זיין אָפּזאָג פון זיך און פון זיין אידיש־קייט האָט אים געמאַכט פאַר אַ גלייכבאַרעכטיקטן און גלייכווערטיקן מיטגליד

פון דער סביבה, וועלכע האָט אים געגעבן אויסגענוצט אין דער עפּאָכע פון אויפשטייג, אָבער נאָך גערנער אויסגעשפּיגן אין דער עפּאָכע פון ירידה.

ביז נאָך גאַנץ טיף אין 19טן יאָרהונדערט איז דאָס מזרח־אייראָפּעאישע אידנטום געווען אַ קליינשטעטלדיק־דאָרפישס. שענקערס, אַרענדאַרן, מעק־לערלעך, חלפנים און חלפנימלעך, איבערקויפער און אויפקויפער, קרעמערלעך און סתם מאַרק־אידן, מענטשן, וואָס כאַפּן אויפן יאַריד אַ פּאַרדינסטל און קוקן אַרויס אַ גאַנצע וואָך אויפן קומענדיקן יאַריד, און ועל כולם אַן אַ שיעור רבנים און דיינים, צדיקים און אייניקלעך, שוחטים און חזנים — דאָס איז גע־ווען יענע ברייטע קליינבירגערלעכע מאַסע, וועלכע מענדעלע האָט אַזוי גלענצנדיק כאַראַקטעריזירט ווי אַן עדה מילבן, וואָס איינע איז ענלעך צו דער צווייטער. ס׳זיינען געווען איינצלנע רייכע אַרענדאַרן און רייכע סוחרים, זעלטענער רייכע פאַבריקאַנטן און רייכע פינאַנסיסטן, אָבער די דאָזיקע העלע פלעקן האָבן ווייניק געענדערט דאָס גרויע בילד פון דער אידישער עקאָנאָ־מישער סטרוקטור. די דערמאָנטע קליינבירגערלעכע עלעמענטן האָבן אויס־געמאַכט ניט ווייניקער פון 70 אָדער 75 פּראָצענט פון דער אידישער באַפעל־קערונג און האָבן אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּל אויף דעם גאַנצן אידישן לעבן. די בערך 15 אָדער 18 פּראָצענט אידישע בעלי־מלאכות האָבן זיך ווייניק אַנגעזען און נאָך ווייניקער באַווירקט דאָס אידישע לעבן.

מיטן צעפאַל פון דער פּוילישער מלוכה, וועלכע איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ צעפאַל פון דער גאַנצער פעאָדאַלער ווירטשאַפט־סיסטעם, האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַ שטאַרקער קריזיס אין מזרח־אייראָפּעאישן אידנטום — און שוין סוף 18טן און אָנהויב 19טן יאָרהונדערט האָבן פּוילישע אידן אָנגעהויבן זוכן איינוואַנדערונג־פּלעצער. זיי האָבן געזוכט אין דעם אָפּגעשטאַנענעם דרום־רוסלאַנד און אין דער הויך־אַנטוויקלטער מערב־אייראָפּע. הונדערטער טויזנטער אידן פון די ליטוויש־ווייסרוסישע און אוקראַאינישע גובערניעס פון אַמאָליקן פּוילן האָבן זיך אַריבערגערוקט קיין כערסאָנער, יעקאַטערינאָסלאַ־ווער, פּאָלטאַווער און בעסאַראַבער גובערניעס. פון גאַליציע איז אַוועק אַן אויסוואַנדערונג קיין ווין און קיין אונגאַרן; פון פּויזן — קיין בערלין און אין אַנדערע דייטשע שטעט. אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן אַ קליינער שטראָם פון אויסוואַנדערער פון אַלע מזרח־אייראָפּע־אישע לענדער קיין לאָנדאָן, קיין פּאַריז און אויך אַזש ביז אַמעריקע. אין 1860 טרעפן מיר שוין אין די שטאַטן אַ פּאָר צענדליק קהילות פון פּוילישן נוסח, דאָס הייסט פון פאַרשיידענע איינוואַנדערער פון מזרח־אייראָפּעאישע לענ־דער.

צו דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט הויבט זיך אָן אינטענסיווערע אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין אַלע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער — די באַפרייאונג פון דעם פּויערטום אין צאַרישן רוסלאַנד סיגנאַליזירט דעם צעפאַל פון דער לעצטער פעסטונג פון דער אָפּגעלעבטער פעאָדאַלער ווירטשאַפט־סיסטעם און ממילא דעם צעפאַל פון יענער אידישער הינער־פּיסלעך־עקאָנאָמיק, וועלכע האָט זיך געשטיצט פון איין זייט אויף דער נויט פון פּריץ אין אַ באַדינער און פאַקטאָר און פון דער צווייטער זייט אויף דער פּאַסיווקייט און אָפּגעלאָזנקייט פון פּויער, וועלכער איז געווען צופרידן איבערצולאָזן דעם אידן די ראָלע פון פאַרבינדער צווישן דאָרף און שטאָט.

די כוחות פון די דאָרפישע מאַסן זייַנען געוואָרן צעבינדן — דער אינעווייניקסטער מאַרק האָט גענומען אינטענסיוו וואַקסן. דער פאַרלאַנג פון פאַרברויך־פּראָדוקטן האָט געהאַלטן אין איין שטייגן. דער עקספּאָרט פון תבואה און פון אַנדערע אַגראַר־פּראָדוקטן האָט געבראַכט געלט פון מערב־אייראָפּע און האָט געהאָלפן די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער אַרויסקריכן פון דער דאָרפישער אָפּגעשטאַנענקייט און פאַרלאָזנקייט. דער שטראָם פון דאָרף אין שטאָט איז שנעל געוואַקסן, און שטאָטישע מאַסן זייַנען דאָך תמיד גרעסערע פאַרברויכער און בעסערע קאָנסומענטן. די אינדוסטריע אין מזרח־אייראָפּע האָט געשטעלט אירע ערשטע ברייטערע טריט און האָט צוגעזאָגט גרויסע דערפאָלגן.

אויפן באָדן פון דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם אויפשטייג און אויפבלי איז אויסגעוואַקסן די נייע מאָדערנע אידישע געזעלשאַפט אין מזרח־אייראָפּע. פון דער דורכויסיקער אידישער קלייינבירגערלעכער גראָער מאַסע האָבן זיך אויסגעטיילט און קריסטאַליזירט סאָציאַלע שיכטן און קלאַסן מיט קלאָרע פיזיאָנאָמיעס. ס'איז אויפגעקומען די אידישע גרויס־בורזשואַזיע און מיטל־בורזשואַזיע. ס'איז געוואַקסן דער האַנטווערקער־קלאַס און דער אַרבעטער־קלאַס. ס'איז אויפגעקומען אַ פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ. פון אַ קליינשטעטלדיק־דאָרפישן פאָלק זייַנען אידן אין איינע 50—60 יאָר געוואָרן אַ גרויסשטאָטיש פאָלק מיט געדיכטע אידישע מאַסן אין די הויפּטשטעט פון אַלע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער. די אידן זייַנען אויך דאָ געווען די איניציאַטאָרן פון באַנק־וועזן און פון אייזנבאַן־בוי, פון אימפּאָרט און עקספּאָרט, פון פאַרבינדן די אַגראַר־לענדער פון מזרח־אייראָפּע מיט די רייכע לענדער פון מערב־אייראָפּע. די אידישע באַנקירן פון בערלין און ווין האָבן אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיט די אידישע קאַפּיטאַליסטן פון פּעטערבורג און אָדעס, פון

ווארשע און לאדזש, פון קראקע און לעמבערג, פון בודאפעשט און בוקארעשט, און אויף אזא אופן געהאלפן צעוועקן די פארשלאפענע מאסן פון דעם אפגע־שטאנענעם אגראר־טייל פון איראפע. דאס זיינען געווען די שפיצן פון דער אידישער געזעלשאפט, און אויב אין אלע מערב־ און צענטראל־איראפעאישע לענדער, וואו ס'זיינען געווען קליינע צאלן אידן, האט דער פראצעס געפירט צום אויפשטייג פון א פארמעגלעכן און טיילוויז רייכן אידישן מיטל־בירגער־טום, איז אין מזרח־איראפע מיט זיינע מיליאניקע אידישע מאסן געוואקסן פאראלעל מיט די בירגערלעכע קלאסן אן ארבעטנדיקע מאסע מיט א דינעם שיכט פאבריק־פראלעטאריאט.

די דאזיקע אלע פראצעסן האבן ביזן גרונט צערודערט דאס אידישע לעבן און געענדערט די פסיכיק פון די אידישע מאסן. ארויסגעקראכן פון כתרילעווקע און געלאזט זיך אין די פארשיידענע יעהופעצעס האבן ניט נאר די מנחם־מענדלס, וועלכע האבן געזוכט בירזשע־געשעפטן און וואלד־מעקלעריי — די אידישע יוגנט האט זיך א לאז געטאן אין די ווארשטאטן און פאבריקן, אין די גימנאזיעס און אוניווערזיטעטן. די אפעטיטן און די השגות פון כתרילעווקע זיינען געבליבן דארטן, און אין די גרויסע שטעט האבן די אידישע מאסן זיך אנגעהויבן פילן בארעכטיקט צו א בעסערן עולם־הזה הן עקאנאמיש און הן פאליטיש. מען האט אנגעהויבן פראטעסטירן קעגן דעם אויסערן דרוק, אבער אויך קעגן דער אינעוויייניקסטער הכנעה און געפאלנ־קייט. מען האט אנגעהויבן בויען א ניי לעבן אויף נייע יסודות — אויף דעם דאזיקן באדן זיינען אויפגעקומען ניט נאר אלע אידישע סאציאלע און נאציא־נאלע באוועגונגען, נאר אויך אלע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס און אנ־שטאלטן, ווי די קאאפעראטיוון, די שולן, די צאלרייכע געזונט־אנשטאלטן וכדומה. די מאדערנע אידישע קולטור־באוועגונג איז געווען א נאטירלעכער רעזולטאט פון דער דאזיקער אויפלעבונג.

פאראלעל מיטן שטראם פון אידישן קליין־שטעטל איז געגאנגען א שטראם פון ניט־אידישן דארף. דער פויער איז די ערשטע צייט געגאנגען דער עיקר אין די אויפגעקומענע פאבריקן, און דער איד — אין געשעפט, אין אינטעליגענטע פראפעסיעס, אבער אויך מאסנוויז אין ווארשטאטן און פאבריקן. אבער וואס מער די פעאדאלע ווירטשאפט איז זיך צעפאלן, אלץ גרעסער איז געווארן דער שטראם פון פריצישע קינדער אין שטאט אריין, וועלכע זיינען שוין געגאנגען ניט אין קיין פאבריק, נאר אין אוניווערזיטעט און אין האנדל און טיילוויז אין פאבריק־אונטערנעמעריי. דער צווייטער

דור פון די שטאַטישע אַרבעטער האָט געגומען אויסטיילן פון זיינע רייען עלעמענטן מיט העכערע השגות און גרעסערע אַפּעטיטן — קאַנדידאַטן פאַר האַנדל און מלאָכה, קאַנדידאַטן פאַר דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן, קאַנדידאַטן אַלזאָ אויף די פּרנסות, מיט וועלכע אידן האָבן זיך מייסטנס פאַרנומען. ס'איז אויפגעקומען און געגומען שנעל וואַקסן דער ניט־אידישער מיטל־קלאַס אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער — ס'איז אַלזאָ אויפגעקומען דער מאָדערנער עקאָנאָמישער אַנטיסעמיטיזם אין מזרח־אייראָפּע.

גאַר גיך האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער קאַפּיטאַליזם פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, וואו ס'זיינען געווען קאָנצענטרירט די גרעסטע אידישע מאַסן, האָט זייער באַגרענעצטע אַנטוויקלונג־מעגלעכקייטן. געקומען שפּעט, ווען די מערב־אייראָפּעאישע לענדער האָבן שוין געהאַט אַ הויך־אַנטוויקלטע אינדוסטריע און אַ ברייט־פאַרשפּרייטע אינטערנאַציאָנאַלע האַנדלס־נעץ, האָט דער קאַפּיטאַליזם פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער געמוזט קאָנצענטרירן זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף אָפּקעמפן זיין אייגענעם אינעווייניקסטן מאַרק; אויפן אויסלענדישן מאַרק איז זיין קאָנקורענץ־שוואַכקייט, מיטן אויס־נאַם פון גאַר ווייניקע אינדוסטריע־אַרטיקלען, געווען צו קלאָר. שוין דער דאָזיקער פאַקט האָט געמאַכט די ניט־אידישע בורזשואַזיע פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער ווייניקער אינטערנאַציאָנאַליסטיש, מער שאָוויניסטיש, מער געבונדן מיטן נאַציאָנאַלן באָדן, קורצזיכטיקער און אייפערזיכטיקער אויף דער קאָנקורענץ אויף דעם אינעווייניקסטן מאַרק.

און אָט דער דאָזיקער היסטאָרישער פאַקט האָט היסטאָריש באַשלאָסן דעם גורל פון די אידישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע. און ניט נאָר אין דעם זינען, וואָס זיי האָבן ניט געקאָנט אויסטיילן קיין בורזשואַזיע פון אַזאַ עשירות און פון אַזאַ פּאָליטישער ווירקונג, ווי אין מערב־אייראָפּע, און האָבן אויך ניט געקאָנט אַרויסרוקן פון זיך אַזאַ ברייטן שיכט אינטעליגענץ מיט אַזאַ קאָלאָסאַלן פּאָליטישן און גייסטיקן איינפלוס, ווי אין מערב־אייראָפּע, און זיינען געווען, פאַרקערט, געצוואונגען צו פאַרוואַנדלען גאַנץ באַדייטנדיקע מאַסן אין מאָנועלע אַרבעטער — אַפילו די לעצטע מעגלעכקייטן, די אַרבעט־מעגלעכ־קייטן, זיינען געווען ניט גענוג אויף איינצושלינגען דעם גרויסן נאַטירלעכן צואוואַקס ביי אידן. בפרט נאָך, אַז דאָס דאַרף איז געוואָרן אַלץ קולטורע־לער און קולטורעלער און האָט אַלץ מער געגומען אַרויסרוקן עלעמענטן־פּרעטענדענטן אויף שטאָטישע מיטלקלאַס־פּרנסות. און וואָס מער אַ פאָלק

וואוהין גייען מיר?

איז רייפער געוואָרן אויסצוטיילן פון זיך מיטלקלאַס־קאַנדידאַטן, אַלץ העכער זיינען געשטיגן די כוואַליעס פונם עקאָנאָמישן אַנטיסעמיטיזם.

אַ שרייענדיקע אילוסטראַציע צו דער לעצטער באַהויפּטונג האָבן מיר געהאַט אין זעלבסטשטענדיקן פּוילן — די אַקטיווסטע טרעגער פונם עקאָנאָמישן אַנטיסעמיטיזם זיינען געווען די פּאָליאַקן; אין דער צווייטער ריי די אוקראַאינער; אין ווייסרוסלאַנד אָבער, וואו די ווייסרוסישע באַפעלקערונג איז די אָפּגעשטאַנענסטע און האָט נאָך וויניק קולטורעלע עלעמענטן פאַר שטאָטישע פּרנסות, איז ניט געווען קיין איין פּאָגראָם און קיין איין פּיקעט־גרופּע ביי אַ אידישן געשעפט. די פּאָליאַקן האָבן געבראַכט אַהין מיט זיך דעם אַנטיסעמיטיזם, אָבער ער האָט זיך ביי דער ווייסרוסישער פּרימיטיווער באַפעלקערונג גאָר קנאַפּ אָנגענומען.

דער הימלאָזער איד ווערט אומעטום דער איבעריקער, וויבאַלד נאָר ס׳ווערט ענג, וויבאַלד נאָר זיין עקאָנאָמישע פונקציע קאָן אויסגעפילט ווערן פון דער מערהייט, וויבאַלד נאָר אַפילו מען קאָן זיך באַגיין אָן אים. בפרט נאָך אין לענדער, וואו די איבער־באַפעלקערונג אין דאָרף האָט צענדליקער יאָרן פאַרגעשטעלט מיט זיך די שווערסטע און טרויעריקסטע פּראָבלעם פון דער מלוכה; וואו די שטאָטישע אַרבעטלאָזיקייט איז געווען אַ מכה, וואָס האָט ניט געלאָזט צורו ניט נאָר אין קריזיס־יאָרן, נאָר אויך אין פּראָספּעריטי־יאָרן; און וואו, ענדלעך, די איבער־פּראָדוקציע פון אינטעליגענץ האָט אָנ־גענומען די שאַרפסטע און געפערלעכסטע פאָרמען — און אַט אַזוי איז געווען די לאַגע אין אַלע מזרח־איראָפּעאישע לענדער, וואו מיט אַ גראַד שאַרפער און וואו מיט אַ גראַד שוואַכער.

צו די אַלע עקאָנאָמישע סיבות, וועלכע איך האַלט פאַר די הויפּט־סיבות, זיינען נאָך צוגעקומען פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען פון רעגירונגען, ווי די צאַרישע אַ מאָל, די רומענישע תמיד, די פּוילישע אין זעלבסטשטענדיקן פּוילן, די אונגאַרישע נאָך דער וועלט־מלחמה, וואָס האָט געבראַכט אונגאַרן אַ מפּלה, — אַט די אַלע רעאַקציאָנערע רעגירונגען, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון די גרויסע גרונט־באַזיצער, האָבן געהאַט רייך־פּאָליטישע מאָטיוון אויף טרייבן אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק. דער אַנטיסעמיטיזם איז דער בעסטער און אויסגעפּרוווטסטער מיטל אויף אָפּצווענדן די אויפמערק־זאַמקייט פון די אומצופרידענע מאַסן, באַזונדערס פון די אָפּגעשטאַנענע דאָר־פישע מאַסן, פון די הויפּט־סיבות פון זייער הונגער און נויט און זיי אָנרייצן אויף די אידן ווי אויף דעם מקור פון אַלע אומגליקן און פון אַלע נויטן. עס

פאַדערט זיך שוין גאַר אַ הויכע מדרגה פון קלאַסן־באַוואוסטזיין, ווי דאָס איז געווען, למשל, דער פאַל ביים אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט אין פּוילן, אום אָפּצושלאָגן די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע מיטן קאַמף פאַר די אמת׳ע און ראַדיקאַלע לייזונגען פון יענע פּראָבלעמען, וועלכע זיינען די אַלגעמיינע וועלט־פּראָבלעמען אין דער עפּאָכע פון דער ירידה פונם קאַפּיטאַליזם.

וואָרום שטאַרק איז דער אַנטיסעמיטיזם נאָר מיטן אַגיטאַציע־מאַטעריאַל — די אויסנאַם־לאַגע פון אידן, זייער נאַציאָנאַלע שוואַכקייט בעת די יחידים האָבן די פעאיקייט זיך צו דערשלאָגן צו הויכע עקאָנאָמישע און קולטורעלע פּאָזיציעס, גיט די אַנטיסעמיטן ווירקלעך דעם בעסטן שטאָף פאַר זייער פּאָ־ליטישער טעטיקייט. קומט אָבער צו דער לייזונג פון וועלכער ס׳ניט איז סאָציאַלער פּראָבלעם, צי דאָס איז די אַגראַר־פראַגע, צי די אַרבעטלאָזיקייט־פראַגע, צי די איבער־פּראָדוקציע פון דער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ, שטעלט זיך תיכף אַרויס, אַז מיט אידישע עקספּראָפּריאַציעס און מיט אידישע גירושים ווערט קיין איינע פון זיי ניט פאַרענטפערט. סוף־כל־סוף שטעלט זיך אַפילו אַרויס, אַז מיט די אידישע פאַרפאָלגונגען זיינען די אַנגעוויטיקטע סאָציאַלע מכות געוואָרן נאָך שאַרפער און צוגעשפּיצ־טער. דער אַנטיסעמיטישער שווינדל ווערט סוף־כל־סוף היסטאָריש אויפ־געדעקט און שרייענדיק קלאָר פאַר דער גאַרער וועלט. ניטאָ קיין איין היס־טאָריקער, וועלכער זאָל באַגרינדן די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון וועלכן ס׳ניט איז לאַנד מיטן גירוש פון אידן — פאַרקערט, ווערט זייער אָפט באַ־גרינדעט די ירידה פון שפּאַניע מיטן גירוש פון די אידן און דער קאָלאָסאַלער אויפשטייג פון דייטשלאַנד אין די לעצטע הונדערט יאָר מיטן אַקטיוון אַנטייל פון אידן אין עקאָנאָמישן לעבן פון דאָזיקן לאַנד. דאָך איז די איינציק־אַרטיקער לאַגע פון אידישן הימלאָזן מיעוט אין דער וועלט ממש פּאַטאַליש צו־געפּאַסט, ממש ווי פון גורל באַרופן צו דינען אַלס דער בעסטער מיטל פאַר פּאָליטישן שווינדל און פּאָליטישן שאַנטאַזש. קיין שום עקספּערימענטן פון פאַרגאַנגענע עפּאָכעס האָבן ביז איצט ניט געהאָלפן. און קיין שום עקס־פּערימענטן פון איין פאָלק האָבן גאָרניט אויסגעלערנט די אַנדערע פעלקער. נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו אונזער טעמע.

פּאַראַלעל מיטן שטראָם פון ניט־אידישע עלעמענטן פון דעם צעפּאָלנ־דיקן דאָרף איז געגאַנגען דער אָפּפלוס פון גרויסע אידישע מאַסן פונם שטעטל, וואָס איז געווען אַזוי אָרגאַניש געקניפּט און געבונדן מיטן דאָרף, אַז יעדער שינוי אין לעצטן האָט געמוזט געפינען זיין אָפּקלאַנג אין אידישן

שטעטל. די אידישע פרנסות, ווי האַנדל און האַנטווערק, זיינען אין די שטעט גאָר גיך געוואָרן איבערפולט — די אַנטוויקלונג פון דער שטאָטישער קליין־אינדוסטריע, וואָס איז געווען דער הויפט־אויפטו פון אידן אין די גרויסע שטעט פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, האָט ניט געקאָנט אַרייננעמען אַלע עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך געריסן פון די קליינשטעטלדיקע נאָרעס צו אַ בעסערן און ליכטיקערן לעבן. די פאַבריקן פון דער גרויס־אינדוסטריע זיינען געוואָרן דער פאַרפלייץ־פּלאַץ פון דער ניט־אידישער דאָרפישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט אין די ערשטע סטאַדיעס פון דער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם אינם אָפּגעשטאַנענעם מזרח־אייראָפּעאישן טייל פון אייראָפּע פאַרקויפט איר אַרבעט־קראַפט אַזוי ביליק, אַז ווי אָרעם און דחקות׳דיק די קליינשטעטלדיקע אידן האָבן ניט געלעבט, האָבן זיי ניט געקאָנט קאָנקורירן מיט די דאָזיקע נאָר וואָס פון פריצישער שקלאַפעריי אַרויסגעקראָכענע מאַסן. ווי אָפּגעשטאַנען און מיטלאַלטערלעך די אידישע שטעטלעך פון פוילן און רוסלאַנד, ליטע און לעטלאַנד, רומעניע און אונגאַרן האָבן ניט אויסגעזען, זיינען די דערפער פון די דאָזיקע אַלע לענדער נאָך מער און טיפער געזונקען אין שמוץ און זומפּ, אין דחקות און דלות — אַט די דאָזיקע דאָרפישע מאַסן האָבן סוף 19טן און אָנהויב 20טן יאָרהונדערט צוגעשטעלט דעם מענטש־מאַטעריאַל פאַר דער ערשטער רויבערישער סטאַדיע פונם קאַפּיטאַליזם. נאַטירלעך, אַז דער איד, פיזיש דער שוואַכערער, פּאָליטיש דער רעכטלאָזערער, מאַטעריעל דער מער־פאַרלאַנגענדיקער, איז געבליבן אויסער די ווענט פון דער גרויס־אינדוסטריע.

איז אָבער דעמאָלט געווען אַן אויסוועג — און נאָך וואָס פאַר אַן אויסוועג! די שיפן אויף די ימים זיינען געוואָרן איבערפולט מיט אידישע וואַנדערער פון אַלע לענדער פון מזרח־אייראָפּע. די כוואַליעס אידישע וואַנדערער האָבן געהאַלטן אין שטייגן און שטייגן. ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זייער צאָל דערגרייכט קרוב צו 150 טויזנט יערלעך — דאָס איז געווען בערך דער גאַנצער נאַטירלעכער צוּוואַקס. געוויס האָט געשפּילט שוין דעמאָלט אַ גרויסע ראָלע די צוציאונג־קראַפט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו די איינגעוואַנדערטע הונדערטער טויזנטער אידן האָבן זיך דערשלאָגן צו אַ מצב, ווען זיי זיינען אַריבער פון דער שוויץ־סיסטעם פון דער ערשטער איינוואַנדערונג־עפּאָכע צו אַ העכערן לעבנס־סטאַנדאַרד און טיילווייז שוין געשטיגן צו סאָציאַל־העכערע פרנסות. דאָך איז דער הויפט־פאַקטאָר פון דער אידישער אויסוואַנדערונג געבליבן די פרנסה־נויט, וואָס האָט געטריבן אין אַלע עקן וועלט.

די מלחמה האָט קאַרדינאַל געענדערט די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידישע מאַסן און האָט די נויט אין אויסוואַנדערונג פילפאַך פאַרגרעסערט און אינטענסיווירט. די באַפרייטע קליינע פעלקער, וועלכע האָבן פריער סטיכיש אָפּגעהאַלטן נצחונות איבער דער שוואַכער אידישער מינדערהייט, האָבן באַקומען אין זייערע הענט אַזאַ כּלי־זין, ווי די פּאָליטישע מאַכט. מיר האָבן שוין העכער באַלויכטן די קולטורעלע שינויים אין דאָרף, וועלכע האָבן געמאַכט רייפער און פעאיקער פיל עלעמענטן דאָרטן צו פאַרנעמען העכערע סאָציאַלע פּאָזיציעס, ווי בלייבן אין דאָרף און אַקערן אויפן פּרימיטיווסטן אופן ערד. די נאַציאָנאַלע באַפרייאונג האָט ניט נאָר באַפליגלט די דאָזיקע עלעמענטן מיט אַ טרויס וועגן אַ נייעם אַרט לעבן אין דער שטאָט, נאָר האָט זיי אויך באַוואָפנט מיט מאַכט אויף אַרויסרייסן די שטאָטישע פּאָזיציעס פון די אידן, וועלכע האָבן די דאָזיקע פּאָזיציעס געשאַפן אין אַלע שטעט פון מזרח־אייראָפּע, געשאַפן און אַנטוויקלט אין משך פון יאָרהונדערטער. פּאָליטישע מאַכט אין אַ מאָדערנעם שטאָט באַטייט אויך עקאָנאָמישע מאַכט. אין פּוילן, למשל, איז העכער אַ דריטל פון דער גאַנצער פאָלקס־הכנסה דורכגעגאַנגען דורך דער עפנטלעכער האַנט. די מלוכה איז געווען דער גרעסטער אונטערנעמער אין לאַנד און דער גרעסטער קונה אויפן מאַרק. און די מלוכה איז געווען אויסשליסלעך אין די הענט פון די פּאָליאַקן. וואָרום כאָטש די מינדערהייטן האָבן אויסגעמאַכט העכער אַ דריטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, האָבן זיי צווישן אַלע באַאַמטע ניט אויסגעמאַכט אַפילו קיין צען פּראָצענט, און צווישן די העכערע באַאַמטע, וועלכע באַשליסן פּאַקטיש דעם גורל פון לאַנד, אַפילו ניט קיין 5 פּראָצענט. ענלעך איז געווען די לאַגע אין רומעניע און אין אונגאַרן, אין ליטע און לעטלאַנד.

אַ גאַנצער קנויל אינטערעסן האָט געטריבן די רעגירונגען פון די דאָזיקע אַלע לענדער צו פירן אַן אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק. מיר האָבן העכער שוין אָנגעוויזן אויף דער פּאָליטישער זייט. ס'זיינען נאָך צוגעקומען עקאָנאָמישע און נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

די אַרבעטלאָזיקייט איז געווען גרויס. ראַדיקאַלע לייזונגען אין גייסט פון סאָציאַליזם האָט מען ניט געוואָלט — האָט מען געפּרואווט פאַרשטאָפּן די מיילער פון די הונגעריקע מיטן אַרעמען אידישן ביינדל. פון הונדערט אַרבעטלאָזע יונגע פּאָליאַקן פון דאָרף האָבן געקאָנט פאַרנעמען די ערטער פון די אידישע קרעמער אָדער בעלי־מלאכות, פון די אידישע קראָם־אָנגעשטעלטע אָדער פון די אידישע האַנטווערקער־געזעלן מאַקסימום 10, אָבער

וואוהין גייען מיר?

מען האָט געפּרואווט איינרעדן די מאַסן, אַז מען גייט ראַטעווען אַלע הונדערט. לויט די אויסרעכענונגען אַבסאָלוט פון אַלע פּוילישע עקאָנאָמיסטן, זיינען גע־ווען אין פּוילן אַרום אַכט מיליאָן איבעריקע מענטשן אין דאָרף, דאָס הייסט, אַז דאָס דאָרף וואָלט געקאָנט פּראָדוצירן דעם זעלביקן סכום פּראָ־דוקטן מיט אַכט מיליאָן מענטשן ווייניקער. אידן זיינען געווען אין גאַנץ פּוילן נאָר דריי מיליאָן. און מיט דער דאָרפישער איבער־באַפעלקערונג האָט זיך ניט אויסגעשעפּט די אַרבעטלאָזיקייט פון פּוילן. די זעלביקע לאַגע איז געווען בערך אין אַלע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער.

צו די דאָזיקע עקאָנאָמישע סיבות זיינען נאָך צוגעקומען נאַציאָנאַלע סיבות. הונדערטער יאָרן האָבן אידן אין מזרח־אייראָפּע אויסגעפילט די פונק־ציעס פון האַנדל אויף 90 און אָפט אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט. אין מלאָכה איז די לאַגע געווען אַ ביסל אַנדערש, אָבער ס'זיינען אויך אין דאָזיקן ווירטשאַפט־צווייג געווען פאַכן, אין וועלכע אידן האָבן אויסגעמאַכט 60 און 70 פּראָצענט און אָפילו נאָך אַ העכערן. איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס אין רעזולטאַט פון אַזאַ יאָרהונדערטער־אַנטוויקלונג האָבן אידן אויסגעמאַכט אין פיל שטעט פון מזרח־אייראָפּע אַן אַבסאָלוטע אָדער רעלאַטיווע מערהייט און אין נאָך מער שטעט מער פון אַ דריטל. אידן זיינען דערביי געווען די קול־טורעלסטע עלעמענטן און איין דריטל אידן אין אַ שטאָט האָט מער באַשטימט די קולטורעלע פיזיאָנאָמיע אירע, ווי צוויי דריטל ניט־אידן. און די צוויי דריטל ניט־אידן זיינען דאָך זייער אָפט באַשטאַנען פון צוויי, פון דריי און נאָך מער פעלקער. אין גאַליציע: פּאָליאַקן, אוקראַינער און דייטשן; אין ליטע: ליטווינער, רוסן, פּאָליאַקן און לעטן; אין בעסאַראַביע: מאָלדאַוון, רוסן און אוקראַינער; אין בוקאָווינע: אוקראַינער, רומענער און דייטשן, און אַזוי ווייטער און ווייטער. די דאָזיקע נאַציאָנאַלע צעשפּאַלטונג פון דער ניט־אידישער באַפעלקערונג האָט געשאַפן די בעסטע באַדינגונגען פאַר דער הער־שאַפט פון דער קולטור פון דער אידישער מינדערהייט.

די באַפרייטע פעלקער האָבן מיט אַן אַכזריות אָן אַ ברעג און מיט די שרעקלעכסטע מיטלען און וועגן זיך גענומען אַרויפצווינגען אויף די שטעט דעם נאַציאָנאַלן פּנים פון דער לאַנד־מערהייט. אין מלוכות, ווי אין פּוילן, וואו די פּעריפעריע־לענדער, ווייסרוסלאַנד און גאַליציע, האָבן ניט געהאַט קיין פּוילישע לאַנד־מערהייט, נאָר אַ ווייסרוסישע און אוקראַיבישע, האָט די צענטראַלע פּוילישע מאַכט געוואָלט אומבאַדינגט אַרויפצווינגען אויף אַלע שטעט פון דער מלוכה דעם אויסגעשפּראָכנסטן פּוילישן שטעמפּל.

אַט די אַלע אויסגערעכנטע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און נאַציאָנאַלע סיבות האָבן באַשטימט די אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון די רעגירונגען פון אַלע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער — וואו גראָב מיט פּאָגראָמען און הריגות, ווי אין פּוילן און רומעניע, און וואו איידעלער און ווייכער, אָבער מיט די זעלביקע סוף־רעזולטאַטן, ווי אין ליטע און לעטלאַנד, למשל.

אַרויסשטויס פון אידן פון אַלע שטאַטלעכע און שטאָטישע באַאַמטן־פּלעצער און אַרבעט־פּלעצער; אַרויסשטויס פון די אידישע דאָקטוירים און דענטיסטן פון אַלע עפנטלעכע שפּיטאָלן און פון די קראַנקן־קאַסעס; פאַר־שטאַטלעכונג פון אידישע אונטערנעמונגען מיטן אַפּזאָג פון אַלע אידישע אָנ־געשטעלטע און אידישע אַרבעטער; געשוואָלענע שטייערן אויף אידן און פּרי־ווילעגירטע באַשטייערונג פון ניט־אידן, באַזונדערס פון אַזעלכע, וועלכע האָבן געגרינדעט קראָמען; פאַרטיילונג פון עקספּאָרט־ און אימפּאָרט־דערלוי־בענישן מיט דער ברייטער האַנט פאַר ניט־אידן און מיט קמצנות פאַר אידן; ביליקע קרעדיטן פון די מלוכה־ און שטאַט־בענק פאַר אייגענע און אַפּזאָג אין קרעדיט די גרעסטע אידישע בטוחים — אַט דאָס איז געווען די אָפיציעלע עקאָנאָמישע פּאָליטיק אַבסאָלוט פון אַלע רעגירונגען פון די מזרח־אייראָפּע־אישע לענדער.

גיבן מיר נאָך צו, אַז אין פּוילן, למשל, האָט די מאַכט אָפיציעל דער־לויבט צו פּיקעטירן ביי אידישע קראָמען און רופן צו באָיקאָט; אַז אין די פּוילישע הויכשולן האָט מען אין די לעצטע 6 יאָר פאַר דער איצטיקער מלחמה גע׳הרג׳עט העכער 30 אידישע סטודענטן און פאַרוואונדעט עטלעכע הונדערט, און אין די הויכשולן פון בוקאַרעשט און בודאַפּעשט האָבן די אָנפאַלן אויף אידן אין די יאָרן פון דער צווישן־מלחמה־צייט ניט אויפגעהערט; אַז פאַק־טיש איז אַבסאָלוט אין אַלע לענדער פון מזרח־אייראָפּע אין די הויכשולן איינגעפירט געוואָרן אַ נומערוס קלאַוזוס און די צאָל אידישע סטודענטן איז אין דאָזיקן טייל אייראָפּע געפאַלן אויף אַ העלפט בערך, בעת די צאָל ניט־אידישע סטודענטן האָט געהאַלטן אין איין שטייגן; אַז די פאַרבאַנדן פון אַלע ליבעראַלע פּראָפעסיעס אין אַלע לענדער פון מזרח־אייראָפּע זיינען געוואָרן די נעסטן פונם ווילדסטן אַנטיסעמיטיזם און דער רוף צו באָיקאָטירן אידישע דאָקטוירים, אידישע אַדוואָקאַטן, אידישע אינזשעניערן איז געווען דער לאָ־זונג פון דער גרויסער מערהייט פון די דאָזיקע פאַרבאַנדן, — גיבן מיר דאָס אַלץ צו, וועט אונז ווערן קלאָר, ווי ס׳האָט געמוזט זיין די שטימונג ביי דער

וואוהין גייען מיר?

אידישער יוגנט און וואָסערע פּערספּעקטיוון ס'זיינען געשטאַנען פאַר אירע אויגן.

און גיבן מיר נאָך ווייטער צו, אַז אין פּוילן, למשל, זיינען געוועזן פּאָגראָמען אין פיל שטעט, און אויף די גאַסן פון וואַרשע און לאָדזש, ווילנע און ביאַליסטאָק און פון פיל אַנדערע שטעט האָט מען יאָרנלאַנג געשלאָגן אידן און געהאַלטן אין טעראָר די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג; אַז אין רומעניע האָט מען צוגענומען די בירגער־רעכט ביי אַ גאַנץ דריטל פון דער אידישער באַפעלקערונג און דערמיט ביי זיי אויך צוגענומען דאָס רעכט צו אַרבעטן; אַז אין דער זעלביקער רומעניע זיינען די אָנפאַלן אויף אידן אין די גאַסן פון קישינעוו און טשערנאָוויץ געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג און אַ כמעט דערלויבטע זאַך פון דער פּאָליציי; אַז די פּרעסע, חוץ גאַנץ ווייניקע סאָציאַליסטישע און ליבעראַלע צייטונגען, איז אין די דאָזיקע לענדער געווען אַנטיסעמיטיש און פיל פּרעסע־אָרגאַנען האָבן אָפן און אומגעשטערט גערופן טאָג־טעגלעך צו באָיקאָט און פּאָגראָמען; אַז וואָס נאָענטער צו דער מלחמה, אַלץ מער האָט זיך צעפלאַקערט די אַנטיסעמיטישע חיה און אַלץ מער האָבן די רעגירונגען גענומען שוין לעגאַל איינפירן באַגרענעצונגען און באַשרענקונגען פאַר אידישע באַשעפטיקונגען — נעמט מען דאָס אַלץ אין אַכט, קאָן מען זיך גרינג פאָרשטעלן די שטיקנדיקע אַטמאָספערע, אין וועלכער אידן האָבן געלעבט אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, און ווי זיס עס איז געווען פאַר דער גרויסער מערהייט פון דער אידישער באַפעלקערונג דער טרוים וועגן אַרויסרייסן זיך פונם אייראָפּעאישן גיהנום און פליען אין עק וועלט, אַבי פּטור צו ווערן פונם אייראָפּעאישן קאָשמאַר.

אָבער וואָס דערשטיקנדיקער ס'איז געוואָרן די לופט פאַר אידן אין אייראָפּע; וואָס ענגער דער שטריק איז פאַרצויגן געוואָרן אַרום האַלז פון די אידישע מאַסן; וואָס פאַרצווייפלטער ס'איז געוואָרן די לאַגע פון דער אידישער יוגנט; וואָס אויסזיכטלאָזער ס'איז געוואָרן דער מצב פון דער אידישער אינטעליגענץ, — אַלץ שמאָלער און שמאָלער זיינען געוואָרן די שפּאַלטן פון די טויערן פון די איינוואַנדערונג־לענדער און אַלץ שווערער און שווערער איז געוואָרן זיך דורכצורייסן דורך די דאָזיקע שמאָלע שפּאַלטן.

די גרויסע היטלער־קאַטאַסטראָפע האָט אונז געמאַכט פאַרגעסן די דאָזיקע נאָרמאַלע טאָג־טעגלעכע פינסטער־ביטערע צייט פון דער צווישן־מלחמה־צייט. טרינקענדיק זיך אין בלוט פון מיליאָנען דערמאָרדעטע ברידער און שוועסטער; צוזעענדיק דעם מאַטעריעלן און גייסטיקן חורבן פון הע־

יעקב לעשצינסקי

כער אַכט מיליאָן אייראָפּעאישע אידן; פאַרצווייפלענדיק פון מאַכטלאָזיקייט און הילפלאָזיקייט, זעען אונז אויס פּשיטיק־פּוילן און גאַגאַ־רומעניע ווי גן־עדן־לענדער. אָבער דער קומענדיקער היסטאָריקער פון אונזער פינסטע־רער עפּאָכע וועט פּשיטיק־פּוילן און גאַגאַ־רומעניע באַטראַכטן ניט נאָר ווי אַן אַריינפיר צו דער היטלער־קאַטאַסטראָפע, נאָר ווי אַן אַקאָרד פון די אָרגאַנישע פּראָצעסן פון אַרויסשטויס און אויסגלידערונג פון דער אָרומיקער עקאָנאָמישער און פּאָליטיש־גייסטיקער וועלט, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן אַ סך פריער און זיינען נאָר אומגעהויער פאַרשטאַרקט געוואָרן אין דער צווישן־מלחמה־צייט. און ס'קאָן אַפילו זייער זיין, אַז דער היסטאָריקער וועט אָפּגעבן מער פּלאַץ און מער אויפמערקזאַמקייט דווקא פּשיטיק־פּוילן און דווקא גאַגאַ־רומעניע, וועלכע קאָנען בשום־אופן ניט באַטראַכט ווערן ווי אַן עפּיזאָד־קאַשמאַר, וואָס ס'איז ניט אויסגעשלאָסן צו באַהויפּטן וועגן דער מאָרד־מגפה פון די היטלער־באַנדעס. פאַר די אָרגאַנישע עמיגראַציע־נויטן פון די אידישע מאַסן און פאַר די אימאַנענטע ענערגיע־פּאָטענצן, וואָס די אידישע וואַנדערנדיקע מאַסן טראָגן אין זיך, איז בלתי־ספק פיל וויכטיקער די פאַר־היטלער־אַטמאָספערע, אין וועלכער די אידישע מאַסן האָבן זיך גע־שטיקט, ווי די אידישע בית־עולמ'ס, מיט וועלכע היטלער האָט באַדעקט גאַנץ אייראָפּע.

8

פאַרנעם און ריכטונג פון די אידישע וואַנדערונגען אין לעצטן יאָרהונדערט

קרוב צו פיר מיליאָן אידן האָבן אין די לעצטע הונדערט יאָר איינגעוואַנדערט אין פאַרשיידענע מעבר־לים׳דיקע לענדער. דערפון זיינען געווען געוויס העכער 3 מיט אַ האַלבן מיליאָן פון אייראָפּע, אייגנטלעך פון צענטראַל־ [דייטשלאַנד און עסטרייך] און מזרח־אייראָפּע. די איבעריקע איינוואַנדערער האָבן געשטאַמט פון אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע אידישע געטאָס. פון צענטראַל־ און מזרח־אייראָפּע האָבן אידן אויסגעוואַנדערט אויך קיין מערב־ און צפון־אייראָפּע — קיין פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד און ענגלאַנד. מען קאָן לכן מיט אַ רואיקן געוויסן באַהויפּטן, אַז פון צענטראַל־ און מזרח־אייראָפּע האָבן אין משך פון די יאָרן פון 1840 ביז 1942 אויסגעוואַנדערט ניט ווייניקער פון 4 מיליאָן אידן, מער אַיידער ס׳זיינען דאָרט געווען צוריק מיט הונדערט יאָר.

לויט זייער צאָל נפשות פאַרנעמען די אידן אין אייראָפּע דאָס צוועלפטע אָרט און לויט דער אַבסאָלוטער גרויס פון זייערע אויסוואַנדערער פון דאָזיקן קאָנטינענט דאָס פערטע אָרט נאָך ענגלאַנד, דייטשלאַנד און איטאַליע. מיר רעכענען די אויסוואַנדערונג פון 1900טן יאָר אָן. רעלאַטיוו אָבער, אין פּראָפּאָרץ צו זייער צאָל נפשות, האָבן אידן אויסגעוואַנדערט אינטענסיווער ווי אַלע איבעריקע פעלקער פון אייראָפּע — צוויי מאָל אינטענסיווער ווי די ענגלענדער און איטאַליענער; דריי מאָל אינטענסיווער ווי די פּאָליאַקן; 4 מאָל אינטענסיווער ווי די ליטווינער; 5 מאָל אינטענסיווער ווי די מאַדיאַרן; צען מאָל אינטענסיווער ווי די טשעכן; עלף מאָל אינטענסיווער ווי די דייטשן; 13 מאָל אינטענסיווער ווי די רומענער; 17 מאָל אינטענסיווער ווי די פראַנצויזן און 40 מאָל אינטענסיווער ווי די אוקראַינער. אַלס מאַסשטאַב האָבן מיר אומעטום גענומען די איינוואַנדערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

פון די קרוב 4 מיליאָן אידישע איינוואַנדערער אין פאַרשיידענע מעבר־לימ'דיקע לענדער האָבן איינגעוואַנדערט אין די 14 יאָר פון ערב דער ערש־טער וועלט־מלחמה 1 מיליאָן מיט 600 טויזנט אָדער בערך 40 פּראָצענט. אין די דאָזיקע 14 יאָר האָט די אידישע אויסוואַנדערונג אַנטפּלעקט איר גאַנצן שוואונג און איר מעגלעכן פאַרנעם — צום גליק האָט זי זיך דעמאָלט ניט אָנגעשטויסן אויף קיין שום שטערונגען אין די איינוואַנדערונג־לענדער. עס וואָלט אָבער געווען אַ גרויסער טעות אָנצונעמען, אַז דער דאָזיקער הויכער שוואונג פון דער אויסוואַנדערונג פון איראָפּע אין די ערשטע 14 יאָר פון לויפנדיקן יאָרהונדערט האָט געהאַט אַלס זיין קוואַל די פּאָגראָמען אין צאַ־רישן רוסלאַנד. די פּאָגראָמען האָבן געוויס געווירקט, אָבער ס'זיינען גע־ווען טיפערע און אָרגאַנישערע סיבות, וועלכע האָבן געטריבן אידן פון איראָפּע. דאָס ווערט זייער גרינג קלאָר, ווען מען פאַרגלייכט די אויסוואַנ־דערונג פון די ערשטע 5 יאָר פון 20סטן יאָרהונדערט, יאָרן, וועלכע שליסן אין אין זיך אי דעם קישינעווער פּאָגראָם, אי די בערך 500 פּאָגראָמען בעת דער רוסישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון 1905טן יאָר, מיט דער אויסוואַנ־דערונג פון 1910 ביז 1914 אין כלל. אין די ערשטע 5 יאָר האָבן אויס־געוואַנדערט פון איראָפּע נאָר אַרום 400 טויזנט אידן און אין די לעצטע 5 יאָר אַרום 600 טויזנט.

די מלחמה און דער צעפאַל פון די צוויי אימפּעריעס (רוסלאַנד און עסט־רייך) האָבן אומגעהויער פאַרטיפט און פאַרשטאַרקט די באַדינגונגען, וועלכע האָבן פריער געטריבן אידן פון איראָפּע. די געפאַלענע זשע צאָל אויסוואַנ־דערער נאָך דער מלחמה איז אויסשליסלעך אַ רעזולטאַט פון די באַריערן און צוימען, וועלכע זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אין אַלע איינוואַנדערונג־לענדער. די בויט אין אויסוואַנדערונג פון איראָפּע האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן און האָט אין די לעצטע צען יאָר פאַר דער צווייטער מלחמה דער־גרייכט אַ מדרגה, ווען די אידישע מאַסן האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין ניט נאָר אין לענדער, וואו קיין אידישער פוס האָט קיין מאָל ניט געטראָטן און וואו די אויסזיכטן אויף פּרנסה זיינען געווען זייער צווייפלהאַפטע, נאָר זיי האָבן זיך געזעצט אויף שיפן, וועלכע האָבן ניט געהאַט גאָר קיין קלאָרן מאַרשרוט.

לאָמיר טיילן דעם גאַנצן גענומענעם פּעריאָד פון 102 יאָר אויף דריי גרויסע צייט־אָפּשניטן און זען, ווי די אויסוואַנדערונג איז לכתחילה גע־

וואוהין גייען מיר?

וואקסן און ווי זי איז איבערגעהאקט געווארן גראד דעמאלט, ווען איר אינטענסיווקייט האט געמוזט גרעסער ווערן.

די אויסוואנדערונג פון די לעצטע 102 יאר לויט צייט־אפשניטן:

יארן	אבסאלוטע צאל אידישע אויסוואנדערער	יערלעכער דורכשניט פון אויסוואנדערער
1) 1840—1900	985,000	16,150
2) 1901—1914	1,615,000	115,350
3) 1915—1942	1,317,000	47,000
1840—1942	3,917,000	38,400

די נאך־מלחמה׳דיקע אויסוואנדערונג איז אלזא געפאלן כמעט צוויי מיט א האלבן מאל — און די קנאפסטע באקאנטשאפט מיט די אידישע לעבנס־באדינגונגען פאר די נאך־מלחמה־יארן צווינגט אנצונעמען, אז די נויט אין עמיגראציע פון איראפע האט זיך מינימום פארטאפלט. די אויסוואנדערונג־נויט נאך דער מלחמה איז לכן פאקטיש באפרידיקט געווארן אויף ווייניקער פון איין פערטל — שוין דאס אליין וואלט געווען גענוג אויף צו דערקלערן די געשטיקטע און דערשלאגענע שטימונג, וואס האט געהערשט ביי אידן אין די לענדער פון מזרח־איראפע. אבער מיר האבן שוין אויבן אנגעוויזן, אז צו דער עקאנאמישער נויט איז נאך צוגעקומען א פעקל פאליטישע צרות און מכות און נאציאנאלע באליידיקונגען, וועלכע זיינען פאר זיך געווען גאנץ גענוג אויף צו טרייבן אין עק וועלט פונם איראפעאישן עמק־הבכא, וואס איז גאר גיך פארוואנדלט געווארן אין א שחיטה־טאל פאר מיליאנען אידן.

די נאך־מלחמה׳דיקע צייט קען אבער ניט גענומען ווערן הורטאם, ווייל הן די באדינגונגען, וואס האבן געטריבן פון איראפע, און הן די באדינגונגען אין די לענדער, וועלכע האבן באדארפט ארייגלאזן די געטריבענע און געפייניקטע, האבן זיך שטארק געביטן די גאנצע צייט. ליידער, תמיד אין פארקערטע ריכטונגען — אין איראפע איז געווארן ערגער און שטיקנדיקער און דער אויסוואנדערונג־פיבער האט געהאלטן אין איין שטייגן; און די טויערן פון די איינוואנדערונג־לענדער זיינען געווארן שמאלער און שמאלער. באזונדערס האבן זיך גענומען שיטן גזירות אויף די קעפ פון די מיליאנען פאטענציעלע עמיגראנטן פון 1925 אן. און ווייל די נויט אין אויסוואנדערונג האט געטריבן און ממש געצוואונגען זיך לאזן אין וועג אריין, האט מען גענומען זוכן ווינקלען אין אלע עקן וועלט און שפארונעס אין די

פּאַרוואַרפֿנסטע לענדער און זיך צעשפּרייטן און צעוואָרפֿן איבער דער גאַרער וועלט אין בוכשטעבלעכן זינען פֿון וואָרט. צוזאַמען דערמיט האָט זיך שוין געענדערט דער גאַנצער כאַראַקטער פֿון דער אידישער איינוואַנדערונג. אָבער כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן לעצטן פּעריאָד פֿון אונזערע וואַנדערונגען איז ניט נאָר די צעשפּרייטונג און צעוואָרפֿנקייט איבער צענדליקע לענדער און מלוכות, נאָר אויך די כמות׳דיקע וואָג, וואָס די ארץ־ישראל־איינוואַנדערונג באַקומט אַלץ מער און מער. ס׳גייען צוויי פּאַראַלעלע פּראָצעסן, אַרויסגע־רופֿענע פֿון די איינוואַנדערונג־באַגרענעצונגען אין די אַלטע לענדער פֿון דער אידישער וואַנדערער־קאָנצענטראַציע: אַ נעגאַטיווער, וואָס צעוואָרפֿט אַ גרויסן פּראָצענט אידן איבער אַלע עק־וועלטן און רייסט אָפּ פֿונם נאַציאָנאַלן בוים צווייגן, וועלכע מוזן אין זייער איינזאַמקייט און עלנדקייט פֿאַרוויאַנעט ווערן; פֿון דער צווייטער זייט אָבער ווערט שטאַרקער און מעכטיקער דער פּאָ־זיטיווער פּראָצעס, דער קאָלאָסאַלער וואוקס פֿון דער איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל. לאָמיר דעריבער איבערגיין צו דער ריכטונג פֿון די אידישע וואַנדערער אין לעצטן יאָרהונדערט.

כדי גרינגער זיך צו אָריענטירן אין דער דאָזיקער ביז גאָר וויכטיקער פֿראַגע, וועלן מיר צעטיילן די גאַנצע אידישע וואַנדערונג פֿון די גענומענע בכלל 102 יאָר אויף דריי גרויסע גרופּעס:

1) די איינוואַנדערונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן — די גרעסטע כמות׳דיקע קאָנצענטראַציע פֿון אידישע וואַנדערער און אין רעזולטאַט די גרעסטע אָנזאַמלונג פֿון אידן אין איין מלוכה בכלל. די אָנזאַמלונג איז דאָ געוועזן אַ דרייפֿאַכע: אין איין מלוכה; אין אַ קליינער צאָל שטעט; און אין די שטעט גופא אין באַשטימטע ראַיאָנען. די דאָזיקע דרייפֿאַכיקע קאָנצענ־טראַציע פֿון אידישע מאַסן און אין אַזאַ צאָל ווי נאָך קיין מאָל ניט אין דער אידישער געשיכטע האָט מיט גוטן גרונט אַרויסגערופֿן גרויסע האָפֿענונגען אויף נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַנטוויקלונג. ס׳איז געוועזן אַבסאָלוט נאַטירלעך און שכל־הישר׳דיק אָנצונעמען, אַז די קאָלאָסאַלע אָנזאַמלונג פֿון העכער צוויי מיליאָן אידן אין איין שטאָט און העכער דריי מיליאָן אידן אין 5 שטעט און דערביי אַזוי געפּאַקט און צוזאַמענגענומען, ווי נאָר אין די געדיכטסטע געטאָס פֿון אייראָפּע — אַזאַ אָנזאַמלונג זאָל פֿאַרוואַנדלען די כמות אין איכות, זאָל די מיטגעבראַכטע ירושה פֿון אייראָפּע ניט נאָר ניט צעטרענצלען און צעבייטן אָדער אויסבייטן אויף אַסימילאַציע־שערבלעך, נאָר זי נאָך מער באַפֿרוכפּערן און באַרייכערן און פֿאַרלייגן נייע פֿונדאַמענטן פֿאַר נייע שאַפֿונג־פּראָצעסן.

2) דער ארץ־ישראל׳דיקער שטראָם, אַ קליין ריטשקעלע פון גרויסן וואַנדערער־ים, אַ קוואַליטאַטיווער, אַ ריין־איכות׳דיקער, וואָס שטעלט אַלע טראָפּן אויף גרויסע און ווייטע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע צילן, אַן אָרגאַניזירטער און פּלאַנירטער, אַן אידעאישער און אידעאַליסטישער און שוין דעריבער אַ באַגרענעצטער אין כמות און פון לכתחילה ניט אויסגעשטעלט אויף פּרנסה־להוט׳ע עלעמענטן און אויף קעשענע־גליקן אַרויסקוקנדיקע; אַ שטראָם, וואָס האָט פון סאַמע אָנהייב אַפּעלירט ניט צו די לויפנדיקע און פּרנסה־זוכנדיקע, נאָר צו די ווייטזיכטיקסטע און טיף־פילנדיקסטע, צום נאַציאָנאַלן אוואַנגאַרד און צו די נאָך אַ נאַציאָנעלער היים בענקענדיקע.

3) די שפּליטער־וואַנדערער, די אומגליקלעכסטע, וועלכע זיינען געצוואונגען צו שווימען ניט מיטן גרויסן עולם און ניט מיטן אָפּגעקליבענעם עולם, אַליין און איינזאַם, אין דער זייט פון די ברייטע שליאַכן פון אידישע וואַנדערונגען, מיט אַ פּערספּעקטיוו צו מוזן אָנהייבן בויען פון פונדאַמענט אויף גאַנץ פרעמדן און נייעם באָדן; לאַנג, לאַנג בלייבן איינזאַם און אָנגעוויזן נאָר אויף די אייגענע שוואַכע כוחות, אָן הילף פון אַחים לצרה, אָן הילף פון פריער געקומענע, אָן פּערספּעקטיוון פון אַרומוואַקסן מיט נאַציאָנאַלע ברייטער און מיט נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס און לכן למפרע פאַרמשפּטע אויף נאַציאָנאַלער פּרוכטלאָזיקייט און אויף נאַציאָנאַלן אויסגאַנג. אָבער אויך די דאָזיקע שפּליטער־וואַנדערער האָבן ביז נאָך דער פריערדיקער מלחמה זיך מער אָדער ווייניקער קאָנצענטרירט — די אַרגענטינער און קאַנאַדער אידישע ישובים קאָנען בשום־אופן ניט פאַרגליכן ווערן מיטן ישוב פון די פאַראייניקטע שטאַטן. מעגן צייטווייליק דאָרטן די באַדינגונגען פאַר אַ נאַציאָנאַלן אויסלעבן זיך זיין ווי גינציק און פּרוכטבאַר, אויף לעתיד לבוא האָבן זיי אַ סך ווייניקער שאַנסן פון דעם פינף־מיליאָניקן קיבוץ פון די שטאַטן. ערשט אין דער אַסימילאַציע וועלן זיך אַנטפּלעקן די נאַציאָנאַלע פּאַטענצן, וואָס ס׳טראָגט אין זיך אַ גרויסער כמות׳דיקער ציבור, וועלכער איז פעאיק צו פאַרוואַנדלען פרעמדס אין אייגנס, און ווי שוואַך און אומבאַהאָלפן ס׳מוז זיין אַ קליינער קיבוץ, וועלכער האָט פאַרלוירן די מיטגעבראַכטע זאַפט פון דער אַלטער היים און איז אין צאָל צו שוואַך אויף ניט איבערנעמען סתם, נאָר איבעראַנדערשן און צופּאַסן צו זיך די אַרומיקע קולטור אין פּראָצעס פון צופּאַסן זיך צו איר. דאָך זיינען די צווייטע קיבוצים, דער רעזולטאַט פון דער קליינער קאָנצענטראַציע, אין אַ סך אַ גליקלעכערער לאַגע פון יענע שפּליטער־וואַנדערער־ציבורים, וועלכע האָבן זיך געשאָפן אין די לעצטע 15

יאָר. די ווינער אידישע קהילה האָט אַרויסגעגעבן אַ באַריכט וועגן די אויסוואַנדערער פון ערשטן יאָר פון היטלער׳ס הערשן דאָרטן, און ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די ווינער אידן זיינען צעוואָרפן געוואָרן איבער 84 לענדער. איבער ניט ווייניקער לענדער זיינען צעוואָרפן געוואָרן די דייטשע אידן, אָבער אויך אַ גרויסער פּראָצענט פון די פּוילישע אידן איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין לענדער, וואו זיי האָלטן אָן מיט גרויסע אָנשטרענגונגען אייניקע ירושה־רעשטלעך, אָבער אויף אַ נאַציאָנאַלן לעבן אין דער צוקונפט האָבן זיי אַ סך ווייניקער האָפענונגען, ווי די אידן אין די גרויסע אידישע צענטערן. אַ קיבוץ פון דריי טויזנט אידן אין פּערו אָדער אַפילו פון צען טויזנט אידן אין באָליוויע, מעג דער ערשטער דור איינוואַנדערער זיין ווי נאַציאָנאַל אַקטיוו, איז ער פאַרמשפּט אין דער נאָענטער צוקונפט אויף סטעריליקייט. און שוין אַוודאי און אַוודאי וועלן נאַציאָנאַל פאַרלוירן גיין די אַלע קליינע גרופּקעס אידן, וועלכע זיינען צעשאָטן געוואָרן איבער פאַרשיידענע קאָלאָניעס אין אַפריקע, אין ווייטע פונקטן פון אינדיע, כינע, אינדאָ־כינע, סיאַם, פיליפּי־נען און אין פיל אַנדערע פאַרוואָרפענע ווינקעלעך פון דער גאָרער וועלט.

לאָמיר איצטער וואַרפן אַ בליק אויף דער פאַרטיילונג פון די אידישע וואַנדערער אין באַזונדערע פּעריאָדן. אין געגעבענעם פאַל וועט פאַר אונז זיין פיל פּאַסיקער צו טיילן די גאַנצע גענומענע עפּאָכע אויף פאָלגנדיקע דריי צייט־אָפּשניטן: 1) פון 1840 ביז 1900 — די צייט, ווען די אידישע וואַנ־דערונג איז געגאַנגען כמעט אויסשליסלעך אין די פאַראייניקטע שטאַטן; 2) פון 1900 ביז 1926 — די צייט, ווען ס׳קומען אויף פּעריפעריע־צענטערן אין אַרגענטינע און קאַנאַדע, קליינע אין פאַרגלייך מיט די שטאַטן, אָבער פאַרט צענטערן; 3) פון 1925, ווען ס׳הויבט זיך אָן די צעשפּרייטונג אי־בער דער גאָרער וועלט:

יאָרן	די גאַנצע איינוואַנדערונג		פון דעם: אין די פאַר׳ שטאַטן		קיין אַרגענטינע און קאַנאַדע		קיין ארץ־ישראל		אין אַלע אַנדערע לענדער	
	אַבסאָלוט	%	אַבסאָלוט	%	אַבסאָלוט	%	אַבסאָלוט	%	אַבסאָלוט	%
1) 1840—1900	985,000	100.0	875,000	88.5	39,000	4.1	35,000	3.7	36,000	3.7
2) 1901—1925	2,119,000	100.0	1,703,000	80.4	250,000	11.8	76,000	3.6	90,000	4.2
3) 1926—1942	813,000	100.0	224,000	27.5	88,000	10.8	268,000	33.0	233,000	28.7
1840—1942	3,917,000	100.0	2,802,000	71.5	377,000	9'6	379,000	9.7	359,000	9.2

וואוהין גייען מיר?

די דאָזיקע טאַבעלע שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ קאָלאָסאַלן אינטערעס און איז אָנגעלאָדן מיט היסטאָרישן אינהאַלט. יעדער סלופּטשיק פֿון דער טאַבעלע רעדט קלאָרע דיבורים און שרייט ממש: דרשוני! דער קוואַנטיטאַטיווער צענטער — די פֿאַראייניקטע שטאַטן — פֿאַרלירט פֿון איין צייט־אָפּשניט צום צווייטן זיין אויפֿנאַם־פֿאַרנעם און ווערט אַלץ מער איינגעשרומפּן. פֿון כמעט ניין צענטל פֿון אַלע אידישע וואַנדערער אין ערשטן צייט־אָפּשניט פֿאַלט ער אַראָפּ צו אַכט צענטל און גיט אַ פֿראַל אין דריטן פּעריאָד צו קוים 28 פּראָצענט פֿון אַלע אידישע וואַנדערער. די אָנגעזעטיקטקייט מיט וואַנדערער בכלל און מיט אידישע בפרט ווערט דאָ גלענצנדיק אילוסטרירט. און ווער ס׳קוקט ניכטער אויף דער לאַגע, דער ווייס גאַנץ גוט, ווי קנאַפּ, ווי ממש לעכערלעך ס׳זיינען די האָפֿענונגען אויף עפּעס ברייטער די טויערן פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן נאָך דער מלחמה. דער קוואַנטיטאַטיווער צענטער האָט דערגרייכט זיין העכסטע מדרגה און מוז פֿאַרגליווערט ווערן אויף דעם דאָזיקן שטאַנד אויף פֿיל צענדליקע יאָרן. ער איז שוין אַראָפּ פֿון די קולטור־קעסטפונם איירעפּעאישן אידנטום און מוז זיך שטעלן אויף די אייגענע פֿיס. פֿאַרמאָגט ער אייגענע פֿיס? זיינען פֿאַראַן כאָטש וועלכע ס׳ניט איז סימנים פֿון אַן אייגענעם באָדן פֿאַר נאַציאָנאַלער קולטור? מיר וועלן וועגן דעם וויטער נאָך שמועסן — דאָ פֿאַרנעמען מיר זיך דערווייל מיט פֿעסטשטעלן די פֿיזיק פֿון דער אידישער וואַנדערונג און אין דעם פּרט האָט די טאַבעלע אונז געוויזן, אַז די כמות׳דיקע ראָלע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין אונזער לעבן — און וואַנדערונג איז די צענטראַלע און וואַגיקסטע פּראָבלעם פֿון אונזער לעבן — האַלט אין פֿאַלן און וועט מסתמא נאָך דער מלחמה נאָך מער פֿאַלן, ווייל ס׳איז גוט באַקאַנט, אַז די איינוואַנדערונג פֿון די גאָר לעצטע יאָרן, פֿון 1938 ביז 1942, איז אַ רחמנות־איינוואַנדערונג, אַן אויסנאַם־וואַנדערונג, און וויבאַלד נאָר היטלער וועט אויפֿהערן מאָרדן אידן, וועלן די טויערן פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן ווערן נאָך שמאָלער. פֿון די 224,000 איינוואַנדערער אין די שטאַטן פֿון 1926 ביז 1942 זיינען אַריינגעקומען אין די לעצטע פֿיר טראַגישע יאָרן — 132,000, אַלזאָ 60 פּראָצענט, און אין די פֿריערדיקע 12 יאָר נאָר 92,000, אַלזאָ נאָר 40 פּראָצענט. די אידישע איינוואַנדערער אין די שטאַטן האָבן אויסגעמאַכט אין 1939 — העכער 76 פּראָצענט; אין 1940 — העכער 74 פּראָצענט; און אין 1941 — העכער 67 פּראָצענט פֿון אַלע איינוואַנדערער אין דאָזיקן לאַנד. קלאָר, אַז דאָס איז געווען אַ פּריווילעגיעאיינוואַנדערונג, וועלכע וועט אויפֿהערן, וויבאַלד נאָר דער אידישער אומגליק וועט פֿאַרלירן זיין שאַרפֿן כאַראַקטער.

יעקב לעשצינסקי

די צוויי קליינע צענטרען, אַרגענטינע און קאַנאַדע, וועלכע קאָנען שטאָלץ זיין מיט זייערע אויפטוען אויפן קולטורעלן געביט און וועלכע ווייזן אַרויס אַ שטאַרקן רצון צו שטעלן זיך כנגד דעם אַסימילאַציע־שטראָם, ווערן אויך קוואַנטיטאַטיוו שוואַכער. פון 1901 ביז 1925 האָט די איינוואַנדערונג אויס־געמאַכט יערלעך 10,000 און אין די לעצטע 16 יאָר, פון 1926 ביז 1942, שוין נאָר אַ ביסל מער פון 5,000. זייער אַנטייל אין דער אַלגעמיינער אידישער וואַנדערונג איז געפאַלן פון 11.8% פון 1901 ביז 1925 אויף 10.9% אין די לעצטע יאָרן. און ווי זאַפטיק נאַציאָנאַל די דאָזיקע צוויי קליינע צענטרען זאָלן ניט זיין, אָן אַ צושטראָם פון פרישע כוחות פונם אייראָפּעאישן אידנטום, אָן שטענדיקן כמות׳דיקן וואוקס, מוז דער נאַציאָנאַלער ירושה־קוואַל אָנ־הויבן טריקענען און סוף־כל־סוף אויסטריקענען. און אויך בנוגע די דאָזיקע צוויי לענדער זיינען די האָפענונגען אויף אַ נייער מאַסן־איינוואַנדערונג זייער קנאַפּ. מען דאַרף געדענקען, אַז ביי סעלעקטירטער איינוואַנדערונג זיינען מיר פאַרמשפט אויף דער מינימאַלסטער צאָל צוגעלאָזטע איינוואַנדערער. און מען דאַרף אויך ניט פאַרגעסן, אַז דער אידישער איינוואַנדערער פון די קו־מענדיקע יאָרן וועט זיין גאַנץ ווייט פון דעם טיפּ אידישן וואַנדערער פון מזרח־אייראָפּע, וועלכער האָט מיט זיך געבראַכט אַ רייכן נאַציאָנאַלן באַ־גאַזש און אַ ניט־גערירטע טראַדיציאָנעלע עקשנות צו קעמפן פאַר אייגענע נאַציאָנאַלע לעבנס־פאָרמען.

די לעצטע שורה פון דער טאַבעלע גיט אונז דעם פּראָצענט פון דער אידישער וואַנדערונג, וואָס ווערט גאָר צעשטויבט און צעברעקלט און פאַר־מאָגט ניט ווייניק נאַציאָנאַלן זאַפט אויף שאַפן נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס און ווייניקסטנס אויף אַ דור איינהיטן און געניסן פון דער מיטגעבראַכטער ירושה אַפילו אין אירע ערשטע סטאַדיעס. דער פּראָצענט פון דעם צעשטויבטן טייל פון דער אידישער וואַנדערונג איז שרעקלעך געוואַקסן — פון 5 און 4 פּראָצענט אין די ערשטע צוויי צייט־אָפּשניטן האָט ער אַ שפּרונג געטון אויף כמעט 29. העכער אַ פערטל פון אַלע אידישע וואַנדערער אין די לעצטע 16 יאָר איז צעוואָרפן געוואָרן איבער צענדליקע לענדער און האָט אין ערגעץ ניט פאַרלייגט אַזעלכע פונדאַמענטן, וואָס זאָלן צוזאָגן אַ במקום־קאָנצענטראַ־ציע אויב ניט פון אַזאַ קאָלאָסאַלער וואָג, ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז ווייניקסטנס ווי אין די צוויי קליינע צענטרען — ווי אין אַרגענטינע און קאַנאַדע.

אָבער אין דער דאָזיקער טאַבעלע איז אויך דאָ אַ רובריק, וואָס גיט מוט און האָפענונג — די רובריק וועגן דער איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל. איכות איז דאָ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין כמות — דער שטראָם, וואָס איז גע־ווען לאַנגע יאָרן דער קלענסטער, אָבער געבויט אויף גאָר נייע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע יסודות, איז אויף אַ געוויסער מדרגה פון אַנטוויקלונג געוואָרן אימשטאַנד איינצוזאַפּן גרויסע מאַסן אידישע וואַנדערער. די טאַבעלע אַנט־פּלעקט פאַר אונז די אימאַנענטע אויפבוי־כוחות, וועלכע האָבן זיך אָנגע־זאַמלט אין דאָזיקן קוואַליטאַטיוון צענטער. געבויט מיט אַ היסטאָרישן צו־גאַנג צו אונזער עבר און מיט באַשטימטע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע צילן פאַר אונזער עתיד, האָט זיך דער פּאַלעסטינער צענטער לכתחילה ניט גע־יאָגט אַזוי נאָך צאָלן, ווי נאָך נשמות, האָט ער זיך לכתחילה ניט צעגאָסן ברייט, נאָר געגראָבן טיף — און וואָס העכער ס'זיינען געשטיגן זיינע קוואַ־ליטאַטיווע מעלות, אַלץ גרעסער זיינען געוואָרן זיינע קוואַנטיטאַטיווע איינזאַפּ־מעגלעכקייטן, זיינע אויפנאַם־פּאָטענצן. פון קוים העכער 3 פּראָצענט פון דער אידישער וואַנדערונג אין די ערשטע 85 יאָר גיט ער אַ שפּרונג אויף אַריינגעמען אַ דריטל פון דער אידישער וואַנדערונג אין די לעצטע 16 יאָר. דער יערלעכער דורכשניט פון דער איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל האָט באַטראָפן: פון 1840 ביז 1900 נאָר 674 נפשות; פון 1900 ביז 1925 — 3,040; און אין די לעצטע 16 יאָר האָט ער שוין דערגרייכט 16,500. און דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז, וואָס אין די לעצטע 16 יאָר קאָנקורירט די ארץ־ישראל־איינוואַנדערונג שוין אַפילו מיט די פאַראייניקטע שטאַטן: די לעצטע האָבן אַריינגענומען אין די לעצטע 16 יאָר 224,000 אידישע איינ־וואַנדערער, אַלזאָ נאָר 14,000 יערלעך. אין דער גאַנצער כמות'דיקער אַנט־וויקלונג פון דער איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל פילט זיך אָרגאַנישע אַנט־וויקלונג, טרעפנדיק שטייגן העכער און העכער.

9

כאָטש וואַרף זיך אין ים אַריין!

מיר וואַנדערער, מיר וואַנדערער,
פון איין לאַנד צו דער אַנדערער.
דורך הונגער און דורך קעלט
פאַרוואָגלטע, פאַרביטערטע,
פאַריאָמערטע, צעציטערטע,
מיר, גרים פון דער וועלט!

אין מענטשן־שטראָם פאַרלוירענע,
אָן היים און לאַנד געבוירענע,
אָן הויז און אָן געצעלט,
פון אַלעמען געשלאָגענע,
פון שטורם־ווינט געטראָגענע,
מיר, גרים פון דער וועלט!

ביי גרענעצן פאַרבאָטענע,
ווי שטויב פון וועג געטראָטענע,
אָן מאַכט, אָן הילף, אָן געלט —
וואוהין, וואוהין־זשע שוועבן מיר?
צו וועלכע צילן שטרעבן מיר?
מיר, גרים פון דער וועלט!

(פון אַ ליד פון ש. אַנסקי)

לײדער, איז מיר ניט באַקאַנט, ווען אַנסקי האָט אָנגעשריבן דאָס דאָזיקע ליד, אָבער נאָך קיין מאָל אין אונזער לאַנגער טראַגישער געשיכטע איז דער אינהאַלט ניט געווען בושטעבלעך טאָג־טעגלעכעווירקלעכקייט, ווי אין די לעצטע צען יאָר. און ס׳איז סימבאָליש פאַר אונזער אויסנאַם־לאַגע אין

וואוהין גייען מיר?

דער גאַרער וועלט, וואָס די ערשטע שיף, וועלכע האָט געגומען בלאַנדזשען אויף ימים, ניט געפינענדיק קיין האַפן, וואָס זאָל איר דערלויבן אויסצולאָדן אידישע וואַנדערער, האָט געפירט ניט קיין אַרויסגעטריבענע אידן פון דייטשלאַנד, וועלכע האָט אין 1933 באַקומען אַ מערדער־הערשער מיט אַן אויסנאַם־שנאה צום אידישן פאָלק, נאָר אידן וועלכע זיינען געלאָפן אַן וויזעס און אַן אַ באַשטימטער ריכטונג פון לענדער, וואו היטלער האָט נאָך ניט געהערשט, — אויף דער בלאַנדזשענדיקער שיף זיינען געווען 318 אידן פון פוילן און טשעכאָסלאָוואַקיי. און געווען איז דאָס ניט אין די מלחמה־יאָרן, ווען פאַרשפאַרנדיק טיר און טויער פאַר אַרומבלאַנדזשענדיקע שיפן, האָט מען געקאָנט האָבן אַ תירוץ, אַז מען האָט מורא פאַר היטלער־שפּיאָנען און פאַר געבעלס־אַגיטאַטאָרן, נאָר אין 1934, נאָך איידער די גרויסע קאַטאַסטראָפע פון די דייטשע אידן האָט געטריבן די אידן פון דאָזיקן לאַנד אין אַלע עקן וועלט, אָן אַ באַשטימטער ריכטונג, נאָר מיט איין ציל — צו ראַטעווען דעם נפש!

סוף אָקטאָבער 1934 האָבן די אידישע צייטונגען פון פאַרשיידענע לענדער געבראַכט אַ ידיעה, אַז אויפן שוואַרצן ים פאַרט אַרום אַ שיף מיט 318 אידישע עמיגראַנטן פון פוילן און טשעכאָסלאָוואַקיי און קאָן ניט צושטיין צו קיין שום האַפן. אָבער ניט קיין ים־שטורמען לאָזן ניט די שיף צוקומען צו אַ ברעג; און ניט קיין אַנדערע נאַטור־אומגליקן פאַרפאָלגן די אומגליקלעכע שיף. דער איינציקער שטער איז, וואָס די אידישע פּאַסאַזשירן האָבן ניט קיין וויזעס און וערן אין ערגעץ ניט אַריינגעלאָזן. די פּאַסאַזשירן האָבן פּאַספּאָרטן — זיי זיינען ערלעכע האָרעפּאַשנע מענטשן. אייניקע פון זיי האָבן אַפילו אַ ביסל געלט ביי זיך, אָבער דאָס אַלץ איז ניט גענוג אויף צו עפענען די טויערן פון די לענדער, וואוהין די עמיגראַנטן האָבן זיך געפּרוּווט אַריינבאַקומען. די שיף איז צוגעשוואומען צו קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אָבער די טערקישע מאַכט האָט זי גיך משלח געווען. די שיף איז צוגעקומען צו אַ גריכישן אינזל, אָבער מען האָט זי ניט צוגעלאָזט גאָר נאָענט. מען האָט געפּרוּווט צושטיין צו ארץ־ישראל, אָבער אויך דער האָפענונג־האַפן פון אייגענעם לאַנד איז געבליבן אומ׳ברחמנות׳דיק און האָט „פאַרוואַלטע און פאַרביטערטע, די פאַריאָמערטע און צעציטערטע" ניט צוגעלאָזט צו נאָענט. די שיף איז ענדלעך צוגעשוואומען צו סאַלאָניקי, צו אַ האַפן, וואָס האָט אַ מאָל אויפגענומען מיט צעשפּרייטע הענט די גולי־ספרד, אָבער די גריכישע מאַכט האָט איר גוטווילליקייט באַגרענעצט מיט לאָזן די שיף בלייבן אין האַפן, אָבער זי האָט ניט דערלויבט די אידישע וואַנדערער שטעלן אַ פוס אויפן

סאַלאָניקער באָדן. די „גרים פון דער וועלט״, די „אָן היים און לאַנד גע־בוירענע״ האָבן געמוזט זיך לאָזן צוריק אין די לענדער, פון וואַנען זיי האָבן אַזוי געטרוימט זיך אַרויסצורייסן.

מיר האָבן מיט אַ כיוון געבראַכט די דאָזיקע ידיעה, כדי צו דערמאָנען פיל מענטשן מיט קורצע זכרונ׳ס, אַז די נייע גירוש־עראַ הויבט זיך אָן ניט מיט היטלער׳ס זבאָנשין, אַפילו ניט מיט היטלער׳ס נירנבערגער געזעצן; כדי צו דערמאָנען, אַז די גאָלדענע צייט פונם גירוש ספרד, ווען מען האָט אידן אַריינגעלאָזט קיין האָלאַנד, קיין דרום־פראַנקרייך, קיין צפון־אַפריקע און ווען דער טערקישער סולטאַן האָט דערקלערט, אַז פערדינאַנד איז גאָר אַ קליינער חכם, וואָס ער טרייבט אַרויס די אידן, ער מאַכט דערמיט נאָר חרוב זיין אייגן לאַנד און מאַכט רייך טערקיי — אָט די דאָזיקע גאָלדענע צייט איז פאַריבער און מיר לעבן אין אַ צייט פון פאַרשפּאַרטע טויערן. פאַרשפּאַרטע טויערן — דאָס וועט אַ מאָל זיין דער נאָמען פונם קאַפּיטל פון דער געשריבענער אידי־שער געשיכטע פון די לעצטע אומגליקלעכסטע צען יאָר פון אונזער לאַנגן גלות. און אויב אין מיטלאַלטער, נאָך גירוש־שפּאַניע, האָט זיך אַ אידישער דיכטער געקאָנט צעזינגען און מיט פּאַטאָס בענטשן די מעכטיקע טערקיי, „וואָס האָט געעפנט די טויערן פון לייטזעליקייט, די טויערן פון פרייהייט און גליק״, וועט דער דיכטער פון אונזער פאַרשאָלטענער צייט האָבן נאָר קללות און חרמות פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט, וועלכע האָבן ניט נאָר קאַלט־בלוטיק געהערט וועגן די מאָרדן און פייניקונגען ערגעץ אין דייטשלאַנד, ערגעץ אין אָקופּירטע פון היטלער׳ן לענדער, נאָר האָבן ביי זייערע האָפנס געזען אידן זיך וואַרפן אין ים פון היימלאָזער פאַרצווייפלונג און זיינען גע־בליבן קאַלט ווי אייז און האַרט ווי שטיין און זיך ניט דערבאַרעמט און ניט אַראָפּגעלאָזט פון די אַרומשווימענדיקע שיפן די „גרים פון דער וועלט, די פון אַלעמען געשלאָגענע״.

וואָרום ווי טראַגיש ס׳איז ניט דער גרויל פון די אויסגעמאָרדעטע מיליאָנען אידן; ווי שרעקלעך ס׳איז ניט דער געדאַנק וועגן דעם חורבן פון אַכט מיליאָן אידן, וועגן אַ חורבן, וואָס האָט ביזן גרונט פאַרניכטעט קאָלאָסאַלע מאַטעריעלע און גייסטיקע אוצרות פון טויזנט יאָר אידישן פלייס און שאַפונג־ענערגיע, טויזנט מאָל טראַגישער און גרויליקער איז דער גע־דאַנק, אַז אויף אַלע פינף קאָנטינענטן פון דער וועלט צווישן העכער צוויי ביליאָן באַשעפענישן אויף דער יבשה האָט זיך ניט געפונען קיין איין פאָלק,

יעקב לעשצינסקי

וואָס זאָל פאַרלייגן אַ היים פאַר די „ביי גרענעצן פאַרבאַטענע, ווי שטויב פון וועג געטראַטענע״.

מען קאָן זיך טרייסטן, אַז די היטלער־ערד־ציטערניש איז פון הימל, פון דער נאַטור, פון די בייזע כוחות פונם טיווּל, אַן אויסנאַם־אומגליק, אַ צופעליקער טראַגישער עפּיזאָד אויף אונזער לאַנגן גלות־וועג. מען קאָן אָבער קיין שום טרייסט ניט געפינען און קיין שום הומאַנע דרשות און הבטחות קאָנען ניט לינדערן אונזער שמערץ, ווען מען גיט אַ טראַכט, אַז נאָרמאַלע פעלקער מיט מיליאָנען מיילן פריי לאַנד, מיט געשענקטע פון דער נאַטור אומצייליקע אוצרות, מיט אומגעהויערע פּראָדוקציע־מעגלעכקייטן, — אַט אַזעלכע פעלקער האָבן אַזוי זעלטן געעפנט זייערע טויערן פאַר די „גרים פון דער וועלט״, וועלכע זיינען אין די לעצטע צען יאָר אַרומגעשוואומען אויף די ימים, ביי די ברעגן פון די דאָזיקע אַלע רייכע לענדער.

און די קעפּ פון די דאָזיקע אַלע פעלקער, די נשמה־צענטערן פון די דאָזיקע פעלקער זיינען ניט אויפגעציטערט געוואָרן און האָבן ניט פאַרלוירן זייער גלייכגעוויכט און האָבן ניט געשטורמט זייערע הערשער און ניט אויפ־געטרייסלט זייערע פעלקער מיט די עלעמענטאַרע מענטשלעכע פאָדערונגען פון הכנסת־אורחים פאַר אַ קופּקעלע „וואַנדערער פון איין לאַנד צו דער אַנדערער״.

און נאָך פינסטערער ווערט אין די אויגן און נאָך פאַר׳חלש׳טער ווערט דאָס האַרץ, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז הומאַנע הערשער, וועלכע זיינען געווען פּעאיק אין פיל שיקזאַל־פאַלן צו שווימען קעגן דער הערשנדיקער געזעלשאַפט־לעכער מיינונג און פאַרגעוואַלדיקן די דאָזיקע פאַלשע געזעלשאַפטלעכע מיי־נונג, האָבן אין דעם פאַל פון אַריינלאָזן אַ פּאָר טויזנט אידישע ים־וואַנדערער פאַרלוירן דעם מוט און ניט געוואָלט ריזיקירן און ניט דערפילט דעם באַגער פון זייער אייגן האַרץ און זיך אונטערגעוואָרפן דעם האַס־טעראָר פון היט־לער׳ס אַגענטן. אַזוי הויך און געפערלעך האָבן די דאָזיקע הומאַנע הערשער געשאַצט די אַקציעס פון די ישראל־האַסער, די שאָנסן פון די אידן־שונאים!

און אַט די דאָזיקע אָרגאַנישע, נאַטירלעכע, נאָרמאַלע לאַגע פון אונזער פאָלק — אַט די דאָזיקע אומנאָרמאַלע נאָרמאַלקייט, אומנאַטירלעכע נאַטיר־לעכקייט פון גרים פון דער וועלט איז דער אמת׳ער תוך און דער טיפסטער תוכן פון די לעצטע צען יאָר אידישע געשיכטע!

יעקב לעשצינסקי

ס'איז ניט אונזער אויפגאַבע צו שרייבן דאָ דאָס גאַנצע שוידערלעכע קאַפּיטל, וואָס דאַרף טראָגן דעם נאָמען: „כאַטש וואַרף זיך אין ים אַריין!". מיר וועלן זיך מוזן באַגרענעצן נאָר מיט אַ קורצן איבערבליק.

מיר האָבן שוין העכער אָנגעוויזן, ווי אין די ערב מלחמה־יאָרן ס'איז געוואַקסן אין אַלע לענדער פון מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע דער אָרגאַנישער אויסוואַנדערונג־פיבער; ווי אידן, אפשר פאַרפילנדיק די לויערנדיקע שחיטה איבער זייערע קעפּ, האָבן אָנגעהויבן זוכן שפּאַרונעס און לעכער אין אַלע עקן וועלט, וואוהין מען קאָן זיך ראַטעווען. דער דאָזיקער פיבער־צושטאַנד איז פיל מאָל געצ'כפל'ט געוואָרן מיטן זבאַנשין־סיגנאַל, מיט דער דעפּאָרטאַציע פון בערך צען טויזנט פוילישע אידן פון דייטשלאַנד צו די גרענעצן פון פוילן; אַ דעפּאָרטאַציע, וואָס איז אָן אוניקום אפילו אין אונזער לאַנגער גירוש־געשיכטע; אַ דעפּאָרטאַציע, וואָס האָט סיגנאַליזירט דעם דייטשן אידנטום, אַז די עפּאָכע פון אומדירעקטע גירושים דורך נגישות און רעכטלאָזיקייט, דורך פּייניקונגען און רויב, דורך מאָראַלישע דערנידערונגען און נאַציאָנאַלע באַליידיקונגען האָט זיך געענדיקט און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס גרויזאַמע קאַפּיטל פון דירעקטער אַרויסיאָגונג פון דייטשלאַנד אויפן גרויזאַמסטן אופן און מיט די אוממענטשלעכסטע מיטלען.

דאָס איז געווען סוף אָקטאָבער 1938 — אין איין שיינער נאַכט איז מען באַפאַלן אידישע הייזער אין בערלין, לייפּציק, האַמבורג און אין אַ צענדליק אַנדערע שטעט, אַרויסגעשלעפּט פון די בעטן ביז 10 טויזנט אידישע מענער, פרויען, קינדער, אַלטע לייט, שוואַנגערע פרויען, קראַנקע, האַלב־לעבעדיקע, און געטריבן זיי צום גרענעץ. אין זבאַנשין, אַ דאָרף ביי דער דייטש־פּוילישער גרענעץ, האָבן זיך אָפּגעשטעלט העכער 5 טויזנט. די איבעריקע זייַנען געפאָרן צו קרובים און פריינט אין פאַרשיידענע שטעט פון פוילן. אַן אַנקעטע, דורכגעפירט די ערשטע טעג פון זבאַנשינער אומגליק, האָט פעסטגעשטעלט, אַז פון 8,100 פּליטים זיינען געווען 1,044 עלטער פון 60 יאָר. זעקס פּליטים זיינען די ערשטע פּאָר טעג אַראָפּ פון זינען. ס'זיינען געווען עטלעכע זעלבסטמאָרדן. 1,200 זיינען געוואָרן קראַנק. נאָר כדי די לאַגע, וועלכע האָט זיך נאָכדעם איבערגעחזרט אין שרעקלעכערע פאָרמען און מיט מער אכזריות, זאָל זיין אין גאַנצן קלאָר, וועלן מיר ברענגען אַ דערציילונג פון אַ מענטשן, וועלכער האָט פּערזענלעך דורכגעמאַכט דעם גאַנצן שוידער פונם זבאַנשין־טעראָר:

וואוהין גייען מיר?

„מיר זיינען אנגעקומען אין דער פאליציי. דארטן זיינען שוין געווען טעלעכע הונדערט פוילישע אידן. אויך משומדים. פאליציי האט אונז געהיט מיט אויסגעשטרעקטע באיאנעטן. מען האט אונז געבראכט אין וואגאנען. מיר זיינען געפארן א גאנצע נאכט. פלוצעם איז געקומען א באפעל: אויסשטייגן! מיר זיינען געקומען אויף אן אפן פעלד. דארטן איז שוין געשטאנען א מחנה אידן. עטלעכע טויזנט מאן. הונדערטער נאצי־לייט האבן אונז ארומגערינגלט, מיט די באיאנעטן געטריבן, אז מען זאל לויפן. מען האט די מידע אלטע פרויען געטריבן מיט די קאלבעס. עס האט זיך געהערט א יאמערלעך געוויין און געשריי. אבער די נאציס האבן אויסגע־שטעלט די ביקסן און געדראט שיסן יעדן, ווער ס'וועט א פיפס טון. האבן מיר זיך געשלעפט איבער די פעלדער, בערגלעך און גריבער א גאנצע נאכט. דערנאך האט מען אונז אריינגעטריבן אין גריבער, אנגעפילטע מיט וואסער, און געהייסן לויפן. דאס זיינען געווען די גרענעץ־גריבער. איך בין גע־ווארן שרעקלעך מיד און בין אנידערגעפאלן. די אידן האבן מיך גענומען אויף די פלייצעס און א שטיק וועג געטראגן. אבער באלד האב איך גע־זאגט צו זיך: זיי א מאן, שטארק זיך! איך בין געגאנגען אין גרוב מיט וואסער. ווידער מיד געווארן. א נאצי האט מיך געשלאגן מיט דער קאלבע. דער דאקטאר האט שפעטער פעסטגעשטעלט, אז צוויי ריפן זיינען ביי מיר צעבראכן און די לעבער איז געשוואלן. ס'איז ניט צו פארשטיין: פון וואנען נעמען זיך ביים מענטשן אזוי פיל כוחות? לויפנדיק אין גרוב מיט וואסער, האט מיין פריינט זיך יאמערלעך צעשריגן. ער האט מיטגענומען אין קישן א קינד פון זעקס וואכן. ער גיט א קוק: דאס קישן איז ליידיק. דאס זויג־קינד איז ארויסגעפאלן אין וועג. ער האט זיך מורא'דיק צעשריגן און ניט גע־וואלט ווייטער גיין. מיט קאלבעס האט מען אים געטריבן ווייטער.

„איין פרוי האט באקומען ווייען און גע'מפל'ט. מיר האבן די פרוי גע־נומען אויף די פלייצעס און געטראגן ווייטער. איך האב גענומען מיין מאנטל און זי צוגעדעקט.

„דאס איז געווען פרייטאג ביינאכט. שוין דעם צווייטן טאג ניט געגעסן און ניט געשלאפן. מען הייסט אכציק־יאריקע מענטשן לויפן. זעקס פון אונז זיינען געפאלן טויט. עטלעכע און זיבעציק זיינען פארוואונדעט געווארן. ווער ווייס, וואו די פארוואונדעטע זיינען? מיר זיינען ווידער געווען אויף א פעלד. פלוצעם זיינען די נאציס נעלם געווארן. האט מען גענומען פריי

יאָמערן און שרייען. מאַמעס האָבן געזוכט קינדער, מענער — די פרויען. מען איז געפאַלן פון די פיס.

„איך האָב דערזען פונווייטנס אַ פלעמל. איך בין מורא׳דיק מיד געווען. איך האָב איינגעטונקט מיינע פינגער אין בלאָטע און געריבן מיינע שלייפן. זיך אַריינגעלייגט אין דער בלאָטע און אַנטשלאָפן געוואָרן. אַ סך זיינען אַזוי אַנידערגעפאַלן און געשלאָפן. עס איז געווען מורא׳דיק קאַלט. פלוצעם איז אָנגעקומען אַ מיליטערישער פּאַטרול. איך האָב דערקענט: פּאַליאַקן".

דער ווינטער פון 1938־1939 איז געשטאַנען אונטערן שטערן — „אין קיינעמס לאַנד". פיל טויזנטער אידן זיינען געטריבן געוואָרן פון עסטרייך צו די טשעכישע גרענעצן, פון סלאָוואַקיע צו די אונגאַרישע גרענעצן, פון דייטשלאַנד צו די פּוילישע, טשעכישע, האָלענדישע און בעלגישע גרענעצן, און די קרבנות זיינען געווען אָן אַ שיעור. און די ליידן און פּיין האָבן דעמאָלט אויסגעזען צו זיין די שרעקלעכסטע.

עסטרייך און סודעטן־לאַנד זיינען שוין געווען באַזעצט און די גירושים פון די צוויי ראַיאָנען זיינען געווען הימל־רייסנדיק.

אַ גאַנצן טרערן־בוך וואָלט מען געקאָנט אָנשרייבן וועגן דער פּיין און ליידן פון די אידן אין די „קיינעמס לענדער". מיר וועלן זיך מוזן באַגניגענען מיט אַ קורצן באַריכט, וועלכער איז געווען צונויפגעשטעלט אין פעברואַר 1939 אין פּאַריזער „דזשאָינט" אויפן גרונט פון די ידיעות, וועלכע זיי האָבן באַקומען פון זייערע שליחים אין פאַרשיידענע לענדער: אין ווייניקסטנס 12 פּונקטן צווישן פאַרשיידענע לענדער, אין „קיינעמס לאַנד", געפינען זיך טויזנטער אידישע פּליטים אין די שוידערלעכסטע באַדינגונגען. אויסגעהונגערטע, פאַרפרוירענע, פרויען מיט קליינע קינדער, אַלטע לייט, קראַנקע, אין פולער פאַרצווייפלונג וואַלגערן זיך די דאָזיקע אומגליקלעכע מענטשן אויף די גרענעצן פון דייטשלאַנד, סלאָוואַקיי, אונגאַרן און טשעכאָסלאָוואַקיי. חוץ דעם געפינען זיך פיל מער טויזנטער פּליטים פאַרשפּאַרט אין לאַגערן אין דער שווייץ, בעלגיע, האָלאַנד. דאָס זיינען אַלץ פּליטים, וועלכע זיינען מיט געוואַלד געבראַכט געוואָרן צו די דייטשע און עסטרייכישע גרענעצן און אַריבערגעוואָרפן געוואָרן אין אַ פרעמד לאַנד אָדער איבערגעלאָזט אין „קיינעמס לאַנד".

וואוהין גייען מיר?

גאַר טרויעריק איז די לאַגע פון 300 פליטים פון „קיינעמס לאַנד" 10 קי־לאָמעטער פון בראַטיסלאַווע און פון 350 פליטים אין „קיינעמס לאַנד" נעבן דונאַיסטע סטראַדע ביי דער אונגאַרישער גרענעץ. די דאָזיקע פליטים, צווישן זיי פיל זקנים און קליינע קינדער, זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון סלאָוואַקיי און מען האָט זיי ניט אַריינגעלאָזט קיין אונגאַרן. אַפילו די שווער־קראַנקע האָט מען ניט דערלויבט אַפּצופירן אין שפּיטאָל. די פליטים ווערן געשפּייזט פון די בראַטיסלאַווער אידן. ניט בעסער איז די לאַגע פון די קליינע גרופּקעס פליטים, וועלכע זיינען צעשפּרייט אויף דער גאַנצער לענג פון דער נייער דייטש־טשעכישער גרענעץ (נאָך דער אָקופּאַציע פון סודעטן־לאַנד). ניט ווייט פון לוני (סודעטן־לאַנד) „וואוינען" 16 פליטים־פאַמיליעס אין גריבער אין „קיינעמס לאַנד". דער „רויטער קרייץ" האָט זיי באַזאָרגט מיט פּאַלאַטקעס און מיט שטרוי־זעק. די אינטערווענץ ביי דער טשעכישער רעגירונג וועגן אַריינלאָזן די דאָזיקע 16 פאַמיליעס איז געבליבן אָן דער־פאָלג. אין פּילזנער קאַנט געפינט זיך אַ גרעסערע צאָל אידן אין צוויי פונקטן אין „קיינעמס לאַנד" אונטערן פרייען הימל צווישן די גרענעץ־סלופּעס נעבן אודעטאַליצע. ניט ווייט פון ברין וואַלגערן זיך אין „קיינעמס לאַנד" 128 אידן.

אין אַ פיל גליקלעכערער לאַגע געפינען זיך די 1,400 אידישע פליטים אין די צוויי איזאָלאַציע־לאַגערן אין בעלגיע, וואו די רעגירונג האָט געשטעלט אין זייער רשות באַראַקן און די אידישע הילף־אָרגאַניזאַציעס באַזאָרגן זיי מיט שפּייז און קליידונג. ענלעך איז די לאַגע פון די אידישע פליטים אין דער שווייץ און אין האָלאַנד, וואו מען האָט אָרגאַניזירט דריי גרויסע לאַגערן פאַר די פליטים.

אַז די דאָזיקע מערדערישע גירושים, וואָס האָבן ניט זייער גלייכן אין די פינסטערסטע עפּאָכעס פון דער מענטשלעכער געשיכטע, האָבן געשאַפן אַ פּאַניק ביי דער אידישער באַפעלקערונג פון דייטשלאַנד, עסטרייך און סודעטן־לאַנד, איז גאַנץ פאַרשטענדלעך. אַז מען האָט גענומען פּריוואַטליק לויפן צו אַלע גרענעצן, ניט אָפּהענגיק פון דעם, צי זיינען די גרענעצן אָפּגעצוימט מיט הויכע בערג אָדער טיפע טייכן, איז ווידער גאַנץ פאַרשטענדלעך. אַלס רע־זולטאַט פון דער דאָזיקער בהלה זיינען געוועזן פיל קרבנות. אָבער כאַראַק־טעריסטיש איז פאָלגנדיקע ידיעה, וועלכע מיר געפינען אין „פּאַריזער היינט" פון 3טן מערץ 1940: „פון טריעסט טיילט מען מיט: אָהער איז אָנגעקומען אַ

ידיעה, אַז צוליב׳ן צעגיין פון שניי אויף די קאַרנישע בערג איז אויפגע־דעקט געוואָרן אַ טראַגעדיע פון אידישע פּליטים. מען האָט געפונען הונ־דערטער פאַרפרוירענע קערפּערס פון אידישע פרויען, קינדער און זקנים אין די דיסטריקטן פון גאַסימע און אוזאָק. צווישן די פאַרפרוירענע האָט מען געפונען מוטערס מיט קינדער ביי דער ברוסט. זיי זיינען געפרוירן גע־וואָרן ביים שמוגלען די גרענעץ — דער שניי האָ טזיי פאַרשאָטן און זיי זיינען פאַרבליבן באַהאַלטן ביז דער שניי איז צעגאַנגען. ערשט אָנהייב פרילינג האָט מען געפונען די פאַרפרוירענע קערפּערס. די מונקאַטשער קהילה האָט געבראַכט צו קבורה די הונדערטער קערפּערס, וואָס מען האָט געפונען אין דער בערגיקער געגנט״.

ס׳זיינען אויך געווען פאַרעפנטלעכט ידיעות, אַז ביי די פראַנצויזיש־איטאַליענישע גרענעצן, וואו מען מוז אַריבערגיין די אַלפּן, זיינען געפונען געוואָרן הונדערטער פאַרפרוירענע קערפּערס פון אידישע פּליטים, וועלכע זיינען געלאָפן 1939 פון איטאַליע קיין פראַנקרייך און זיינען אויפן וועג אומ־געקומען.

איז מען געלאָפן. האָט מען ניט געטראַכט, וואוהין מען וועט קומען, נאָר ווי כאַפּט מען זיך אַרויס. און אָט זיינען די איינוואַנדערונג־באַדינגונ־גען אין דאָזיקן יאָר 1938, וואָס האָט אין די פאַר־מלחמה׳דיקע באַדינגונגען אויסגעזען ווי די העכסטע מדרגה פון לייד און פּיין, ווי דער העכסטער שטאַפּל פון מענטשלעכער פאַרצווייפלונג. די באַדינגונגען זיינען געווען באַשריבן אין דער אָנגעזעענער ענגלישער צייטונג „מאַנטשעסטער גאַרדיען״ פון 15טן אויגוסט 1938:

„פּאַראַייניקטע שטאַטן — אַפידייוויט, קוואָטע, פּעדאַנטישע ביוראָקראַ־טיע, מעדיצינישע אונטערזוכונג, פּאָליציי־באַשטעטיקונג פון גוטער אויפפי־רונג. דאָס אַליין צו קריגן געדויערט חדשים. די קוואָטע איז אָפט באַזעצט.

„גרויס־בריטאַניע — אין די בעסטע פאַלן און מיט פּראָטעקציע קריגט מען אַ וויזע, אָבער אָן אַרבעט־דערלויבעניש. אַלע באַמיאונגען דאַרפן גע־מאַכט ווערן פון ענגלאַנד. אומענדלעכע פאַרשלעפּונגען מצד די קאָנסולאַטן. פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד, שווייץ — אַבסאָלוט געשלאָסן. אַפילו טראַנ־זיט־וויזעס שווער צו באַקומען. איטאַליע — קיין שום וויזעס. גרענעץ־באַאַמטע שיקן צוריק אידן. טשעכאָסלאָוואַקיי, אונגאַרן, די באַלקאַנען —

הערמעטיש געשלאָסן. אַרגענטינע — „זשאַמאַדע״ (אַפּליקאַציע נאָר פון קרובים), גרויסע שוועריקייטן. קאָלומביע — קאָנסולאַט געשלאָסן. בראַזיליע, טשילי — געשלאָסן. דרום־אַפריקע, ניי־זעלאַנד — געשלאָסן״.

דאָס אַלץ איז נאָך געווען פאַר דער מלחמה, פאַר דער גרויסער שׂרפה, איידער אַלע ווילדע געבליטן פון די נאַציס האָבן זיך צעבערענט, נאָך איידער זיי האָבן פאַרלוירן אין בלוט־געריש די לעצטע רעשט פון צלם־אלקים, נאָך פאַרן באַפעל, אַז נאָך דער מלחמה זאָל אייראָפּע זיין ריין פון אידן, הכלל — נאָך אינם „הומאַנעם״ פּעריאָד פון „לייזן״ די אידישע פראַגע.

אַקוראַט אין אַ יאָר אַרום, סוף אָקטאָבער 1939, צוויי חדשים מלחמה, האָט זיך דאָס זבאָנשין־בילד איבערגעחזרט אין סואוואַלקער ראַיאָן, אָבער מיט פיל, פיל מער גרויזאַמקייט און מיט אַ סך, אַ סך מער קרבנות. און פון דעמאָלט אָן גייט דאָס אַלץ שטייגנדיק — די דעפּאָרטאַציעס זיינען געוואָרן איינער פון די געליבטסטע מאָרד־מעטאָדן פון די נאַציס. דער דאָזיקער מין מאָרד האָט פיל „מעלות״: אַ גרויסער פּראָצענט שטאַרבט אין וועג און מען ברויכט ניט אויסצוגעבן ניט קיין פּולווער, און ניט קיין סם, און ניט קיין גאַז. שנית, האָט מען אין וועג אַ סך סאַדיסטישע הנאה, ווייל די אַגאָניע פון די קרבנות ציט זיך און ציט זיך. און דריטנס — די קבורה איז אויך אַ גרינגע — אַרויסגעוואָרפן פון וואַגאָן אויפן פרייען פעלד און זאָלן הינט הנאה האָבן.

קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן, ווי דער לויף־פיבער פון אייראָפּע האָט גענומען וואַקסן און שטייגן, שטייגן און וואַקסן. האָט מען זיך געזעצט אויף שיפן און מען האָט זיך געלאָזט אין דער וועלט אַריין.

און ווי האָט די גרויסע ציוויליזירטע וועלט רעאַגירט אויף דעם דאָזיקן פאַרצווייפלונג־לויף פון אַ קליין פאָלק, פון די פאַרוואָגלטע און פאַרביטערטע גרים פון דער וועלט?

זאָל מיר דערלויבט זיין צו געבן אַ ביסל כראָניק אָן פּירושים, אָן הוספות — כראָניק, וועלכע וועט אַמאָל, אויב ס׳וועט אַמאָל קומען אַ צייט פון אמת׳ער מענטשלעכקייט, מאַכן פאַרשעמט מענטשן פאַר זייערע אָבות, פאַר אַ צייט, ווען מען איז געווען אַזוי ברוטאַל, אַזוי האַרצלאָז, אַזוי אַכזריות־דיק, אַזוי נידערטרעכטיק.

דעם 1טן מערץ 1939 איז געקומען אַ דעפּעשע פון בוענאָס־איירעס, אַז 68 אידישע פּליכטלינגע פון דייטשלאַנד האָבן געמוזט פאָרן צוריק אויף

דער איטאַליענישער שיף „קאָנטע גראַנד״, ווייל אַרגענטינע האָט זיי ניט אַריינגעלאָזט. די פּליטים זיינען געקומען פון אורוגוואַי, וואוהין מען האָט זיי אויך ניט אַריינגעלאָזט, ווייל זייערע וויזעס זיינען מיט צוויי טעג פריער אויסגעגאַנגען. אַ צווייטע גרופּע פון 28 אידישע פּליטים איז היינט אָנגעקו־מען קיין אַרגענטינע און ס'דערוואַרטעט זיי דער זעלביקער גורל.

דעם 2טן מערץ 1939 איז געקומען אַ טעלעגראַמע קיין לאָנדאָן פון בוקאַרעשט, אַז די שיף „קעפּאַ״ מיט 780 אידישע פּליטים פון דייטשלאַנד איז פאַרלוירן געגאַנגען נאָך אַ שטורם אויפן ים. די שיף האָט ניט געהאַט קיין באַשטימטע ריכטונג.

דעם 3טן מערץ 1939 איז געקומען קיין לאָנדאָן צו דער צייטונג „דעילי מעיל״ אַ ידיעה, אַז צוויי שיפן מיט אידישע פּליטים האָבן זיך געלאָזט שווימען אין אומבאַקאַנטע ריכטונגען. איין דאַמפשיף האָט בסוד פאַרלאָזן די רומע־נישע פּאָרטן מיט 1,000 אידישע פּליטים, ניט דורכמאַכנדיק דעם קאָנטראָל פון דער מאַכט. די ריכטונג פון דער שיף איז אומבאַקאַנט. פון דאַנציק ווערט געמאָלדן, אַז אַ סודות'פולע שיף מיט 500 אידן האָט פאַרלאָזט דעם האַפן אין אַן אובאַקאַנטער ריכטונג.

דעם 8טן מערץ 1939 איז געקומען פאָלגנדיקע דעפּעשע פון ווין: די דייטשע שיף „קעניגשטיין״, וואָס פירט 200 אידישע פּליטים, האָט געלאָזט וויסן, אַז זי שווימט אַרום אָן אַ ציל ניט ווייט פון קאָלאָמביאַנער ברעג און האָט שוין געפּרוּווט די אידן אַראָפּצולאָזן אין פיר האַפנס: גיאַנאַ, טרינידאַר, די באַרבאַראַ־אינזלען און ווענעצועלע, אָבער אָן דערפאָלג. דער קאַפּיטאַן פון דער שיף האָט באַקומען אַ באַפעל פון דער נאַצי־רעגירונג, אַז ער זאָל זיך ניט דערוועגן ברענגען צוריק די אידן קיין האַמבורג, פונוואַנען די שיף איז אָפּגעפאָרן.

דעם 16טן מערץ 1939 איז געקומען אַ טעלעגראַמע פון רוים, אַז 350 אידישע פּליטים זיינען אויף אַ געהיימנישפולן אופן פאַרשוואונדן פון אַ שיף אין מיטן אַדריאַטישן ים. דער קאַפּיטאַן פון דער שיף (קאָלאָראַדאָ) האָט דערקלערט, אַז ער האָט די פּליטים טראַנספּערירט אויף אַן אַנדער שיף.

אין „דבר״ פון 12טן אַפּריל געפינען מיר פאָלגנדיקע ידיעה:

„אויף דער שיף „אַספּיה״, וועלכע איז פאַרהאַלטן געוואָרן דעם 2טן אַפּריל, זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן פאָלגנדיקע פאַקטן: אויף דער שיף

וואוהין גייען מיר?

זיינען פאראן 690 פליטים, צווישן זיי ארום 100 פרויען, פון וועלכע אייניקע זיינען שוואנגער, און ארום 50 קינדער. איין פרוי האט צעבראכן א פוס. דער רוב פון די פליכטלינגע באשטייען פון מענטשן, וועלכע האבן זיך שוין איסגעוואלגערט אין פיל לענדער און אין פיל טורמעס און האבן זיך קוים דערשלאגן צו א האפן און זיך ארויפגעריסן אויף א שיף. פיר וואכן בלאנדזשעט שוין די שיף ארום מיט די פליכטלינגע. מוצאי־שבת, ווען די שיף איז געווען ארום צוויי מייל פון חיפה, האבן זי ארומגערינגלט דריי מאטאר־שיפלעך און האבן גלייך געעפנט א פייער פון מאשינען. דער קאפיטאן האט זיך באלד אונטערגעגעבן און האט איבערגעענטפערט די שיף צו די מאכט־ארגאנען. די שיף איז זונטאג פרי געקומען אין האפן. נאך פיל אונטערהאנדלונגען מיט די מאכט־ארגאנען האט זיך איינגעגעבן צו פועל'ן, אז דער שיף זאל זיין דערלויבט ארויסצופארן אויפן ים. מען האט פון דער שיף אראפגעלאזט נאר דריי שוואנגערע פרויען: אסתר שווארצבארד, איטע וויינשטיין און שרה לעווקאוויץ און אויך איין קראנקן מאנסביל פיק".

דעם 22טן מאי 1939 איז געקומען א טעלעגראמע פון סולינע, רומעניע: 1,500 אידן געפינען זיך אויף שיפן צווישן הימל און וואסער, און קיין לאנד וויל זיי ניט אריינלאזן. די 1,500 אידן זיינען פליכטלינגע פון דייטשלאנד, מייסטנס פראמינענטע דאקטוירים, אדוואקאטן, אינזשעניערן און שריפטשטע־לער. זיי שווימען ארום אויף פיר שיפן איבער דעם דונאי. די שיפן שטייען צוגעבונדן צום האפן אין סולינע, אבער די פאליציי באוואכט די שיפן און גיט אכטונג, אז קיין איד זאל ניט אויסשטייגן.

דעם 31טן מאי 1939 איז געקומען א דעפעשע פון מאנטעווידעא, אורוג־וואי, אז 78 אידישע פליכטלינגע, וועלכע זיינען געקומען מיט דער דייטשער שיף „מאנטעליוויע", זיינען ניט אראפגעלאזט געווארן און וועלן מוזן פארן צוריק קיין דייטשלאנד.

דער חודש יוני פון יאר 1939 איז מסתמא נאך אזוי פריש אין זכרון פון אלע, וועלכע האבן נאר א הארץ־זכרון, אז ס'איז כמעט איבעריק דאס צו דערמאנען, — ניט ווייט פון די ברעגן פון די פאראייניקטע שטאטן האט ארומגעבלאנדזשעט די שיף סט. לואיס מיט 900 אידישע פליכטלינגע פון דייטשלאנד דריי וואכן. טעלעגראמעס זיינען געפלויגן צו אלע צוויי צענדליק רעפובליקן פונם גרויסן אמעריקאנער קאנטינענט, אבער אויף דעם גאנצן אמעריקאנער קאנטינענט האט זיך ניט געפונען קיין ווינקל פאר בידנע

900 נפשות — מידע, באַליידיקטע, באַשפּיגענע, צעמאַטערטע, צעבראַכענע, געוועזענע מענטשן מיט אוניווערזיטעט־דיפּלאָמען און מיט גאַנץ פיינע פאַר־מעגנס, מאַטעריעלע און גייסטיקע. זעלבסטמאָרדן זיינען געווען עטלעכע אויף דער דאָזיקער שיף.

אַט ווי אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט האָט אין חודש יוני 1939 באַשריבן זיין באַזוך ביי אידישע פליכטלינגע אויף אַ שיף ערגעץ ביי אַ גריכישן אינזל:

„אין דער פּרעכטיקער אוראַלטער הויפּטשטאָט פון גריכנלאַנד, אין אַטען, אונטער דעם שאָטן פון די אייביקע מאָנומענטן פון אונזער וועלט־קולטור, וויסן שוין כמעט אַלע, אַז ניט ווייט פון אַ נאָענטן גריכישן אינזל געפינען זיך צוויי קליינע שיפן. געפּאַקט ווי הערינג אין אַ פאַס, 1,500 נפשות, מענער און פרויען, וועלכע האָבן קיין אַנדער ברירה ניט, ווי צו בלייבן דאָרטן ביז זייערע נשמות וועלן אויסגיין. . . . זיי האָבן קיין פּעסער ניט, קיין וויזעס ניט, קיין איינער פון זיי פאַרמאָגט ניט אַפילו אַ פונט ביים לייב, און ס׳רוב זיינען זיי אָפּגעריסן, נאַקעט און באָרוועס, באַוואַקסן און פאַרבלוטיקט, קראַנק, אפשר האַלב־משוגע אַפילו . . .

„נאָך אַ גליק, וואָס גריכנלאַנד לאָזט די שיפן ביים ברעג און יאָגט ניט די 1,500 נפשות. מען לאָזט זיי שטיין ביז ס׳וועט עפּעס אַ וואונדער גע־שען . . .

„קרעכצן, געוויין, היסטערישע געשרייען האָבן גלייך טויב געמאַכט מיינע אויערן און בלינד געמאַכט מיינע אויגן. איך האָב פּשוט פאַרלוירן מיין גלייכגעוויכט. ביט געוואוסט, וואו איך געפין זיך. עפּעס ווי אין אַ קבר, וואו מתים האָבן פּלוצעם די אויגן געעפנט, די ביינערדיקע הענט אויס־געשטרעקט און מיט אויסגעגאָסענע אויגן גענומען קוקן אויף מיר מיט קנאה, מיט שנאה . . .״

די וויטערדיקע באַשרייבונג פון דער גאַנצער וואַנדערונג־טראַגעדיע און פון דעם צושטאַנד פון איינצלנע פליכטלינגע קאָן מאַכן אויפציטערן דעם אייז־קאַלטסטן מענטשן.

דעם 26טן יוני 1939 איז פון בוקאַרעשט אָנגעקומען פאָלגנדיקע דע־פּעשע: האַרצרייסנדיקע סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט ווען די פּאַנאַמער שיף „ריס״ איז אַרויסגעפאָרן פון קאָנסטאַנצע אויפן וועג קיין ארץ־ישראל מיט 450 אידישע פליכטלינגע. צווישן די פליכטלינגע געפינען זיך 142, וועלכע זיינען געווען פאַרשיקט אין נאַצישן קאָנצענטראַציע־לאַגער אין

וואוהין גייען מיר?

דאכאו. ווייל די שיף האט מער ניט געהאט קיין פלאץ, זיינען 150 פליכט־לינגע פון פוילן און טשעכאסלאוואקיע געבליבן אין קאנסטאנצע. פערציק פון די געבליבענע האבן זיך אריינגעווארפן אין ים, ווען די שיף האט פאר־לאזן דעם האפן. זיי זיינען אלע געראטעוועט געווארן. עטלעכע האט מען אפגעפירט אין שפיטאל.

מיר ווילן נאר צוגעבן, אז די דאזיקע אלע פליכטלינגע האבן ניט גע־האט קיין סערטיפיקאטן און זיינען גארניט געווען זיכער, אז מען וועט זיי אריינלאזן קיין ארץ־ישראל.

דעם 30טן אויגוסט 1939 איז אנגעקומען א דעפעשע פון אינזל צעילאן, אז די רעגירונג האט ניט דערלויבט צו לאנדן 700 אידישע פליטים פון דייטשלאנד, וועלכע זיינען געקומען אויף דער איטאליענישער שיף „צעזאר ניגליע". די פליכטלינגע האבן אויך באקומען א מעלדונג, אז מען וועט זיי קיין שאנכאי ניט אריינלאזן. עטלעכע פליטים האבן דערקלערט, אז זיי וועלן שפרינגען אין ים, אויב מען וועט זיי שיקן צוריק קיין דייטשלאנד.

אין מאנטרעאלער „קענעדער אדלער" פון 9טן יוני 1939 ווערט דער־ציילט, אז א שטאטנלאזער אידישער פליכטלינג, וועלכן מען האט ארעס־טירט אויף ארויסצושיקן, איז ארויסגעשפרונגען פון צווייטן שטאק פון תפיסה, וואו ער איז געווען פארהאלטן, און האט זיך צעבראכןביידע פיס.

אין „אויפבוי" פון סעפטעמבער 1939 איז געווען אפגעדרוקט א בריוו פון א פליכטלינג פון ביירוט. ער דערציילט וועגן דעם וויסטן גורל פון 600 אידישע פליכטלינגע, וועלכע זיינען ארויסגעפארן פון פראג דעם 30טן אפריל. דורך ווין, בודאפעשט, אגראם זיינען זיי געקומען אין רומענישן האפן סולינע דעם 7טן מאי. פון 20טן מאי ביז דעם 15טן יולי האבן זיי פארבראכט אויף דער שיף, באזוכט א צענדליק האפנס און מען האט זיי אין ערגעץ ניט אריינ־געלאזט. ענדלעך האט מען זיי געלאזט אין ביירוט אויסשטייגן, אבער נאר אויף אייניקע טעג, און זיי ווערן שוין ווידער געווארפן אויף דער שיף און וויסן אבסאלוט ניט, וואס ס'וועט זיין מיט זיי. די שיף האט געהאט פיר קאבינעס פאר אכט פערזאן, און אלע איבעריקע 652 פליכטלינגע האבן זיך געפונען אויף דער דעק. צווישן די פאסאזשירן זיינען געווען 47 קינדער יונגער פון 10 יאר, 22 קינדער פון 11 ביז 16 יאר, 203 פרויען, אייניקע על־טער פון 60 יאר, צווישן די מענער עטלעכע עלטער פון 70 יאר. 168 פליכט־

ליגנע זיינען קראַנק געוואָרן און מען האָט זיי געמוזט אין ביירוט אַוועק־לייגן אין שפּיטאָל.

מיר מוזן איבעררייסן די דאָזיקע כראָניק, ווייל זי וואָלט באַדאַרפט פאַר־נעמען נאָך גאָר פיל זייטלעך. לאָמיר נאָר דערמאָנען די וויכטיקסטע, די הימל־שרייענדיקסטע פאַקטן: די מעשה מיט דער שיף „פּאַטריאַ", וועלכע איז אויפגעריסן געוואָרן אין חיפה׳ער האַפן און האָט געקאָסט 150 קרבנות; די מעשה מיט דער שיף „שטרומאַ", וועלכע איז ניט ווייט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל געגאַנגען צו גרונט און האָט געשענקט דעם ים אַרום 700 פליכטלינגע; די מעשה מיט דער שיף „סאַלוואַטאָר", וועלכע איז אַרומגעפאָרן אויף פיל ימים אין פאַרלויף פון פינף חדשים און איז אין עגעאישן ים אַרויף אויף אַ פעלז און צעשמעטערט געוואָרן, און 103 אידן זיינען דערטרונקען געוואָרן; און פיל, ממש צענדליקע אַנדערע פאַלן פון אַרומשווימען פון שיפן מיט אידן איבער ימים, ווי למשל, די מעשה מיט די 86 פליכטלינגע, וועלכע זיינען ניט אַריינ־געלאָזט געוואָרן קיין בראַזיל און האָבן אַלע דערקלערט, אַז זיי ווילן אַלע צוזאַמען באַגיין זעלבסטמאָרד, אויב מען וועט פּרואוון זיי צוריקצושיקן קיין אייראָפּע; און אַזוי ווייטער און ווייטער.

מיר האָבן צוגעזאָגט ניט צו מאַכן קיין קאָמענטאַרן צו דער בלוט־ און חרפּה־כראָניק און מיר ווילן האַלטן וואָרט. נאָר איין זאַך מוזן מיר צוגעבן — דאָ זיינען פאַרגעשטעלט אַבסאָלוט אַלע, אַלע פעלקער פון דער גאָרער וועלט; אַלע, אַלע רעגירונגען פון דער גאָרער וועלט — און די באַציאונג צו אידן איז אומעטום געווען איינע און די זעלביקע. מיר פאַרשפּאָרן צו כאַראַקטעריזירן די דאָזיקע באַציאונג — ירמיהו הנביא האָט דאָס בעסער געמאַכט: „אין לה מנחם מכל אוהביה, כל רעיה בגדו בה".

יאָ, כל רעיה בגדו בה — די דאָזיקע קללה איז די לעצטע יאָרן פאַר־ווירקלעכט געוואָרן אין אַ מאָס, וואָס ס׳איז שווער צו געפינען אַפילו אין אונ־זער פּיין־געשיכטע. מען קאָן ניט לייקענען, אַז אונזער טראַגעדיע האָט אין ענגלאַנד געפונען איר שטאַרקסטן אָפּקלאַנג — אין פּאַרלאַמענט און אין לאָרדן־הויז, אין דער פּרעסע און אין דער באַפעלקערונג בכלל. רעלאַטיוו האָט ענגלאַנד טאָקע גענומען מער פליכטלינגע, ווי אַפילו די פאַראייניקטע שטאַטן. אָבער די מעשה מאַאוריציוס קאָנען מיר דאָך ניט פאַרגעסן און ניט מוחל זיין; נאָך מער ניט מוחל זיין, ווייל דאָס איז דאָך פאַרגעקומען מיט אידן, וועלכע זיינען שוין געווען אין ארץ־ישראל, שוין געגלויבט טיף אין

האַרצן, אַפילו זיצנדיק פאַרשפאַרט אין אַ לאַגער, אַז זיי זיינען פאַרט אין דער היים און וועלן פאַרט סוף־כּל־סוף באַפרייט ווערן און וועלן פאַרט נאָך חדשים וואַלגערן זיך אויף אַ שיף און אַרומשווימענדיק אויף ימים צווישן הימל און וואַסער, צופאַלן צום באָדן פון אייגענעם לאַנד און קושן די ערד, וואו זיי וועלן ענדלעך געפינען רו און פריינטשאַפט. אָבער... כּל רעיה בגדו בה. אַט וואָס ס'האָט געטראָפן נאָוועמבער 1940 מיט דער שיף „אַטלאַנטיק", וועלכע האָט געפירט 18 הונדערט אידישע פליכטלינגע. די שיף האָט זיך נאָך פיל חדשים פון בלאָנדזשען אויף ימים צוגעשלאָגן צום האַפן פון תל־אביב, אָבער זי איז געכאַפּט געוואָרן פון דער ענגלישער פאָליציי, און אַלע פליכטלינגע זיינען אינטערנירט געוואָרן. אַ פּאָר צענדליק גאָר שוואַכע און קראַנקע האָט מען באַפרייט און דערלויבט צו בלייבן אין ארץ־ישראל; אַלע איבעריקע האָט מען פאַרשיקט אויפן אינזל מאַאוריציוס. און אַט איז די באַשרייבונג פון דער דעפּאָרטאַציע און פונם לעבן אויף אַן אינזל ניט פון נאַציס און ניט פון רומע־נישע באַרבאַרן, נאָר פון ענגלאַנד, וועלכע שטייט אין ביטערסטן קאַמף שוין מער פון פיר יאָר פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע:

„פלוצלינג האָט מען אונז אויפגעוועקט. מיליטער־לייט זיינען געגאַנ־גען פון באַראַק צו באַראַק און געהייסן, מיר זאָלן צונויפפּאַקן אונזערע זאַכן. מיר האָבן זיך אַנטזאָגט. מיר האָבן נאָך אַלץ געהאָפט, אַז מען וועט די גזרה אָפּשרייען. מיר זיינען ניט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, און מיר זיינען געווען דערשלאָגן און צעווייטאָגט. קיינער האָט אונז ניט געקענט העלפן. פון די אידישע וועכטער האָט מען צוגענומען דאָס געווער און דער גאַנצער לאַגער איז געווען אַרומגערינגלט מיט מיליטער.

עס האָט ניט געהאָלפן אונזער פּראָטעסט. אינדערפרי האָט מען אונז געצוואונגען איינצושטייגן אין טראָקס. פיל פון אונז זיינען געווען באַרוועס און אָפּגעריסן. ניט איינעם האָט מען געמוזט שלעפּן מיט גוואַלד. שפּע־טער האָט מען אויך די פרויען געבראַכט צום האַפן. די באַאַמטע האָבן גע־נומען איבערקוקן דאָס געפּעק. מען האָט קאָנפיסקירט געלט, צירונג און אַנדערע ווערטפולע זאַכן. נאָכדעם האָט מען אונז אַריינגעזעצט אין צוויי האָלענדישע שיפן, „יאָהאַן דע וויט" און „ניו־זילאַנד". מען איז זיך מיט אונז באַגאַנגען אָן שום רחמנות. די פּאָליסלייט האָבן אונז אַפילו געשלאָגן.

צו עסן האָט מען אונז געגעבן גענוג, אָבער מיר האָבן ניט געהאַט קיין פרייהייט זיך צו באַוועגן. מיר האָבן געמוזט בלייבן אין די קאַיוטעס פון

אונטער־דעק. בלויז צוויי שטונדן אין טאָג האָבן מיר געקענט פאַרברענגען אויפן דעק. מיר זיינען געלעגן אין צרות און געבעטן אויף זיך דעם טויט.

21 טעג האָט געדויערט אונזער נסיעה. דעם 9טן דעצעמבער 1940 זיי־נען מיר ענדלעך אָנגעקומען צו דעם אומבאַקאַנטן צוועק. אויפן וועג איז געשטאָרבן איינער פון די אַלטע לייט. שפּעטער איז געוואָרן צווישן אונז אַ טיפוס־עפּידעמיע און זעכציק מאַן זיינען אומגעקומען.

אַזוי זיינען מיר אָנגעקומען אויף דעם אינזל מאַאוריציוס.

דער אינזל געפינט זיך 556 מייל פון דורבאַן, דרום־אַפריקע, און 360 מייל פון דעם אינזל מאַדאַגאַסקאַר. די צאָל פון דער באַפעלקערונג איז אי־בער אַ האַלבן מיליאָן. די מערהייט באַשטייט פון קרעאָלן. עס לעבן דאָרטן אויך הינדוסן. עס איז אויך פאַראַן אַ קליינע גרופּע ענגלענדער און פראַנ־צויזן — זיי זיינען די קאָלאָניאַלע באַאַמטע. די איינוואוינער רעדן קרעאָליש, וואָס איז אַ סאָרט שלעכטער פראַנצויזיש. זיי זיינען אַלע קאַטאָליקן. דער קלימאַט איז אַ פייכטער און אַ הייסער. דער אינזל איז רייך אין געוויקסן און אויך אין... מאַלאַריע. דאָס געבן אונז איינשפּריצונגען קעגן מאַלאַריע האָט מען אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג און מיר האָבן געקרענקט אויף וואָס די וועלט שטייט.

מען האָט אונז אַריינגעזעצט אין דער צענטראַלער טורמע פון אינזל. זי איז געבויט געוואָרן מיט הונדערט יאָר צוריק פאַר די ערגסטע פאַרברעכער. די תפיסה איז באַשטאַנען פון צוויי גרויסע געביידעס, אַרומגערינגלט מיט דיקע שטיינערנע מויערן. די הייזער זיינען איינגעטיילט אין אַ סך קליינע קעמערלעך, און מ'האָט יעדן פון אונז אַריינגעזעצט אין אַ קעמערל. פאַר די פרויען האָט מען אויפגעשטעלט בלעכענע ביידלעך אינדרויסן און מען האָט אַריינגעזעצט צו צוואַנציק אָדער דרייסיק פרויען אין אַזאַ בלעכענעם באַראַק, וואו די היץ פון דער זון איז געווען שרעקלעך. עס זיינען געווען ביי דער תפיסה אַרבעטס־הייזער, אַ שוסטעריי, אַ בעקעריי, אַ סטאָלערײ און אַ קיך. מיר האָבן געקענט פאַרברענגען אַ טייל פון דער צייט מיט אַרבעט.

פופצן מאָנאַטן האָבן מיר פאַרבראַכט אויף דעם אינזל, אָן וועלכן ס'ניט איז קאָנטאַקט מיט דער וועלט. מ'האָט אונז ניט געלאָזט זיך צענויפשרייבן מיט ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און זיי דערציילן וועגן אונזער לאַגע. אויך אין פּריוואַטע בריוו האָבן מיר געמעגט שרייבן בלויז וועגן ניט־וויכטיקע

וואוהין גייען מיר?

זאכן. אפילו מענטשן פון איין פאמיליע האבן ניט געטארט האבן צווישן זיך קיין קאנטאקט אויף דעם אינזל. א מאן האט געקענט זיך טרעפן מיט זיין פרוי בלויז אין דער קעגנווארט פון דער פאליציי, דריי מאל א וואך, צו צוויי שטונדן. די היגיעניש באדינגונגען זיינען געווען שלעכטע, און מיר האבן געקרענקט אויף טיפוס, אויף מאלאריע און דיזענטעריע. די הארבע צענזור אויף אונזערע בריוו האט אויסגעשלאסן יעדע קארעספאנדענץ מיט אידישע ארגאניזאציעס און מיט די קאנסולן אדער רעגירונגען.

אין אלגעמיין קען מען זאגן, אז מען איז זיך באגאנגען מיט אונז אויף דעם אינזל קארעקט, כאטש מיר האבן ניט איין מאל געהאט צוזאמענשטויסן מיט דער תפיסה־פארוואלטונג און מען האט אויף אונז ארויפגעלייגט שווערע שטראפן. מיר האבן זיך דערוואוסט, אז די פארוואלטונג פארשפרייט די מיי־נונג, אז מיר לעבן דא זייער גוט, און זי האט זיך באנוצט אין איר אגיטאציע מיט פאטאגראפיעס. מען האט אונז געשיקט פון דער ציוניסטישער ארגאני־זאציע אין דרום־אפריקע מלבושים, שיך און ביכער, אבער מען האט זיי פאר־האלטן מיטן אויסרייד, אז מען גרייט דאס צו פאר א צייט פון נויט. מען האט ארויפגעלייגט א שטייער פון פינף פראצענט אויף דעם געלט, וואס עמי־צער פון אונז האט דערהאלטן. עס איז געקומען צו קריגערייען צווישן די דאקטוירים־פליכטלינגע און די אפיציעלע דאקטוירים, וואס האבן זיך ניט גערעכנט מיט די פאדערונגען פון די קראנקע. ערשט נאכדעם ווי צען־פופצן פראצענט פון לאגער זיינען קראנק געווארן אויף מאלאריע, האט מען אנגענומען שארפע מיטלען.

די אורזאכן פון דער קראנקייט זיינען געווען פארשיידענע, אבער הויפט־זעכלעך האט געווירקט די שלעכטע און איינטאניקע דערנערונג. ס׳איז דער־גאנגען דערצו, אז נאך א יאר זיין אויפן אינזל זיינען אלע אזוי אפגעשוואכט געווארן, אז זיי האבן פארלוירן יעדע ווידערשטאנדס־קראפט קעגן קראנ־קייטן.

אט זיינען איינצלהייטן, ווי אזוי מען האט זיך געפירט מיט די מענטשן אין לאגער. 6 אזייגער אין אוונט האט מען אויסגעטיילט קאלדרעס און א דיוואן, אבער זעקס אזייגער אינדערפרי האט מען אלץ צוריקגענומען. א גאנצן טאג איז אויסגעקומען צו שטיין אדער צו זיצן אויף דעם בעטאנענעם דיל. זייער שטארק האט געפייניקט דער מאנגל פון פרייהייט, און פאר די פארהייראטע — דאס ניט קענען פירן קיין פאמיליען־לעבן. עטלעכע פאר־

לעך האָבן חתונה געהאַט אויפן אינזל, אָבער זיי האָבן ניט געקענט פאַר־ברענגען צוזאַמען אין שטובן, נאָר זיינען געלעגן אינדרויסן אויף קאַלדרעס אונטער דער הייסער זון...

מען האָט ניט דערלויבט די מענטשן פון לאַגער אַרומצושפּאַצירן איבערן אינזל, כאָטש פון דעם אינזל האָט מען ניט געקענט אַנטלויפן, און אויך אויפן אינזל אַליין האָט מען זיך ניט געקענט אויסבאַהאַלטן, ווייל די איינוואוינער וואָלטן אונז דערקענט אַפילו אין דער פינסטער.

די לאַגע אויפן אינזל אַליין איז מיט דער צייט בעסער געוואָרן, אָבער די גרעסטע דערנידערונגען האָבן די פּליטים דורכגעלעבט אויף די שיפן. מען האָט אַלעמען אָפּגעשוירן. די פרויען האָט מען בלויז איבערגעלאָזט קליינע גזשיוועס. אין באָד־צימער האָט מען געלאָזט גיין בלויז אין באַשטימטע שטונדן. אַזוי גרויזאַם איז געווען די באַהאַנדלונג, אַז דער האָלענדישער קאַפּיטאַן פון שיף האָט אַרעסטירט דעם הויפּט־וועכטער און באַשטימט אויף זיין אָרט אַן אַנדערן.

נאָך מאָנאַטן האָט מען אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אין לאַגער אַלערליי קול־טורעלע אונטערנעמונגען. מען האָט געלערנט תנ״ך, אידישע געשיכטע. מען האָט אויך אָרגאַניזירט אַ סקול פאַר די קינדער. דער בישאָף פון אינזל האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט פאַר די לייט פון לאַגער און אַפילו איינינקע פאַר־בעטן אַהיים.

ווי אַזוי איז איינינקע דאָך געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון דעם אינזל?

יונגעלייט פון דעם לאַגער האָבן געהאַלטן, אַז עס איז זייער פליכט צו נעמען אָנטייל אין דעם קאַמף קעגן פאַשיזם און האָבן ווי איין מענטש דער־קלערט, אַז זיי ווילן אַריינטרעטן אין דער ענגלישער אַרמיי. אָבער מען האָט זיי דאָס אָפּגעזאָגט. מען האָט געשריבן וועגן דעם בריוו און געשיקט טעלע־גראַמעס, אָבער מען האָט זיך קיינמאָל ניט דערוואוסט, אויב די בריוו און טעלעגראַמעס זיינען אָנגעקומען. ערשט שפּעטער האָט אַ גרופּע פון פּופּציק טשעכישע חלוצים זיך געווענדט מיט אַ פּריוואַטן בריוו צו אַ מיטגליד פון דער טשעכישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן, אַז זיי ווילן אַריינטרעטן אין דער טשעכישער גלות־אַרמיי. ווען דער פאַקט איז באַקאַנט געוואָרן, האָט אויסגעבראָכן אין לאַגער אַ שטורמישע דיסקוסיע, וואָס האָט זיך געצויגן מאָנאַטן. איינינקע האָבן געטענהט, אַז אַריינטרעטן אין טשעכישן מיליטער איז אַ פאַרראַט אין באַצוג צו ארץ־ישראל און ציוניזם. נאָך זעכצן מאָנאַטן

וואוהין גייען מיר?

האָבן פופציק חלוצים באַקומען אַ פּאָזיטיוון ענטפער. דערוויל זיינען צו די ערשטע פופציק צוגעקומען נאָך פינף און דרייסיק, די מערסטע פון זיי זיינען פריער געווען קעגנער פון אָנשליסן זיך. מיט דער צייט האָט די צאָל דערגרייכט ניינציק פּראָצענט פון אַלע בחורים, וואָס האָבן געשטאַמט פון טשעכאָסלאָוואַקיע, און איייניקע פּאַרהייראַטע. פיל מער פאַרהייראַטע וואָלטן געווען אַריינגעטראָטן, ווען זיי וואָלטן געוואוסט, אַז זייערע פרויען וועלן באַקומען שטיצע פון דער רעגירונג. אָבער דער אָנפירער פון לאַגער האָט ניט געפונען פאַר נויטיק צו געבן אינפאָרמאַציע.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט איינגעאָרדנט אַ באַשיידענעם באַנקעט פאַר די פריוויליקע. די רעדנער האָבן אין זייערע רעדעס אויסגעדריקט זייער גאַנצע ביטערקייט. אין טאָג, ווען מיר זיינען אַרויסגעפאָרן, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַלע פון לאַגער ביים טויער, געדריקט אונזערע הענט און געגאָסן מיט טרערן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, וואָס זיי ווייגען: ווער ווייס, ווי לאַנג זיי וועלן נאָך בלייבן אינטערנירט? מיר גייען אַרויס קעמפן מיטן פיינט, אונזער לעבן האָט אַ זין — מיר וועלן זיך נוקם זיין פאַרן בלוט פון אידישן פאָלק. אָבער זיי, די אומגליקלעכע, דאַרפן בלייבן אַרעסטירט און דערנידעריקט".

(גענומען פון דעם בוך פון ברכה חבס,
„שנים עשר פליטים", תל־אָביב, 1943)

דאָס אַלץ האָט דערציילט אַ טשעכישער איד, איינער פון די גליקלעכע, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער טשעכישער אַרמיי און זיינען באַפרייט געוואָרן — דאָס איז אַלזאָ ניט נאָר אַן עד ראיה, נאָר אַן עד, וואָס האָט אויף זיין לייב און נשמה איבערגעטראָגן אַלץ, וואָס ס'איז אויסגעקומען איבערצולייַדן 1,800 אידן, וועלכע האָבן געהאַט די העזה צו גלויבן, אַז די ענגלישע רעגירונג וועט ניט האָבן קיין מוט אַרויסצואווייזן אַזוי פיל אַכזריות צו די גרים פון דער וועלט, צו די געפייניקטע און גערודפטע. און וואו? — אין ארץ־ישראל, וואו לויט דער הבטחה פון אַ פריערדיקער ענגלישער רעגירונג דאַרף אויפגעבויט ווערן אַ היים פאַרן אידישן פאָלק. דער קורצער אויספיר פון דער לאַנגער ציטאַטע קאָן זיין נאָר איינער — ניט נאָר „כל רעיה בגדו בה", נאָר „היו לה לאויבים!"

היו לה לאויבים, ווייל דער געשלאָגענער — דאָס אידישע פאָלק — איז געוואָרן פּאָליטיש אַזוי שוואַך, אַזוי נישטיק, אַזוי ווערטלאָז, אַז קיינער

יעקב לעשצינסקי

רעכנט זיך ניט מיט אונז און קיינער האָלט ניט פאַר זיין חוב יוצא צו זיין פאַר אונזערע קרבנות. ווי אַנדערש די לאַגע איז געווען ביי דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ענגלאַנד מיט דייטשלאַנד האָבן קאָנקורירט אויף צו גע־ווינען די סימפּאַטיעס פון די אידישע מאַסן פון רוסלאַנד און אַמעריקע! ווען דער שוין דעמאָלט געגנוג אַנטיסעמיטיש געשטימטער גענעראַל לודענדאָרף האָט געוואָרפן פונם הימל אויפרופן צו די „ליבע אידן״ פון פוילן, אַז ער גייט זיי באַפרייען פונם צאַרישן רעזשים! ווען די ענגלישע רעגירונג האָט געגעבן די באַלפור־דעקלאַראַציע און די דייטשע רעגירונג האָט באַלד נאָך דעם זיך געאיילט רופן אידישע פאַרטרעטער און געפּרואווט זיי צוזאָגן אַ היים פאַרן אידישן פאָלק אין ארץ־ישראל!

אַזוי פיל מזל האָבן מיר געהאַט צו אײנצלנע מלוכות — און נאָך ערגער און טרויעריקער האָבן מיר אָפּגעשניטן מיט די קאָנפערענצן, וועלכע זיינען טאַקע גערופן געוואָרן אונטער אַן אַנאַנים, אָבער די גאַנצע וועלט האָט געוואוסט, אַז מען מיינט אידן. אַז רוזוועלט האָט בפירוש געמיינט אונזער טובה מיט דער עוויאַנער קאָנפערענץ, איז גאָר קיין ספק ניט. און דאָס איז געווען אָנהויב זומער 1938, ווען פליכטלינג און איד זיינען געווען כמעט סינאָנימען. זיינען זיך צונויפגעקומען פאַרטרעטער פון העכער דרייסיק מלוכות מיט לאַנד־שטחים פאַר צענדליקער אָדער אפשר פאַר הונדערטער מיליאָנען מענטשן און זיי האָבן פאַר דער גאַנצער גרויסער וועלט דעמאָנסטרירט זייער שטאַרקן ווילן, אַז אידן זאָלן בלייבן פון דערווייטנס. דאָס איז געווען אַ פיינלעך בילד, וואָס האָט געקאָנט אַריינוואַרפן אין פאַרצווייפלונג דעם גרעסטן אָפּטימיסט און אים מאַכן שרייען אין אַלע אידישע און ניט־אידישע גאַסן, אַז אידן מוזן זוכן אַ היים, אַן אייגענעם דאַך איבערן קאָפּ, אַן אָנשפּאַר אין ערד, באָדן. אָבער די רעאַקציע פון דער אידישער וועלט איז געווען אַ שוואַכע. די גלות־פּאַטריאָטן פון שניט „אהבתי את אדוני, לא אצא חפשי״ האָבן ווייטער געפּריידיקט דאָאיקייט, ביז ס׳איז געקומען די גרעסטע קאַטאַס־טראָפע פון אונזער געשיכטע. און שפּעטער מיט 5 יאָר נאָך דער עוויאַנער קאָנפערענץ האָבן מיר געהאַט אַ צווייטע, אַ קלענערע לויט איר פאַרנעם, נאָר אַ גרעסערע לויט איר אָפּשפּיגלונג פון אונזער היימלאָזיקייט און מאַכט־לאָזיקייט.

די שרייענדיקסטע און טרויעריקסטע אילוסטראַציע צו דעם נאַר־וואָס גע־זאָגטן איז געווען די בערמודאַ־קאָנפערענץ, וועלכע האָט מיט איר אָפן־ציניש ער

וואוהין גייען מיר?

באַציאונג צו אונזער אומגליק, מיט אירע חוזק־דאַטעס וועגן די כלומרשט־גערעטעוועטע פליכטלינגע דורך פאַרשיקן זיי אויפן אינזל מאַאוריציוס, אויס־געלאָשן דעם לעצטן האָפענונג־פונק אויף צו ראַטעווען די אייראָפּעאישע אידן, האָט אויסגעטריקנט יעדן טראָפּן פון גלויבן אינם אמת׳ן ווילן פון די מעכטיקע פון אונזער וועלט עפּעס פּראַקטישעס צו טון פאַר די געמאָרדעטע און געמאַ־טערטע. דער פאַרטרעטער פון דער ענגלישער רעגירונג אין סענאַט האָט נאָך ציניש‏ער זיך מודה געווען, אַז מען האָט מורא געהאַט איינצושטעלן און פאַרלייגן היטלער׳ן אַרויסצולאָזן די אידן, ווייל דעמאָלט וואָלט מען דאָך געמוזט די געראַטעוועטע ערגעץ וואו אַריינלאָזן — און דאָס האָט מען ניט געקאָנט! ניט געקאָנט?! איז טאַקע אויף די דריי קאָנטינענטן, וועלכע זיינען שיטער באַוואוינט, — אַמעריקע, אויסטראַליע און אַפריקע, — ווירק־לעך ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַ פּאָר מיליאָן אידן און מען איז נעבעך געצוואונגען געווען צו לאָזן דעם שוחט ווייטער שעכטן?!

גענוג צו שטעלן די דאָזיקע פראַגע, כדי ס׳זאָל פון איר אַרויסשרייען ניט נאָר אונזער היימלאָזע־טראַגעדיע, נאָר אויך די קולטור־מדרגה פון די קולטורעלסטע פעלקער פון אונזער עפּאָכע.

ס׳זיינען געוויס געווען אויסנאַם־פאַלן, ווען איטאַליענישע מאַטראָסן האָבן געראַטעוועט אידן פון פאַרזונקען ווערן אין די טיפענישן פונם שוואַרצן ים, ווען טערקישע פויערים האָבן געהאָדעוועט אידישע פליכטלינגע, ווען נאָך פיל מאַטערנישן האָט מען צוגעלאָזט די שיפן אין האַפן. ענגלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן געוויס אַריינגעלאָזט צענדליקער טויזנטער פליטים. ליידער, ווערן די דאָזיקע אַלע פאַלן בטל בששים פון האַרצלאָזיקייט.

10

אם אשכחך, גלות, תשכח ימיני!

(אַ שבועה פון קבוצה־קינדער ביי
אַ באַגעגעניש מיט פליטים־קינדער)

וואָס מער מען טראַכט זיך אַריין אין די געשעענישן פון דער צווישן־מלחמה־צייט, אַלץ מער קומט מען צו דער איבערצייגונג, אַז ווי הימל־רייסנדיק ס'זאָל ניט זיין די היטלער־אַכזריות אין אַלע פרטים, אין איר תוך שבתוך, איז זי נאָר אַ ווייטערע אַנטוויקלונג פון רדיפות און גגישות, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין פיל לענדער. געוויס איז פאַראַן אַ גרויסער חילוק צווישן הרג'ענען צענדליקער אָדער הונדערטער אידן און אויסקוילן מיליאָנען אידן; צווישן טרייבן אידן דורך עקאָנאָמישן באָיקאָט און דורך פאַר־סמ'ען דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן מיט אָנפאַלן און פיקעטן און דעפּאָרטירן הונדערטער טויזנטער אידן אויף צוואַנג־אַרבעט ביי די שרעקלעכסטע באַדינ־גונגען; צווישן ברענגען צו מאַטעריעלער און פסיכישער פאַרצווייפלונג מאַ־מעס, אַז זיי זאָלן זיין געצוואונגען צו שיקן קליינע קינדער אין די ווייטסטע לענדער אויף גאָט'ס און גוטע מענטשנ'ס באַראָט און כאַפּן קינדער אין די גאַסן און זיי ברענגען צו אַ גרענעץ און זיי לאָזן אין אַ „קיינעמס לאַנד" — דער חילוק איז אָבער פאָרט נאָר אין דער מדרגה פון אַכזריות און אינם גראַד פון מוט אויף באַהאַנדלען אידן, ווי ס'ווילט זיך. דער תוך פון דער אידישער טראַגעדיע איז אין אַלע פאַלן דער זעלביקער: מיר זיינען הפקר!

מיר ווילן דאָ זיך פאַרהאַלטן אויף דער פּראָבלעם קינד און עמיגראַציע. מען קאָן געוויס פרעגן: עמיגראַציע און קינדער — וואָס פאַר אַ סמיכות־הפרשיות זיינען דאָס? אָבער ביי דער אומנאָרמאַלער לאַגע פון אידישן פאָלק האָט זיך די פראַגע וועגן ראַטעווען כאָטש די קינדער, אויב ס'איז ניט מעגלעך גאַנצע פאַמיליעס אַרויסצוראַטעווען, געשטעלט ניט נאָר אין דייטש־לאַנד פון היטלער'ס הערשאַפט, נאָר אויך אין אַנדערע „נאָרמאַלע" לענדער. אין „פאָרווערטס" פון 22טן יוני 1939, לכן מער ווי צוויי חדשים פאַר דער

וואוהין גייען מיר?

מלחמה, געפינען מיר פאלגנדיק אינטערעסאנט בילד פון „האיאס״־ביורא אין ווארשע:

„א גרופע קינדער, א צוואנציק אינגלעך, גיבן באלד אינדערפרי א פאל אריין אין ביורא מיט א טומל און ליארם. דאס זיינען די יונגסטע עמי־גראנטן פון פוילן, פון עלף ביז פערצן יאר אלט. היינט אוונט פארן זיי אפ קיין אויסטראליע. דער אימיגראנטן־קאמיטעט אין מעלבורן, אויסטראליע, נעמט די קינדער אונטער זיין אויפזיכט.

צוועלף אינגלעך זיינען פון די מזרח־וואיעוואדשאפטן פון פוילן — פון בריסק, ראוונע, פינסק. אכט זיינען פון דייטשלאנד. מ׳האט זיי ארויסגע־לאזט פונם פליטים־לאגער אין זבאנשין. די קינדער זיינען א גאנצע נאכט געפארן פון זייערע היימען קיין ווארשע, דאך זיינען זיי פריש און מונטער. מיט דריי אינגלעך זיינען געקומען די מוטערס. די איבעריקע זיינען געקו־מען אליין.

יצחק מאיר גאלדבערג פון בריסק, 14 יאר אלט, איז א מאגער, פלינק אינגל מיט שווארצע לעבעדיקע אויגן. ער איז דער עלטסטער צווישן די בריסקער און אים האבן די עלטערן אנפארטרויט זייערע קינדער, ער זאל אויף זיי אכטונג געבן אין מעלבורן. זיין פאטער איז געווען א האלץ־זעגער הינטער בריסק און האט פארלוירן די ארבעט.

— וואס וועסטו טאן אין אויסטראליע? — פרעג איך דעם יונגסטן עמי־גראנט.

דער חברה־מאן שמייכלט שטיפעריש פון מיין נאאיווער פראגע.

— וואס איך וועל דארטן טאן, איז ניט וויכטיק. לאמיך נאר דארטן פריער זיין.

— און דו? — פרעג איך אן עלף־יאריקן עמיגראנט פון ראוונע. — וועסטו ניט בענקען אהיים נאך טאטע־מאמע?

ער פארוארפט דאס קעפל און פארטראכט זיך ווי א דערוואקסענער.

— די ערשטע צייט וועל איך אפשר בענקען, אבער דערנאך וועל איך „טרעבעווען״ (ארויסנעמען) מיינע עלטערן קיין אויסטראליע.

מיט דעם עלף־יאריקן מיכאל פאטשטער פון בריסק איז מיטגעקומען די מוטער. דאס קינד שטאמט פון אן אינטעליגענטער היים. די מוטער וויקלט אים ארום דעם האלז מיט א שאל און זאגט אים אן, אז ער זאל ניט לויפן אין דעם נייעם לאנד און ניט פארשוויצן זיך...

יעקב לעשצינסקי

דער ציטערדיקער מאַמע איז שווער זיך צו שיידן מיט איר קינד און זי זאָגט, ווי זי וואָלט געוואָלט זיך פאַרענטפערן:

— אין דער איצטיקער צייט, אַז מען קאָן אַרויסראַטעווען איין נשמה...

אַלע פאָרמאַליטעטן זיינען פאַרענדיקט. צוואַנציק אידישע אינגלעך, קליינע וואַנדערער, לאָזן זיך גיין אין עמיגראַנטן־הויז אונטער דער לייטונג פון ד״ר לעווינזאָן, וועלכער באַגלייט זיי ביז אויסטראַליע. אין דער עמי־גראַנטן־היים וועלן זיי אָפּעסן, אויסשלאָפן זיך און בײנאַכט וועלן זיי פאָרן צום האַפן פון גדיניע און פון דאָרטן אויף דער וויטער רייזע איבער די ימים.

צוואַנציק קליינע אידן לאָזן זיך אין דער וועלט אַריין זוכן נייע היי־מען...״

דאָס איז געווען פאַר דער מלחמה און ניט אין דייטשלאַנד, נאָר אין פוילן. און די באַשריבענע רייזע פון 20 אידעלעך, וואָס לאָזן זיך אין דער וועלט אַריין זוכן נייע היימען, ווי אויסטערליש זי קלינגט ניט, איז זי ניט געווען קיין איבערראַשנדיקע. בחורים עלטערע מיט אַ פּאָר יאָר פלעגן זיך לאָזן צופוס קיין ארץ־ישראל — און פיל פון זיי האָבן זייער ציל דערגרייכט. וואָן פאָסן דערציילט אין זיין בוך „דער פאַרגעסענער שותף״ וועגן אַזאַ אידיש בחור׳ל מישאַ, וועלכער איז נעלם געוואָרן פון דער עלטערן־היים און זיבן חדשים האָבן די עלטערן פון אים ניט געהערט. ענדלעך איז פון אים געקומען אַ בריוו פון ארץ־ישראל, אַז ער אַרבעט און זאַמלט געלט אויף ברייגען די עלטערן אַהין.

געוויס האָט אין פאַל פון די פוס־גייער קיין ארץ־ישראל גאָר אַ גרויסע ראָלע געשפּילט אידעאַליזם, דער ווילן זיך צו באַטייליקן אינם אויפבוי פון אַ היים פאַרן אידישן פאָלק. מיר מיינען אָבער, אַז מיר וועלן אַבסאָלוט ניט באַליידיקן דעם הויכן אידעאַליזם פון דער אידישער יוגנט פון פוילן, אויב מיר וועלן זיך דערלויבן די באַהויפּטונג, אַז אין יסוד פון דעם קאָלעקטיווון אידעאַליזם פון דער דאָזיקער יוגנט, הן בנוגע ארץ־ישראל און הן בנוגע רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר פרייהייט אויפן אָרט, איז געלעגן איר פאַרצווייפלטע לאַגע, איר אויסזיכטלאָזיקייט, די הריגות און קלעפּ אין די פוילישע אוני־ווערזיטעטן, דאָס אויסשליסן פון דער אידישער אינטעליגענץ פון אַלע אַל־געמיינע קולטורעלע און וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס; ענדלעך די שרעק־לעכע אַרבעטלאָזיקייט און דאָס פעלן פון וועלכער ס׳ניט איז האָפענונג אויף בעסערע צייטן. עמיגראַציע איז דעריבער געווען איינער פון די איב־

טימע טרוימען ניט נאָר פון דער אידישער יוגנט אין פּוילן [און אויך אין רומעניע און אונגאַרן, און אין ליטע און אין לעטלאַנד], נאָר אויך פון די אידישע מינדעריאָריקע קינדער — שוין צו 10 יאָר האָט דאָס אידישע קינד אין די דאָזיקע אַלע אויסגערעכנטע לענדער געהערט די זיפצן און קרעכצן פון די עלטערן איבער דעם פאַרשאָלטענעם גורל, אויף וועלכן די קינדער זיינען פאַרמשפּט. און אויב פון פּינסק, ראָוונע און בריסק זיינען געפאָרן נאָר 12 אידישע קינדער פון 11 ביז 14 יאָר צו אַבסאָלוט פרעמדע מענטשן אין אַ וויטן לאַנד, אָן האָפענונגען איינגיכן זיך צו זען מיט די עלטערן, איז דאָס געווען ניט מחמת ס'האָבן געפעלט קאַנדידאַטן אויף אַזאַ רייזע. מיר זיינען איבערצייגט, אַז קאַנדידאַטן זיינען געווען אין די טויזנטער — איינוואַנדערונגס-מעגלעכקייטן האָבן געפעלט! און ווער ס'איז באַקאַנט מיט דעם האַרץ פון אַ אידישער מאַמע און מיט דער צוגעבונדנקייט פון אַ אידישן טאַטע צו זיין פאַמיליע, דער וועט גרינג פאַרשטיין, ווי טיף ס'האָט געמוזט זיין די פאַרצווייפלונג און האָפענונגלאָזיקייט פון די עלטערן, וועלכע האָבן זיך אָנטשלאָסן עלף-יאָריקע קינדער צו פאַרשיקן אַזש קיין אויסטראַליע. און זאָל צוגעגעבן ווערן, אַז אויף די שוואַכע, יונגע פּלייצעס פון די דאָזיקע עלף-יאָריקע אידישע קינדער-וואַנדערער האָבן די עלטערן אַרויפגעלייגט זייער אייגענעם גורל — די עלטערן האָבן אַרויסגעקוקט, אַז די דאָזיקע קינדער-וואַנדערער זאָלן שפּעטער זיי אַרויסרייסן פון דעם פּוילישן תהום, פון אידישן דלות און אידישער האָפענונגלאָזיקייט.

אָבער דאָס אַלץ איז דאָך נאָך געווען אין די לאַנג-פאַרגאַנגענע גאָלדענע צייטן און אין די גן-עדן-לענדער! דעם אידישן קינד איז באַשערט געווען איבערצולעבן פיל שווערערע צייטן און זוכן מיט מער פיבער און מיט מער פאַרצווייפלונג אַ היים פאַר זיך — און אויב ניט אַ היים, איז כאָטש אַ מקום-מקלט, אַ נאַכט-געלעגער, אַ סטאַנציע אויף איבערכאַפּן דעם אָטעם פון די אוממענטשלעכסטע פאַרפאָלגונגען און פּייניקונגען, — אָבער גלייך מיט די דערוואַקסענע טאַטעס און מאַמעס האָבן אויך די יונגסטע אידישע קרבנות זיך אָנגעשטויסן אויף פאַרשלאָסענע טויערן, אויף פאַרשטאָפּטע הערצער, אויף אייז-קאַלטע נשמות. און זייער פינסטערער גורל איז ניט געווען פיל ליכטיקער און גרינגער פון דעם שיקזאַל פון זייערע פאַרשאָלטענע עלטערן.

מיר וועלן פּרוּוון אויפדעקן דאָ אַ קליין ווינקעלע, אַ טויזנט-חלק'ל מסתמא פון דער כסא-הכבוד-אויפטרייסלענדיקער טראַגעדיע פון אידישן

קינד — פון אַ טראַגעדיע, וועלכע וועט געוויס בלייבן דער גרעסטער שאַנד־פלעק פון אונזער עפּאָכע.

די פּאָגראָמען אין דייטשלאַנד אין די נאָוועמבער־טעג פון יאָר 1938 האָבן ענדלעך געעפנט די אויגן פונם בלינדן דייטשן אידנטום — זיי האָבן ענדלעך זיך אָנגעשטויסן, וואָס היטלעריזם מיינט, און פאַרשטאַנען, אַז מען מוז זיך וואָס גיכער אַרויסראַטעווען פונם היטלער־גיהנום, און אויב ס׳איז ניט מעגלעך צו ראַטעווען אַלע, מוז מען זען כאָטש די קינדער אַרויסצורייסן פון צווישן די שאַרפע ציין פון די חיות־רעות. און אָט איז אַ בילד פון דער לאַגע ביי דער האָלענדישער גרענעץ סוף יאָר 1938:

„די האָלענדישע גרענעץ איז געוואָרן אַן אָרט פון טרערן... ס׳איז ניט פאַראַן קיין טאָג, אַז ס׳זאָלן ניט שטראָמען צו די גרענעצן הונדערטער אידישע קינדער פון דייטשלאַנד און זיך בויגן, בעטנדיק רחמנות ביי די מע־נער אין אוניפאָרם, אַז מען זאָל זיי אַריינלאָזן קיין האָלאַנד. די דאָזיקע מע־נער האָבן אָבער באַקומען אַ באַפעל צו זיין שטרענג צו יעדן איינעם, ווע־מענס פּאַפּירן זיינען ניט „אין אָרדענונג״. הונגעריקע, פאַרפרוירענע, אַליין, אָן טאַטע־מאַמע, שלעפּן זיי זיך צופוס צו דער גרענעץ. זיי שטייען פאַר דער גרענעץ־וואַך, דער טאַטע אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, די מאַמע ערגעץ־וואו אויסבאַהאַלטן. קיין היים האָבן זיי ניט. ס׳שטייען ציטערנדיקע און וויינענדיקע קינדער — 10־, 12־, 13־יאָריקע. זיי בעטן רחמים: „לאָזט מיך אַדורך! צו אַ שוועסטער, צו אַ ברודער, צו אַ קרוב, צו קיינעם ניט, אַבי אַדורך!״ (הערמאַן בלייך, די טראַגעדיע פון די דייטשע פּליטים־קינדער ביי די האָלענדישע גרענעצן, אין „פאָרווערטס״ פון 26טן דעצעמבער 1938).

אין עטלעכע טעג אַרום איז אין אַלע אידישע צייטונגען געווען פאַר־עפנטלעכט אַ טעלעגראַם פון ווין מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט: האַרצרייסנדיקע סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט נעכטן ביים וואָקזאַל פון ווין, ווען 560 קינ־דער האָבן פאַרלאָזט זייערע היימען, זייערע עלטערן, זייערע קרובים און חברים, און פאַר׳יתומ׳טע זיך געלאָזט אין דער וועלט אַריין זוכן אַ היים. די נאַצי־פּאָליציי האָט ניט צוגעלאָזט די עלטערן צום וואָקזאַל צו געזעגענען זיך מיט זייערע קינדער, מיט וועלכע זיי וועלן אפשר שוין קיינמאָל זיך ניט זען. צוואַנציק אידישע פרויען, וועלכע האָבן באַקומען שטעלעס אין ענגלאַנד און אין האָלאַנד אַלס דינסטן, וועלן באַגלייטן די 560 קינדער, 400 אינגלעך און 160 מיידלעך פון 3 ביז 17 יאָר. ניט ווייט פונם וואָקזאַל האָבן זיך די על־

וואוהין גייען מיר?

טערן געהאַלזט און געקושט דאָס לעצטע מאָל מיט די קינדער. פיל מוטערס האָבן געחלשט. איין מוטער איז געפאַלן טויט, ווען זי האָט געגעבן דעם לעצטן קוש איר פינף־יאָריקן קינד.

פאַר דער מלחמה און פאַרן באַשלוס פון דער היטלער־רעגירונג צו ליקווידירן דאָס אייראָפּעאישע אידנטום אויף אַ דירעקטן אופן, האָט מען נאָך געהאַנדלט „הומאַן" און נאָר געבראַכט צו דער גרענעץ אידישע קינדער, זיי אַריבערגעוואָרפן אין אַ פרעמד לאַנד אָדער אין „קיינעמס לאַנד" און פטור. דעם 10טן יאַנואַר 1939 איז אין די אידישע צייטונגען דערציילט געוואָרן די שרעקלעכע געשעעניש מיט די 6 אידישע קינדער, וועלכע די דייטשע פּאָליציי האָט עטלעכע מאָל אַריבערגעוואָרפן קיין האָלאַנד און די האָלענדישע פּאָליציי האָט זיי געשיקט צוריק. דער סוף פון דער מעשה איז געווען פאַלגנדיקער: „די זעקס אידישע קינדער זיינען פאַרפאַלן געוואָרן און מען ווייס ניט, וואו זיי זיינען אַהינגעקומען".

אין פעברואַר 1939 איז בעלגיע אויפגעשווידערט געוואָרן פון אַ „מתנה", וועלכע די דייטשע נאַצי־פּאָליציי האָט איר צוגעשיקט: זי האָט גענומען 35 אידישע קינדער פון 7 ביז 12 יאָר, זיי אַריינגעפּאַקט אין אַ וואַגאָן און זיי אַריינגעשיקט קיין בעלגיע. די זשאַנדאַרמען האָבן די קינדער אָנגעהאָדע־וועט, זיי פריינטלעך אויפגענומען, אָבער שפּעטער זיי אָפּגעשיקט צוריק קיין דייטשלאַנד. צום גליק האָט די בעלגישע פּרעסע און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אויפגעהויבן אַזאַ פּראָטעסט, אַז ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט צו ראַטעווען אידישע קינדער פון דייטשלאַנד.

פאַר מיר ליגן אויסשניטן פון צייטונגען פון יאָר 1939, וועלכע דער־ציילן כמעט יעדע וואָך וועגן פּאַרטיעס אידישע קינדער, וועלכע וואַגלען פון דייטשלאַנד, פון עסטרייך, פון טשעכאָסלאָוואַקיי, פון דאַנציק אין דער גאַרער וועלט אַריין, דער עיקר קיין ארץ־ישראל, קיין ענגלאַנד און טיילוויז קיין האָלאַנד און בעלגיע. אָט זיינען אַ פּאָר ציטאַטן פון אַ וואַרשעווער צייטונג וועגן דאַנציקער וואָקזאַל:

„אַ סך מוטערס זיינען שוין געשטאַנען דאָ צום צווייטן מאָל. מיט צוויי מאָנאַטן צוריק האָבן זיי באַגלייט זייערע קינדער צום טראַנספּאָרט קיין ארץ־ישראל און איצט קיין ענגלאַנד.

— איך שיק אַוועק מיינע לעצטע קינדער, — האָט איין מוטער געזאָגט,

— איינס האָב איך געשיקט מיט דער יוגנט־עליה קיין ארץ־ישראל, דאָס צווייטע מיט דער שיף, וואָס וואַנדערט אַרום איבער ימים, און איצט מיינע לעצטע צוויי...

אַ מיידעלע פון 8 יאָר טוליעט זיך צו דער מוטער און וויינט. מוטער און פאָטער פירן זייער 10־יאָריק אינגעלע; ביידע האַלטן אים ביי דער האַנט:

— אונזער לעצט קינד; ווער ווייס, צי מיר וועלן נאָך אַמאָל אונזער קינד זען".

ווייטער גייט די באַשרייבונג, ווי מען איז געפאַלן חלשות און ווי מען האָט געוויינט און געקלאָגט און דאָך געווען גליקלעך, וואָס מען שיקט אַוועק די קינדער.

מיר האָבן געבראַכט די ידיעות פון פאַר דער מלחמה און פון דער צייט, ווען ענגלאַנד, בעלגיע און האָלאַנד האָבן ווירקלעך פיל, זייער פיל געטאָן פאַר די אידישע קינדער. אָבער זאָל צוגעגעבן ווערן, אַז ענגלאַנד האָט געשטעלט אַ בפירוש'ן תנאי, אַז די עלטערן טאָרן ניט קומען באַזוכן זייערע קינדער.

דער גירוש פון אידישע קינדער אין 1939 איז געווען פון די לענדער, וואו די דייטשן האָבן דעמאָלט געוועלטיקט: פון דייטשלאַנד, עסטרייך, פראַ־טעקטאָראַט און דאַנציק. אינגאַנצן זיינען דעמאָלט געווען אין די דאָזיקע אַלע לענדער ניט מער פון 350 טויזנט אידן. קינדער אין עלטער פון 4 ביז 17 איז געווען העכסטנס 45 אָדער 50 טויזנט — צי איז ניט געווען עלעמענ־טאַר נאַטירלעך צו האָפן, אַז וויניקסטנס איינס פון די אַמעריקאַנישע לענ־דער וועט אַרויסשפּרינגען און דערקלערן: פאַר קינדער, וועמען ס'דראָט טויט־סכנה, זיינען טיר און טויער אָפן! פאַר קינדער, וואָס ווערן אָפּגעריסן פון זייערע עלטערן, וואָס ווערן געוואָרפן אויף שיפן אָן אַ ריכטונג און אָן אַ באַשטימטן לאַנד־ציל, איז אונזער לאַנד אַ היים, אַ שוץ!

אָבער קיין לאַנד האָט זיך ניט געמאָלדן! אפילו דאָס דעמאָקראַטישסטע לאַנד האָט געשוויגן, כאָטש ס'האָ טאַקע אונטערגעשריבן די באַרימטע, גאָר הויך־קלינגענדיקע דעקלאַראַציע פונם פעלקער־בונד וועגן די הייליקע רעכט פונם קינד — פונם קינד אָן חילוק פון ראַסע, פאָלק, גלויבן! לייענט מען איצט די דאָזיקע דעקלאַראַציע, וועלכע איז סעפּטעמבער 1924 איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן פון אַלע מיטגלידער פונם פעלקער־בונד און איז שפּע־טער אָנגענומען געוואָרן פון כמעט אַלע איבעריקע פעלקער פון דער וועלט,

וואוהין גייען מיר?

ווילט זיך ניט אַנדערש ווי אויסשרייען: חילול השם! חילול פון דעם באַשעפעניש, וואָס טראָגט דעם צלם אלוקים! חילול פון ווערטער, וועלכע האָבן אויך געדינט דעם רבונו־של־עולם אויסצושרייען פונם הימל די עשרת־הדברות! ווי שיין ס'האָט געקלונגען די דאָזיקע דעקלאַראַציע, וועלכע האָט פעסטגעשטעלט, אַז יעדעס קינד פון דער גאַרער וועלט, פון גאַרע פעלקער, האָט רעכט ניט נאָר אויף אַ דאַך איבערן קאָפּ, ניט נאָר אויף עסן צו זאַט און באַקומען אַ רפואה אין קרענק־פאַל, נאָר אַפילו אויף לעבנס־תנאים, וואָס זאָלן אים געבן אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען אַלע זיינע טאַלאַנטן און פעאיקייטן, וועלכע די נאַטור האָט אים געשענקט. און אָט איז געקומען אַ פאַל, אַ הימל־שרייענדיקער פאַל, אַ פאַל ניט צו טראַכטן וועגן זאַטקייט אָדער גאָר וועגן אַנטוויקלונגען פון טאַלאַנטן, נאָר פשוט, עלעמענטאַר צו ראַטעווען דעם נפש פונם שאַרפן מעסער פונם אכזריות'דיקסטן מערדער אין דער וועלט — און מען האָט באַנקראָטירט! אַלע אַן אויסנאַם, וואָרום אַפילו די, וואָס האָבן געהאָלפן, האָבן דאָך געהאָלפן אויפן שפּיץ־מעסער, נאָר כדי יוצא צו זיין, נאָך ביוראָקראַטישע פאַרשלעפּונגען, וועלכע האָבן געקאָסט טויזנטער לעבנס; נאָך תנאים שטעלן, וואָס זיינען ווידער אַ שאַנד־פלעק פון אונזער פּינסטערער צייט, ווי למשל, אַז מאַמעס זאָלן ניט האָבן קיין רעכט צו קומען זיך זען מיט 4־יאָריקע און 5־יאָריקע קינדער!

אַזוי איז געווען די לאַגע ביז דער מלחמה — צום ערשטן סעפּטעמבער 1939 זיינען געווען נאָר אין פראַנקרייך 20 טויזנט אידישע קינדער, וועלכע מען האָט באַדאַרפט, מען האָט געזוכט אַרויסצופירן פון לאַנד, וואָס איז געשטאַנען ערב מלחמה, אָבער ס'האָט זיך לעכערלעך ווייניק איינגעגעבן. דאָס זיינען געווען יתומים פון שוין דערמאָרדעטע עלטערן אין דייטשלאַנד אָדער פון קאַנדידאַטן אויף דערמאָרדעט צו ווערן אין אַ דייטשן קאָנצענטראַציע־לאַגער, היימלאָזע קינדער, הפקר־קינדער, הכלל אידישע קינדער פון דער עפּאָכע ,וועלכע וועט אַריין אין דער אידישער געשיכטע, ווי די פינסטערסטע און ביטערסטע צייט אין אונזער גאַנצן גלות. חוץ דעם זיינען דאָך געווען אין פראַנקרייך העכער 300 טויזנט אידן, און דאָס הייסט, אַז זיי האָבן אויך געהאַט אויף זייערע הענט ניט ווייניקער פון 50 אָדער 60 טויזנט קינדער אין עלטער פון 4 ביז 16 יאָר. צו דער צייט פון דעם מיליטערישן דורכפאַל פון פראַנקרייך זיינען געווען דאָרטן בלתי־ספק אָרום 70 אָדער 75 טויזנט אידישע קינדער אין דערמאָנטן עלטער. נעמען מיר אָן, אַז 20 טויזנט האָבן אויסגעוואַנדערט מיט זייערע עלטערן אין די ערשטע צוויי יאָר פון דער

מלחמה, בלייבן נאָך אַלץ מער פון 50 טויזנט אידישע קינדער נאָר אין פראַנק־רייך, וועלכע מען האָט באַדאַרפט, ס׳איז געווען אַ הייליקער חוב, ווייל ס׳זיינען געווען גרויסע מעגלעכקייטן, — אַרויסצוכאַפּן פונם פייער. ביז דער באַזעצונג פון גאַנץ פראַנקרייך דורך די דייטשן זיינען פאַרגאַנגען מער פון צוויי יאָר — וויפיל וואָלט מען געקאָנט אויפטאָן אין די דאָזיקע 26 אָדער 27 חדשים! ווען פעלקער פון רייכע לענדער מיט אומענדלעכע רעזערוון פון ברויט און לעבנס־מיטלען בכלל וואָלטן וויפיל ס׳ניט איז אויפגעטרייסלט געוואָרן פונם געדאַנק, אַז ס׳איז דער גרעסטער און שווערסטער פאַרברעכן אי־בערצולאָזן קינדער אויפן גנאָד פון געשוואוירענע מערדער, פון חיות־רעות! אָבער מען האָט זיך ניט געכאַפּט — מען האָט באַשריבן טאָנען פּאַפּיר, כדי די צאָל קינדער, וואָס מען וועט אפשר מוזן אויפנעמען, זאָל זיין קלענער. מען האָט געפונען צענדליקער תירוצים און הונדערטער דריידלעך, כדי זיך אַרויס־צודרייען פונם עלעמענטאַרן מענטשלעכן חוב, פון דער הייליקער שבועה, וועלכע מען האָט געגעבן דורך חתמ׳ענען די זשענעווער דעקלאַראַציע.

און מען האָט זיך דערוואָרט ביז היטלער האָט אָנגעהויבן דעפּאָרטירן צענדליקער טויזנטער אידישע טאַטעס און מאַמעס, דעפּאָרטירן אין ריכטונגען פון וואַנען קיין צוריק איז ניט פאַראַן — און אין איין אויגוסט חודש 1942 נאָך אַ יאָגד אויף פאַריזער אידן — זיינען געבליבן 4,000 אידישע קינדער אויף הפקר. היטלער האָט גאָר גיך באַקומען אַ געטרייען געהילף אין לאַוואַל׳ן, און מיט געמיינזאַמע כוחות האָט מען זיך גענומען אויסראָטן אידי־שע קינדער. טויזנטער אידישע קינדער זיינען געשטאָרבן פון הונגער, שרעק און יתומ׳קייט. טויזנטער אַנדערע גליקלעכערע אידישע קינדער זיינען צוגענומען געוואָרן אין הומאַנע קריסטלעכע הייזער, וואו זיי ווערן דער־צויגן, מיר ווייסן ניט אין וועלכן גייסט, און מיר ווייסן אויך ניט, צי מיר וועלן זיי בכלל באַקומען צוריק, און אין וואָסער אַ גייסטיק־פּסיכישן צו־שטאַנד מיר וועלן זיי באַקומען. וויפיל זיינען געראַטעוועט געוואָרן? מיר פאַרמאָגן ניט קיין גענויע ציפערן, אָבער אויפן סמך פון אַ שמועס מיטן פירער פון אָז״ע, דאָקטאָר וואָולמאַן, וועלכער איז דער בעסט־אינפאָרמירטער מענטש אין דעם פּרט, זיינען מיר געקומען צ ודער איבערצייגונג, אַז אפשר, אפשר האָט מען אַרויסגעראַטעוועט 5 אָדער 6 טויזנט אידישע קינדער פון פראַנקרייך.

אָט איז אַ מיניאַטור־בילד פון אַ געראַטעוועטער גרופּע קינדער, וועלכע

וואוהין גייען מיר?

דאָקטאָר י. כאַמסקי, דער פאַרטרעטער פון אָז״ע, האָט געבראַכט קיין אַמע־ריקע:

„פינף קינדערלעך זיינען געווען אין אונזער טראַנספּאָרט, ברידער און שוועסטער, קיילעכיקע יתומים — אָן אַ פאָטער און אָן אַ מוטער. דער פאָ־טער איז פאַרפייניקט געוואָרן דורך די נאַציס אין בוכענוואַלדער קאָנצענטראַ־ציע־לאַגער און די מוטער איז געשטאָרבן אין אַ פראַנצויזישן לאַגער אין זשער. האַלטן זיך די קינדער צוזאַמען, ווי אַ קליין משפחה׳לע — אָן אָפּ־געזונדערט, טרויעריק משפחה׳לע פון דריי מיידעלעך און צוויי אינגעלעך. דאָס יונגסטע מיידעלע איז זיבן יאָר אַלט. זי איז דער יונגסטער גליד אין דעם משפחה׳לע. דער עלטסטער איז אַ 15יאָריק אינגעלע. זיי זיינען זייער פרום און עסן ניט קיין פלייש אויפן שיף. די צוויי אינגלעך גייען יעדן טאָג צום מנין, וואָס די דייטשע אידן האָבן אָרגאַניזירט אין סאַלאָן פון ערשטן קלאַס. זיי זאָגן הויך און קלאָר: „יתגדל ויתקדש...״

אַלע פרומע אידן אויף דער שיף ווערן דאַן מיט אַמאָל שטיל און הערן זיך צו צום קדיש פון די יתומים׳לעך. מען רעדט מער ניט צווישן זיך. אַפילו דער חזן וואַרט לאַנג ביז די יתומים׳לעך ענדיקן.

ביידע עלטערע קינדער, דער ברודער און די שוועסטער, לאַכן קיינמאָל ניט. שפּילט מען מוזיק פאַר די קינדער, גייען זיי אַרויס פונם זאַל, נעמען מיט זיך מיט די יונגערע יתומים׳לעך און פאַרענטפערן זיך פאַר אונז:

— מיר טאָרן ניט זיין פריילעך...״ („פאָרווערטס״, 12טער יולי, 1941).

די טעג האָט אָז״ע באַקומען אַ גענויעם באַריכט פון דער שווייץ איבער דער לאַגע פון די אידישע קינדער אין פראַנקרייך — דאָס איז אַ הימל־רייסנדיקער דאָקומענט. דאָס איז אויך אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן אונז אַלע, און נאָך מער קעגן די, וועלכע זיינען געווען אימשטאַנד צו ראַטעווען און זיינען אַזוי רואיק געשלאָפן די נעכט און אַזוי רואיק אין די טעג געהערט וועגן די טויט־סכנות פאַר צענדליקער און הונדערטער טויזנטער אידישע קינ־דער און זיך ניט גענומען צום הארצן, און דעריבער גאָרניט אָדער כמעט גאָר־ניט געטאָן אום צו ראַטעווען די קינדער, וועלכע האָבן, לויט דער שבועה־דעקלאַראַציע פון פעלקער־בונד, די הייליקע רעכט אויף אַלץ — אויף אַ גוטער וואוינונג, אויף זאַט עסן, אויף רפואות און דאָקטוירים און אַפילו אויף אויסוואַקסן און ווערן געבילדעטע מענטשן. אין קליינקייט האָט אין אונ־זער פאָל געפעלט: ווי מאַכט מען, אַז די אידישע קינדער זאָלן לעבן בלייבן

און זאָלן אַמאָל קאָנען געניסן פון די הייליקע רעכט, וועלכע אַלע פעלקער פון אַלע פינף קאָנטינענטן האָבן זיי צוגעזאָגט נאָך אין יאָר 1924.

נאָכדעם ווי די דייטשע מערדער מיט דער הילף פון די פראַנצויזישע קנעכט האָבן דעפּאָרטירט די עלטערן קיין פּוילן, און מסתמא אויף יענער וועלט, האָבן זיי זיך האַרבסט 1943 גענומען פאַר די אידישע קינדער. זיי איז געווען ווייניק, וואָס די אידישע קינדער זיינען אין פראַנקרייך אויסגע־שטאָרבן מאַסנווייז, אין קאָלאָניעס און אין פּריוואַטע הייזער; דער שטאַרב־פּראָצעס איז פאַר די השגות פון די דייטשע און פראַנצויזישע באַרבאַרן גע־גאַנגען צו לאַנגזאַם — האָט מען זיך גענומען צונויפנעמען און צונויפשלעפּן די רעשט פון די אידישע קינדער און זיי דעפּאָרטירן אין דער זעלביקער ריכ־טונג, וואָס פריער מיט אַ יאָר און צוויי די עלטערן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָ רעדט זיך ניט אַפילו אין איין און איינציקן פאַל וועגן אַ רצון אומצוקערן אידישע מאַמעס זייערע קינדער אָדער אומקערן אידישע קינדער זייערע מאַ־מעס און טאַטעס. אַזוי הויך זיינען נאָך ניט געפאַלן די אונטער־מענטשן פון היטלער׳ס און לאַוואַל׳ס אמונה — זיי זיינען אויסגעהאַלטן און פּרינציפּ־טריי און טוען זייער אַרבעט באַטראַכט און אויסגערעכנט: קליינע קינדער קאָנען סוף־כל־סוף אויסלעבן און איבערלעבן אַלע עינויים־קשים און ווערן דערוואַקסענע. כדי דאָס צו פאַרהיטן, האָט מען זיך גענומען צו די אידישע קינדער. און ס׳גייט די דעפּאָרטאַציע פון די קליינע אידעלעך מיט דעם זעלביקן טעמפּ, ווי די דעפּאָרטאַציע פון די גרויסע אידן איז געגאַנגען.

מיר האָבן גערעדט נאָר וועגן די אידישע קינדער אין פראַנקרייך, ווייל דאָ זיינען די רעטונג־מעגלעכקייטן געווען זייער גרויס, און נאָר די אייז־קאַלטע באַציאונג פון דער וועלט האָט דערלאָזט, אַז פיל טויזנטער אידישע קינדער זאָלן אומגעבראַכט ווערן אָדער אומקומען אַ דאַנק די אוממענטשלעכע באַ־דינגונגען, אין וועלכע זיי זיינען געווען געשטעלט. מיר שטעלן זיך דאָ גאָר־ניט אָפּ אויפן מאָרד פון הונדערטער טויזנטער קינדער צו מזרח צו פון די דייטש־פּוילישע גרענעצן, ווייל דאָס גייט ניט אַריין אין אונזער טעמע, וועלכע באַהאַנדלט די טראַגעדיע פון היימלאָזיקייט, פון הפקר־לאַגע פון אידן אין גלות, פון פאַרשפּרייטע טויערן פאַר אידישע קינדער, ווען ממש דער חלק ליגט אויפן האַלז, פון זוכן אַ נאַכט־געלעגער פאַר 4־יאָריקע און 5־יאָריקע אידישע קינדער, און ניט געפינען אים.

שטעלט מען זיך די פראַגע, וואָס איז די הויפּט־סיבה, וואָס האָט גע־

וואוהין גייען מיר?

מאַכט אַזוי קאַלט די פעלקער פון אַמעריקע, אַז מען האָט געמוזט זיך דינגען חדשים און אַפּט יאָרן, אום אויסצוקליאַנטשען און אויסבעטלען עטלעכע הונ־דערט וויזעס, אָבער תמיד מיט אַזאַ פאַרשפּעטיקונג, אַז ס׳איז שוין אומ־מעגלעך געווען זיי אויסצונוצן, — ווילט זיך אונז זיין גראָב־אָפּנהאַרציק און זאָגן בקול רם אַלץ, וואָס מיר טראַכטן: די מורא, טאָמער, חלילה, וועלן די דאָזיקע קליינע אידעלעך אויסוואַקסן און פאַרגרעסערן די אידישע באַפעל־קערונג, אַלזאָ די אידישע קאָנקורענץ!! פאַרשטייט זיך, אַז מען קאָן אָנ־ווייזן אין יעדן לאַנד נאָך אַנדערע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, געזעלשאַפט־לעכע און נאָך פאַרשיידענערליי סיבות, וועלכע וואַרפן זיך מער אין די אויגן און ווערן טאַקע אָפט אָנגעגעבן, בעת אונזער אַרויסגעזאָגטע סיבה ווערט פאַרשוויגן. און דאָך זיינען מיר טיף איבערצייגט, אַז די סיבת כל הסיבות, די פאַרשטעקטסטע, אָבער די סאַמע ווירקנדיקסטע סיבה, איז די מורא, טאָ־מער לעבן איבער די קליינע אידישע איינוואַנדערער אַלע צרות און אַנגסטן און ווערן דערוואַקסענע און וועלן שפּעטער מיט 10 אָדער 20 יאָר, חלילה, אַרי־בערשפּרינגען די הייליקע קוואָטע, וועלכע מען קלייבט זיך גאַרניט ווען ס׳ניט איז אָפּצושאַפן, יעדנפאַלס ניט אין אַזאַ טעמפּ, ווי די קליינע אידע־לעך קאָנען וואַקסן או זווערן גרויסע.

לויט בערכ׳דיקע רעכענונגען, האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצוראַטעווען פון די נעגל פון די היטלער־חיות פון אַלע לענדער — פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד, דענמאַרק, אונגאַרן, רומעניע, פּוילן, סלאָוואַקיי, בולגאַריע — אַרום 10 טויזנט אידישע קינדער. צוויי דריטל פון די דאָזיקע קינדער האָט גע־נומען ארץ־ישראל און איין דריטל אַלע איבעריקע לענדער פון דער וועלט, אַריינגערעכנט ענגלאַנד. לכן שוין איצט, נאָך איידער ארץ־ישראל איז גע־וואָרן אידיש זעלבשטענדיק, נאָך איידער אידן זיינען געוואָרן די אַליין־בעלי־בתים איבער דעם דאָזיקן לאַנד, בעת ס׳איז נאָך מעגלעך געווען די מעשה־מאַאוריציוס, האָט דאָס דאָזיקע קליינע לאַנד געגעבן אַ היים צוויי מאָל מער אידישע קינדער, ווי אַלע לענדער פון דער גאַרער וועלט צוזאַמען.

אָבער ווי וויכטיק ס׳איז ניט צו ראַטעווען דעם קינדער־גוף — אפשר ניט ווייניקער וויכטיק איז צו ראַטעווען אויך זייערע נשמות. געבן זיי אַ סביבה, וועלכע זאָל זיי וואָס גיכער און וואָס אינטענסיווער אַרויסרייסן פון דער קאָשמאַרן־וועלט, פונוואַנען זיי קומען, און זיי מאַכן אַריינלעבן אין אַ נייער וועלט, וועלכע זאָל ווי אַמטיפּסטן פאַרהיילן די וואונדן, וועלכע מוזן

זיין אויף יעדער אידישער קינדערשער נשמה פון איראָפּע; הכלל, געבן זיי אַזעלכע באַדינגונגען, אַז זיי זאָלן ניט נאָר גלאַט לעבן בלייבן, נאָר זיי זאָלן אויך קאָנען הנאה האָבן פונם לעבן, זיי זאָלן אויך קאָנען ווערן געזונטע און נוצלעכע גלידער פון דער געזעלשאַפט און גאַנצע און גליקלעכע גלידער פון אידישן פאָלק — אָט די מתנה האָט זיי געקאָנט געבן נאָר און אויס־שליסלעך ארץ־ישראל.

מיר וואָלטן באַדאַרפט אָנשרייבן אַ גאַנצן בוך, ווען מיר וואָלטן געוואָלט וויפיל ס׳ניט איז אויספירלעך דערציילן, ווי מען באַגעגנט אידישע גלות־קינדער אין ארץ־ישראל; ווי די קינדער ווערן פון ערשטן מאָמענט שוין אַריינגעצויגן אינם ליד און טאַנץ פון אַ באַפרייטן פאָלק; ווי דאָס גאַנצע לאַנד לעבט טעג און וואָכן מיט די ניי־אָנגעקומענע קינדער; ווי די קינדער ווערן ווי פאַר׳כישוף׳ט פון דער אומענדלעכער ליבע און אויפמערקזאַמקייט און נאָך מער פון דער איבעראַשנדיקער נייקייט פון אַלץ, וואָס זיי זעען דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן און וואָס זיי האָבן זיך אַפילו אין חלום ניט גע־קאָנט פאָרשטעלן; ווי די גלות־קינדער ווערן גאָר גיך אַריינגעגלידערט אין אַן אייגענער קינדער־געזעלשאַפט או זאַריינגעוואַקסן אין אַ וואַרעמער פאַ־מיליע־סביבה; ווי דער לעבנס־אַפּעטיט פון די דערשלאָגנסטע און דעפּרי־מירטסטע קינדער וואַכט גיך אויף און דער אינסטינקט פון מלחמת־הקיום הויבט אָן אויספילן זיינע געזונטע נאָרמאַלע פונקציעס; און ענדלעך, ווי די ארץ־ישראל־קינדער נעמען אויף מיט האַרציקער ליבע די גלות־חברים און ווי די גלות־קינדער ווערן צוגעקלעפּט צו די נייע ברידערלעך און שוועס־טערלעך — פאַר דעם אַלעם האָבן מיר ניט קיין פּלאַץ. מיר וועלן זיך מוזן באַגניגענען מיט אַ פּאָר ציטאַטעס, וועלכע וועלן אונז כאָטש וויפיל ס׳ניט איז איבערטראָגן אין יענער ארץ־ישראל־וועלט, וועלכע באַטייט היים אין טיפסטן זין פון וואָרט פאַר די היימלאָזסטע פון דער גאַנצער וועלט:

„ווען מען וואָלט געקאָנט, וואָלט מען זיי דאָ געטראָגן אויף די הענט די קינדער־פּליטים. אין דעם האַרציקן קבלת־פּנים האָט דער ישוב אַריינ־געלייגט אַלץ: זיין טיפן טרויער, זיין ווייטאָג איפן גורל פון פאָלק און זיין גרייטקייט אויפצונעמען יעדן געראַטעוועטן.

„פון טעהעראַן זיינען די קינדער געפאָרן איבער אינדיע און אָנגעקומען זיינען זיי צום סועץ, וואו ס׳האָבן שוין אויף זיי געוואַרט די פאָרשטייער פון דער אידישער אַגענץ און פון דער יוגנט־עליה. ערגעץ אין דער מדבר,

וואוהין גייען מיר?

וואו ס'האָב געהאַלטן וואָך אידישע זעלנער פון דער אינזשענערן־אָפּטיילונג פון דעם „סולל בונה", איז דערגאַנגען די בשורה, אַז אידישע קינדערלעך פונם ווייטן פינסטערן גלות קומען אָן צום האַפן. זייער ביוראָ און זייער עס־זאַל זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פריילעכע וואַרשטאַטן, וואו מען האָט זיך גענומען גרייטן מתנות פאַר די קינדער. נאָך אַ שווערן אַרבעט־טאָג האָבן זיך די אידישע זעלנער גענומען נייען זעקעלעך מיט אַן אויפשריפט: „ושבו בנים לגבולם". און אין די זעקעלעך האָט מען אַריינגעלייגט שאָקאָלאַד, קיכלעך, פרוכטן, און דערביי אַ קורץ, האַרציק בריוועלע פון יעדן סאָלדאַט באַזונדער. חוץ דעם האָבן זיי צוגעגרייט אַ גרויסע מאַסע בלוי־ווייסע פענד־לעך פאַר די קינדער.

„די שיף דערנענטערט זיך צום ברעג, און אָט דערזעט מען אַן אומפאַר־געסלעך בילד. הונדערטער אידישע קינדערלעך שטייען אויפן דעק פון שיף און זינגען התלהבות'דיק ארץ־ישראל־לידער.

„— איך בין געוווינט צו רירנדיקע סצענעס ביים אַראָפּנעמען עולים פון פאַרשיידענע שיפן, אָבער אַזאַ רירנדיקן מאָמענט האָב איך נאָך אין מיין לעבן ניט איבערגעלעבט — זאָגט צו מיר ה. יפה, דער פאַרשטייער פון דער אידישער אַגענץ.

„די ענגלישע ציווילע און מיליטערישע מאַכט אין האַפן וויזט אַרויס אַ האַרציקע מענטשלעכע באַציאונג צו די פליטים־קינדער. מען גרייט צו אַ מאָלצייט פאַר די קינדער אין אַ ריזן־זאַל. מען גרייט צו מכל טוב: גרינס, זופּ, פלייש, פרוכטן.

„ אַ שעה שפּעטער גייען שוין די קינדער צו דער באַן־סטאַנציע. דאָ שטייען שוין די סולל־בונה־זעלנער מיט די מתנות. די שמחה פון די קינדער איז ניט צו באַשרייבן. מיט די פאַכנדיקע בלוי־ווייסע פענדלעך פאָרן זיי אָפּ קיין ארץ־ישראל. מיט צוויי צוגן פאָרן די קינדער. איידער דער ערשטער צוג גייט אָפּ, צעהילכט די לופט אַ שטורמדיקע „התקוה". די קינדער זינגען צוזאַמען מיט די זעלנער.

„שוין אין ארץ־ישראל. אומעטום, וואוהין די צוגן קומען אָן, איז אַ יום־טוב. יונג און אַלט קומען אַנטקעגן. אין חדרה טרעפן זיך די קינדער מיט פרוי טשערטאָק, וועלכע האָט פאַרבראַכט מיט זיי אין טעהעראַן. מען כאַפּט זיך אַרום און מען קושט זיך. די קינדער קומען קיין עתלית און צום ערשטן מאָל דערהערן זיך אין דעם דאָזיקן רעגירונגס־לאַגער פריילעכע גע־

זאַנגען. אַ וואַרעמע באָד פּרישט אָפּ די קינדער און נעמט צו די מידקייט פונם וועג. מען ברייינגט זיי פרישע וועש און קליידער. די באָרוועסע פיס פון אַ סך קינדערלעך ווערן צום ערשטן מאָל נאָך אַ לאַנגער צייט אָנגעטאָן אין שיך און זאָקן. דאָקטוירים און פאַכמענער־דערציער פאַרנעמען זיך מיט די קינדער. פון דאַנען ווערן די קינדער צעשיקט גרופּעסווייז קיין ירושלים, חיפה, תל־אָביב און אין די קאָלאָניעס. אין מגדיאל האָט מען פאַר זיי באַשטימט דריי צוויי־שטאָקיקע הייזער. זיי וועלן דאָרט לערנען אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער שול. דער רב פון מגדיאל האָט געבראַכט אַ מתנה אַ קליינע ספר־תורה. די קינדער פון פּתח תקוה האָבן געבראַכט גאַנצן פורן עסנוואַרג. פון דעם שטאָט־ראַט־הויף גייען די קינדער אין בית־המדרש אַריין. זיי קומען צו צום אָפענעם אָרון־קודש און ברעכן אויס אין אַ ביטער געוויין. איינער פון די פּליטים־קינדער דערקלערט שטיל די נייע ארץ־ישראל'דיקע חברים: „ניט איינער פון אונז, נאָר פיל האָבן זיך געזעגנט אויף אייביק מיט די טאַטע־מאַמעס אויף די בית־הקברות אין שטעט און לענדער בשעת דעם לאַנגן וואַנדער־וועג"...

(מרים וואָהלמאַן־שעראַטשעק, „אידישע קינדערלעך קומען אָן קיין ארץ־ישראל", אין „די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס, 1טער אַפּריל, 1943)

און אָט איז אַ צווייט בילד פונם אָנקומען פון אַ גרופּע קינדער־פּליטים אַהיים:

„אַלע מלחמה־נייעס זיינען אָפּגערוקט אין אַ זייט. אין טויזנטער אידישע היימען האָט זיך אָנגעהויבן אַ גערויש און אַ גערודער. רבנים און מיליטער־לייט, מנהיגים און לערער, שילער און אַרבעטער — אַלע זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער האָפענונג און דערוואַרטונג — אפשר קומט אונזערס אַ קינד פון דאָרטן, אפשר אַ גרוס פון אַ טאַטן, פון אַ מאַמען, אפשר אַ פאַרלוירן מיידעלע פון אַ שוועסטער? ארץ־ישראל האָט זיך אַ ריר געטאָן און אָנגעהויבן צו שמייכלען — די ערשטע טויזנט קינדערלעך קומען אָן, וועלן מסתמא אויך אַנדערע קומען.

„אין די שולן האָבן זיך די קינדער פון די בענק געריסן, לידער געזונגען און געוואָלט לויפן צו די געראַטעוועטע. די צענדליקער צימערן פון אונזערע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס זיינען פּוסט געוואָרן און די גאַנצע אַרבעט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. כמעט אַלע זיינען אַרויסגעפאָרן פון ירושלים

און תל־אביב צו באַגעגענען די קינדערלעך. טויזנטער האָבן געקויפט מתנות — שאָקאָלאַד, פּרוכטן און ביסקוויטן. די צייטונג־רעדאַקציעס זיינען פּוסט — אַלע אַוועק זען די קומענדיקע קינדערלעך, כאַפּן אַ קוק אויפן ביטערן גלות.

„אַרום עלף אינדערפרי בין איך, פּונקט צום מאָמענט, אָנגעקומען קיין בנימינה, די באַרימטע קאָלאָניע אויפן נאָמען פון באַראָן ראָטשילד, ווען דער צוג מיט די 21 וואַגאָנען פול מיט קינדער האָט זיך באַוויזן אויף דער קליינער באַן־סטאַנציע. אויפן פּלאַץ האָט זיך געטאָן חושך: ארץ־ישראל האָט געלאַכט און געזונגען... העכער 600 שול־קינדער זיינען געשטאַנען און העכער טויזנט אידישע קאָלאָניסטן מיט פורן, אויף פערד, מיט אויטאָס און אויף וועלאָסיפּעדן. יעדער איינער האָט געהאַלטן עפּעס אין די הענט — אַ מתנה פאַר די אָנקומענדיקע יתומים.

„פון די צענדליקע פענסטער האָבן צו אונז אַרויסגעקוקט הונדערטער קעפּלעך; הענטלעך האָבן געפּאַכט מיט קליינע ווייס־בלויע פענדלעך און העברעאישע לידער (אָנו באָנו אַרצה!) האָבן געריסן די לופט אַרום. ס'איז געווען אַ הערלעך־גרויסער מאָמענט. הונדערטער מענטשן האָבן זיך אַ ריס געטאָן צו די וואַגאָנען, געטיילט מתנות, געקושט די קינדערלעך, געוויינט און געלאַכט, געפרעגט נעמען פון קרובים, נעמען פון קינדער — אפשר איז עפּעס אָן אייגענער פאַראַן צווישן זיי?"

(„די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס, 5טער אַפּריל, 1943)

מיר האָבן געליינט וועגן די באַגעגענישן פון אונזערע יתומים אין לאָנדאָן און אין ניו־יאָרק — אין צוויי שטעט מיט גרויסע אידישע קהילות, צוויי שטעט אין לענדער, וואו דער אידישער אומגליק האָט פאָרט געפונען אָן אָפּקלאַנג. אָבער איז דען מעגלעך זיך פאָרצושטעלן אַזאַ באַגעגעניש אין אַ גלות־שטאָט? און ווי שרעקלעך די קינדער האָבן ניט אויסגעזען אויף דער סטאַנציע בני־מניה, ווי אויסגעדאַרט זייערע קערפּערלעך זיינען ניט געווען, ווי פאַרטריוערט און דערשלאָגן זייערע יונגע נשמות זיינען ניט געווען — די וואַרעמע אַטמאָספער פון דער היים האָט געמוזט אויף דער מערהייט קינדער ווירקן און זיי אַרויסרייסן פון דער קאָשמאַר־וועלט, פונוואַנען זיי זיינען געקומען. און ווי קאַלט, ווי וואָכעדיק, ווי פרעמד זיינען געווען די באַגעגענישן פון די אידישע קינדער אין די דערמאָנטע צוויי וועלט־שטעט! אין טומל פון דער קאַלטער, פרעמדער וועלט איז דערטרונקען געוואָרן די

יעקב לעשצינסקי

אידישע טראַגעדיע — און פרעמד־קאַלט איז געווען ניט נאָר די בלוט־פרעמדע וועלט, נאָר אויך די בלוט־אייגענע אידישע וועלט! ווייל די אידישע אייגנ־קייט, ווי גרויס זי זאָל ניט זיין אין אַ ניו־יאָרק, — זי ווערט דאָך בטל אין דער מערהייט־פרעמדקייט; אַ פרעמדקייט, וועלכע צעשטערט אי אידישן צער, אי אידישע שמחה. ניטאָ קיין גאַנצקייט אין גלות — ניט אין אונזערע טראַגעדיעס און ניט אין אונזערע שמחות, ניט אין אונזערע ימים נוראים און ניט אין אונזערע ימים־טובים!

אין איינעם פון די בריוועלעך פון די אידישע סאָלדאַטן צו די קינדער־פליטים איז געווען געשריבן:

„ילד עולה!

„ילד עולה אני קורא לך ולא פליט. מעתה כעולה לארץ ישראל תהיה, לעבדה ולבנותה. ובעבודה בארץ תשכח את כוס־היגונים שעברה עליך.

„חייל עברי בפלוגה עברית, אי־שם במזרח התיכון".

(עולה־קינד! איך רוף דיך עולה־קינד און ניט פליכטלינג־קינד. פון איצט אָן וועסטו לעבן ווי אַן עולה אין ארץ־ישראל, וועסט אַרבעטן און בויען דאָס לאַנד. און אין דער אַרבעט אין ארץ־ישראל וועסטו פאַרגעסן די פיין, וואָס דו האָסט דורכגעמאַכט.

אַ אידישער סאָלדאַט אין אַ אידישער בריגאַדע,
ערגעץ־וואו אין מיטל־מזרח)

ניטאָ אין דער גאַנצער וועלט קיין אידישע בריגאַדעס און ניטאָ אין ערגעץ קיין אידישער סאָלדאַט, וואָס זאָל ריידן אַזאַ מוטיקן ברודער־לשון צו אַ אידישן קינד. און דער געדאַנק איז אַ ריכטיקער — מיטן שטעלן דעם ערשטן טריט אויף דעם ארץ־ישראל־באָדן הערט אויף יעדער פליט און גאַנץ באַזונדערס אַ קינד־פליט צו זיין אַ פליכטלינג און ווערט אַ מיט־בויער, אַ מיט־קעמפער, אַ מיטגליד פון יענעם גליקלעכן דור, אויף וועמען ס'איז אויס־געפאַלן די ברכה מקיים צו זיין די תפילה „ותחזינה עינינו בשובך לציון". ווי פריי דער אידישער פליט זאָל זיך ניט פילן אין די פאַראייניקטע שטאַטן צי אין אַן אַנדער לאַנד, — ער טראָגט לאַנגע, לאַנגע יאָרן אויף זיך דעם שטעמפל פון אַ פרעמדן, וואָס דאַרף ערשט פאַרדינען אַנערקענט צו ווערן אַלס מיטגליד פון דער נייער געזעלשאַפט. דאָס פליט־קינד אין די פרעמדע לענדער, וואוהין ס'איז פאַרוואָרפן געוואָרן, האָט ניט באַלד קיין ברידער־ און שוועסטער־סביבה, קיין גרייטע וואַרעמע אַטמאָספערע, קיין גרייט פעלד, וואו

וואוהין גייען מיר?

עס זאָל תיכף קאָנען זיין גוצלעך און בעת־מעשה פילן אַ נשמה־דערהויבנקייט און אַ ציל אין לעבן. עס דאַרף ערשט אָנהויבן אַ קאַמף פאַר די אַלע טייערע זאַכן, פאַר די אַלע פּאָזיציעס און שאַנסן; אין ארץ־ישראל אָבער ווערט דאָס פּליט־קינד באַלד איינגעגלידערט אין דער קינדער־משפּחה, וועלכע איז פאַרכאַפּט צוזאַמען מיט דער גאַנצער דערוואַקסענער באַפעלקערונג אין אַ פּראָצעס פון גאולה, פון שיבת־ציון, פון אויפבוי און אויפלעבונג. אין דער ארץ־ישראל־לופט, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעאַלן, ווערן די געבראָכטע וואונדן גיך געהיילט, גיכער פאַרהיילט.

מען האָט געהאַט געקלאָגט, און אפשר מיט רעכט, אַ זדער יונגער דור אין ארץ־ישראל איז צו שטאַרק אָפּגעריסן פונם גלות־אידנטום, כמעט אָפּגעפרעמדט און אָפּגעריסן ניט נאָר פון דער גלות־קולטור, וועלכע שטעלט פאַר מיט זיך אַ וויכטיקן אוצר פון נאַציאָנאַלע ווערטן און דאַרף אריינגיין ווי אַן אָרגאַנישער באַשטאַנד־טייל אין דער נייער היים־קולטור פון ארץ־ישראל, נאָר אויך פונם צער און צאָרן פונם לעבעדיקן גלות־פאָלק, וואָס אָן אים איז ניט מעגלעך ניט פיזיש, ניט גייסטיק קיין אויפבוי פון אַ היים־לאַנד. די גרויסע קאַטאַסטראָפע האָט דערוויזן, אַז די אָפּגעריסנקייט איז געווען אַ שיינבאַרע, אַן אויסערלעכע. אין די נשמה־טיפענישן איז דער בונד געבליבן טיף און שטאַרק, טיפער ווי ערגעץ־וואו אין דער וועלט — און אין דער שעה פון הרת עולם, אין מאָמענט פון גרעסטן פאָלק־אומגליק, האָט דאָס פּאַלעסטינער אידנטום אַזוי אויפגעציטערט, אַזוי אויפגעשוידערט געוואָרן, מיט אַזאַ קראַפט רעאַגירט אויף אונזער בראָך, אַז איצט איז שוין פאַר אַלעמען קלאָר, אַז דאָרטן און נאָר דאָרטן איז דאָס האַרץ פון פאָלק; אַז דאָרטן און נאָר דאָרטן האָט מען דערפילט ניט נאָר די צרות פון די אידישע יחידים, נאָר דעם צער פון פאָלק, די סכנה פון נאַציאָנאַלן קיום, די טראַגעדיע פון אַ פאָלק אָן אַ לאַנד און אָן אַ היים.

אם אשכחך, גלות, תשכח ימיני! — דאָס איז די שבועה, וואָס קבוצה־קינדער, געבוירענע אין ארץ־ישראל, האָבן געגעבן ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט גלות־קינדער, מיט פּליטים־קינדער. אָט אַזוי נעמט אויף די היים אירע קינדער־וואָגלער, אירע גלות־קרבנות! ושבו בנים לגבולם — ניט נייער גלות, ניט נייע צופּאַסונגען צו פרעמדע לעבנס־סטילן, צו פרעמדע שפּראַכן און קולטורן, צו פרעמדע געשמאַקן און השגות, נאָר בויען אַ גרויסע און ברייטע היים פאַר וואָס מער ברידער און שוועסטער, פאַר וואָס מער געיאָגטע און געפּלאָגטע משה׳לעך און שלמה׳לעך.

פויליש־אידישע פליכטלינגע־קינדער קומען אָן קיין ארץ־ישראל

אידישע פליכטלינגע־מיידלעך פון דייטשלאַנד סאָרטירן און פּאַקן עפּל
אין אַ קבוצה

אַ מיידעלע פון דער קאָלאָניע שרון גיט מתנות צו אַ פּליט־קינד פון פּוילן

פליטים־קינדער פון פוילן פלאַנצן אַ בוים אין שרון לזכרון פון זייער
קומען אַהין

11

איינוואַנדערונג־פּערספּעקטיוון נאָך דער מלחמה

נאָך דער מלחמה — טיר און טויער וועט מען עפענען פאַר בייע עמי־גראַנטן! נאָך דער מלחמה, נאָך די פאַרגאָסענע ימים בלוט; נאָך די געפאַלענע עטלעכע צענדליק מיליאָנען נפשות; נאָך דער דערוואַכונג פון נאַציאָנאַלע אינסטינקטן און שטרעבונגען אין די ברייטסטע מאַסן פון אַלע פעלקער פון דער גאָרער וועלט; נאָך דער צערייצטקייט פון נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע קאָנפליקטן, ווי נאָך קיין מאָל ניט אין דער מענטשלעכער געשיכטע; נאָך דעם ווי צענדליקע מיליאָנען סאָלדאַטן און אַמוניציע־אַרבעטער וועלן פריי ווערן און די באַרג־פּראָבלעמען פון צופּאַסן די דאָזיקע אַלע פרייע אַרבעט־הענט צו דער נייער סיטואַציע וועלן דריקן אויף אַלע רעגירונגען און אויף אַלע פעלקער פון דער גאָרער וועלט; נאָך דעם ווי די גלאָבאַלע מלחמה האָט איבערגעדרייט פיל יוצרות אינם וועלט־מאַרק און האָט איבערגעטאָשעוועט די קאַרטן אין די עקאָנאָמישע קרעפטן פון פיל לענדער און וועט אַוועקשטעלן פאַר אַלע פעלקער אָן אויסנאַם די שווערסטע אויפגאַבע פון אַריינשטופּן די צערודערטע עקאָנאָמישע מאַשין אין מער אָדער ווייניקער נאָרמאַלע רעדער און לאָזן די רעדער אין גאַנג — אַט נאָך אַזאַ איבערקערעניש אין דער וועלט וועלן מענטשן מגולגל ווערן אין מלאכים און וועלן שאַפן אַ מלכות־שדי אויף דער ערד, און וואו נאָר אידן וועלן זיך געפינען, וועלן זיי געוויס געניסן פולע שיסלען פון דעם מלכות־שדי, אָבער אויב פון לוקסוס וועגן וועט זיך אַ פּוילישן אָדער רומענישן אידן פאַרוועלן זיך באַזוצן אויסער די דאָזיקע גן־עדן־נעסטן, וועט ער קאָנען פריי אויסקלויבן אַ פּלאַץ!

דאָס איז אַבסאָלוט ניט קיין איראָניע אויף אויסגעטראַכטע קאָנצעפּציעס. דאָס איז אין קורצן דער אמת׳ער איבהאַלט און דער אמת׳ער זינען פון דער פּראָגראַם פון אַ ריכטונג, וואָס האָט אַפילו אין 1943 ניט פאַרגעסן איר מיטגענומענעם אין פּליטים־זאַק האַס צו ציון און צום ציוניזם. אָבער מיר וועלן זיך ניט אַריינלאָזן אין קיין פּאָלעמיקעס און פעסטשטעלן נאָר עטלעכע טרו־

קענע פאַקטן, וועלכע וועלן געבן די קלאָרסטע תשובה אויף איינוואַנדערונג־פּערספּעקטיוון נאָך דער מלחמה.

ראשית דבר, איז שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די אַמעריקאַנישע לענדער, וועלכע לעבן אַלע איבער אַ נאָך ניט־געוועזענע פּראָספּעריטי־צייט און נויטיקן זיך אַלע אין אַרבעט־קרעפטן — פאַרוואָס לאָזן זיי איצט ניט אַריין קיין אימיגראַנטן? דערויף איז דאָ נאָר איין דערקלערונג — די מורא פאַר איראָפּעאישע מענטשן, וועלכע זיינען דורכגעגאַנגען אַ גיהנום, וואָס האָט ניט נאָר אָפּגעשוואַכט זייער פיזישן געזונט, נאָר האָט צעטרייסלט און צערודערט זייערע נערוון. אָט די דאָזיקע מורא וועט נאָך דער מלחמה זיין פיל שטאַרקער און פיל ווירקנדיקער. און ווער ס'האָט נאָר געלייענט דעם באַריכט פון דער לעצטער דעמאָגראַפישער קאָנפערענץ פון 19 אַמעריקאַנער מלוכות אין מעקסיקע, ווייס גאַנץ גוט, אַז אָפּן האָט מען גערעדט וועגן פאַרשפּאַרן אַבסאָלוט די טויערן באַלד נאָך דער מלחמה אויף איין יאָר, אָבער מען האָט איבערגעלאָזט צו יעדן לאַנד בכלל זיך צו פירן, ווי עס וויל. און כאָטש ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע קעגן ראַסן־דיסקרימינאַציעס, ווייסן מיר פון פּראַקטיק זייער גוט, אַז יעדע פּראָפעסיאָנעלע סעלעקציע לאָזט זיך אויס צו אונזערע קעפּ. און אַזאַ סעלעקציע איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק און איז געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט פאַר אַלע באַטייליקטע.

נאָר אָט איז אַ וויכטיקערער פאַקט. „דער וועקער", אָרגאַן פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, אַלזאָ פונם אַמעריקאַנער „בונד", וואו ס'איז ניט איין מאָל באַהויפּטעט געוואָרן, אַז נאָך דער מלחמה וועט זיין פרייע איינוואַנדערונג אין די אַמעריקאַנער לענדער און פאָלגלעך אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ברענגט אין נומער פון 15טן אָקטאָבער 1943 אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון קאָנגרעס פון אַמעריקען פעדערייטשאַן אָוו לייבאָר פאָלגנדיקע ידיעה: „דער עקזעקוטיוו־קאָונסיל פון דער פעדערייטשאַן האָט בכבודו ובעצמו אָנגענומען אַ באַשלוס ניט צו לאָזן ענדערן דאָס געזעץ, וואָס שליסט אויס די איינוואַנדערונג פון כינעזער קיין אַמעריקע". און געהאַנדלט האָט זיך עס דערביי וועגן 105 (הונדערט און פינף!) כינעזער אַ יאָר! ווי באַקאַנט, האָט דער רעאַקציאָנערער קאָנגרעס פון די שטאַטן אָנגענומען אַזאַ ענדערונג, וועלכע איז פאָרגעלייגט געוואָרן פון רוזוועלט'ן, אָבער די העכסטע אינסטאַנץ פון דער גרעסטער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פון לאַנד האָט מורא געהאַט פאַר עפּענען אַזאַ שפּאַלט. און דאַרפן מיר דערמאָנען, אַז דער קאָנגרעס האָט צוריק מיט אַ פּאָר יאָר אָפּגעזאָגט דעם פּרעזידענט אין פולמאַכטן אַריינצולאָזן

איינצלנע אימיגראַנטן, נויטיקע פאַר דער מלחמה־פירונג, לויט זיין פערזענ־לעכן איינזעען? און דאַרפן מיר דערמאָנען, אַז דער אַריינגעטראָגענער ביל וועגן דערלויבן עלטערן פון קינדער, וועלכע דינען אין דער אַרמיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אַריינצוקומען אין לאַנד אויסער דער קוואָטע, איז מיט 122 שטימען קעגן 33 דורכגעפאַלן אין קאָנגרעס?

אמת, אין די גאַר לעצטע טעג איז געקומען אַ נחמה־מעלדונג, וועלכע וועט געוויס אין פיל אידישע פאַמיליעס, אין וועלכע מען קוקט אַרויס מיט פיבער אויפן טאָג, ווען מען וועט קאָנען אַ לעבעדיק־געבליבענעם קרוב אַרי־בערנעמען צו זיך, ברענגען פרייד און גליק — אין נאָמען פון יוסטיץ־דעפּאַרט־מענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט דער העכסטער פאַרטרעטער בידל דערקלערט, אַז די רעגירונג קליבט זיך ניט צו מאַכן קיין נייע אימיגראַציע־באַגרענעצונגען. בעת אין קאָנגרעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן ליגן שוין אַריינגעטראָגענע צוויי געזעץ־פּראָיעקטן: איינער וועגן אָפּשטעלן גאָר אינ־גאַנצן די איינוואַנדערונג און אַ צווייטער וועגן שניידן אויף אַ העלפט די קוואָ־טע, — האָט די מעלדונג פונם יוסטיץ־דעפּאַרטמענט געמאַכט אַ גוטן איינ־דרוק און באַרואיקט די געמיטער. אָבער לויט די שטימונגען ניט נאָר אינם איצטיקן קאָנגרעס, נאָר בכלל אין דער באַפעלקערונג, איז דאָס דאָס העכסטע, אויף וואָס מיר קאָנען האָפן — ס'זאָל כאָטש ניט ווערן ערגער!

מיר וואָלטן געקאָנט ברענגען אַזעלכע פאַקטן נאָך צענדליקע, אָבער דאָס וואָלט ביי אונז צוגענומען צו פיל פּלאַץ. לאָמיר אָבער נאָר דערמאָנען, אַז אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט איז שוין פאַראַן אַ לאַנד — באָליוויע, — וואו אין פּאַרלאַמענט איז דורכגעגאַנגען אַ געזעץ מיט אַ בפירוש'ן אויסשלוס פון אידישע איינוואַנדערער. אָט איז אַ קליינע ידיעה אין דער אַרגענטינער „די אידישע צייטונג" פון 15טן סעפּטעמבער 1943: „מיט עטלעכע טעג צוריק איז געווען פאַרצייכנט אין „די אידישע צייטונג" אַ פאַל פון אַ נאַטוראַליזירטן אַרגענטינער בירגער, וועלכן מען האָט אין היגן באָליוויאַנער קאָנסולאַט אָפּ־געזאָגט אַ וויזע, ווייל דער קאָנסול האָט אין אים דערקענט אַ אידן. עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ באַקאַנטן געזעלשאַפטלעכן עסקן, וועלכן מען האָט אויף אַזאַ אופן באַליידיקט אַלס איד און אַלס אַרגענטינער בירגער". די דאָזיקע ידיעה באַווייזט, אַז דער געזעץ, כאָטש נאָך ניט באַפעסטיקט פון דער באָליוויאַנער רעגירונג, ווערט אין לעבן דורכגעפירט. און דאָ האָט זיך גע־האַנדלט ניט וועגן אַ אידן פון איראָפּע, וועלכער וואָלט געוויס געשטרעבט צו בלייבן אין באָליוויע, נאָר וועגן אַן אַרגענטינער אידישן תושב, וועלכער

חלומט אפילו ניט וועגן פארבייטן ארגענטינע אויף באליוויע. און בשעת מיר שרייבן די דאזיקע לעצטע זייטלעך פון דער בראשור, קומען אן טאג־טעגלעך טרויעריקערע ידיעות וועגן רדיפות אויפן גרעסטן און זאפטיקסטן אידישן ישוב פון דרום־אמעריקע — אויפן ארגענטינער אידנטום.

די נאר־וואס אנגעשריבענע שורות זיינען שוין געווען אויסגעזעצט, ווי ס'איז געקומען די ידיעה וועגן דער באליוויאנער „רעוואלוציע" — צו דער מאכט איז געקומען א פאשיסטיש־אנטיסעמיטישע גרופע. דאס שטרייכט נאך מער אונטער די אויבן־געבראכטע רעזאלוציע פונם באליוויאנער פאר־לאמענט, וועלכע איז פון דער פריערדיקער רעגירונג ניט באשטעטיקט גע־ווארן, וועלכע וועט אבער פון דער „רעוואלוציאנערער" רעגירונג געוויס נאך ענערגישער דורכגעפירט ווערן אין לעבן. און וויפיל ס'זאל ניט זיין באַ־שערט צו לעבן דער נייער פאשיסטישער רעגירונג, די ערשטע אנטיסעמי־טישע רעזאלוציע פון א פארלאמענט אויפן אמעריקאנער קאנטינענט וועט אזוי גיך ניט פארשווינדן.

נאר לאמיר זיך שטעלן אויפן שטאנדפונקט פון די אפטימיסטן און מסכים זיין, אז מען וועט, אויב ניט די ערשטע פאר יאר, איז א ביסל שפעטער, ארײנלאזן אימיגראנטן אין די לענדער פון אמעריקע. וואסערע נאציאנאלע פערספעקטיוון שטייען אונז פאר אין די דאזיקע אלע לענדער?

אין דעם העפט פונם 1טן אויגוסט 1943 פון „פארעין פאליסי ריפארטס", אן ארגאן, וואס ווערט ארויסגעגעבן פון דער „פארעין פאליסי אסאסיאיישאן" און איז אביעקטיוו אין דער העכסטער מאס, ווערט אזוי פארמולירט די קומענדיקע אימיגראציע־פאליטיק פון די אמעריקאנער לענדער: „אין אלע אײנוואנדערונג־לענדער וועט מען מוזן פארטיילן די ניי־ארײנגעקומענע אי־בער די שטעט און איבערן לאנד, כדי צו פארגרינגערן זייער אסימילאציע און פארהיטן דעם אויפקום פון שנאה צו אויסלענדער, וואס ס'קאן גרינג טרעפן ביי גרויסע אנזאמלונגען פון פרעמדע אין אײנצלנע פלעצער. אנגעמענדיק, אז די עקאנאמישע סיטואציע וועט זיין נאך דער מלחמה בעסער, ווי זי איז געווען אין די פאר־מלחמה'דיקע יארן, וועלן דאך די פעלקער בלתי־ספק אויסקלייבן זייערע אײנוואנדערער לויט צוויי פרינציפן: לויט די שטאטן און לויט די באשעפטיקונגען".

ווי באקאנט, האט זיך אויף דעם זעלביקן שטאנדפונקט געשטעלט דער העכער דערמאנטער דעמאגראפישער קאנגרעס אין מעקסיקע, וועלכער האט אנגענומען א רעזאלוציע, אז „די אסימילאציע פון די אויסלענדישע גרופעס

איז ווינטשנסווערט. די אײַנוואַנדערער זאָלן זיך אינטערעסירן פאַרן אַלגע־מיינעם לעבן און זאָלן לערנען די שפּראַך און די קולטור פון דער נייער היי־מאַט — אין קעגנזאַץ צו פריערדיקע צייטן, ווען די אײַנוואַנדערער פלעגן זיך באַזעצן אין באַזונדערע קאָלאָניעס״.

אויספירלעך און גרינדלעך האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן אײַנוואַנדע־רונג נאָך דער מלחמה דער טשיליאַנער קאָלאָניזאַציע־מיניסטער, און מיר מיינען, אַז ער האָט אויסגעדריקט די מיינונג פון אַלע דרום־ און צענטראַל־אַמעריקאַנישע לענדער. ער האָט דאָס געטאָן אין אַ ספּעציעלן מעמאָראַנ־דום צו דער מעקסיקאַנער קאָנפערענץ, און מיר וועלן אַרויסנעמען די וויכ־טיקסטע שטעלעס פון דעם דאָזיקן גאָר וויכטיקן דאָקומענט. מיר באַנוצן זיך מיטן מאַטעריאַל, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער אַרגענטי־נער„ די אידישע צייטונג״ פון 17טן אָקטאָבער 1943 דורך ד״ר משה מירקין:

„די טשיליאַנישע רעגירונג האָט אַ גרויסן אינטערעס אַרײַנצופירן אין לאַנד אַזעלכע אימיגראַנטן, וועלכע וואָלטן זיך וועלן און קאָנען אין נייעם הײמלאַנד ווידמען אַגריקולטור און אַרבעט אין די מינעס וכדומה אינדוס־טריעס. פאַר אַזעלכע אײַנוואַנדערער וואָלט די רעגירונג געשאַפן אַלע פאַר־לייכטערונגען, באַזונדער ווען די אימיגראַנטן וועלן זײַן גרייט זיך צו באַ־זעצן אין ווייטן דרום פון לאַנד, וואו די באַפעלקערונג איז זייער שיטער און די רעגירונג פאַרמאָגט גרויסע שטחים לאַנד. אַזעלכע קאָלאָניסטן איז די רעגירונג גרייט צו געבן כל המיני הנחות און הילף מיט זריעה און מאַשינען.

„אינטערעסאַנט זײַנען די אויספירן פונם מיניסטער בנוגע דער מעג־לעכקייט פון קאָנצענטראַציע פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אָדער בכלל גרו־פּעס מענטשן, וועלכע ווילן ניט אָדער קאָנען ניט זיך אַסימילירן מיט דער היי־מישער באַפעלקערונג, אָדער וועלכע שאַפן קאָנקורענץ פאַר דער נאַציאָנאַלער אינדוסטריע און האַנדל. די רעגירונג מוז אָננעמען מיטלען, אַז אַזעלכע קאָנ־צענטראַציעס פון מינדערהייטן זאָלן בשום־אופן ניט געבילדעט ווערן.

„אַלס פּראַקטישע פּראָגראַם פון דער קומענדיקער אימיגראַציע־ און קאָ־לאָניזאַציע־פּאָליטיק פון טשילי רעקאָמענדירט דער מיניסטער די שאַפונג פון געמישטע קאָלאָניעס, וואו די טשיליאַנער זאָלן בילדן די מערהייט און זײַן אימשטאַנד צו אַסימילירן די נייע אײַנוואַנדערער.

„נאָך אינטערעסאַנטער איז דער שלוס פון דער מיניסטעריאַלער נאָטע

וואוהין גייען מיר?

וועגן דער קומענדיקער קאָלאָניזאַציע־פּאָליטיק נאָך דער מלחמה. אָנווייזנ־דיק אויף דער נויטיקייט צו אָרגאַניזירן די קומענדיקע קאָלאָניזאַציע מיט אַ שטרענג־קאָנטראָלירטן אימיגראַנטן־עלעמענט, וועלכער זאָל באַשטיין פון ספּעציאַליזירטע אייראָפּעאישע לאַנדווירטן אָדער פאַכלייט פאַר דער טשיליאַ־נער ווירטשאַפט, אונטערשטרייכט דער מיניסטער, אַז מען טאָר בשום־אופן ניט צולאָזן די איינוואַנדערונג פון פאַרמיטלער אָדער קאָמערסאַנטן, וועלכע קו־מען אַהער נאָר, כדי צו מאַכן קאָנקורענץ די היימישע סוחרים אָדער דער היימישער אינדוסטריע. טשילי דאַרף ניט קיין סוחרים און פאַרמיטלער, נאָר לאַנדווירטשאַפטלעכע עלעמענטן, וועלכע וועלן פאַרשטאַרקן די נאַציאָ־נאַלע ווירטשאַפט און באַפעלקערן נייע נאָך ניט־קאָלאָניזירטע טעריטאָ־ריעס".

מיר מיינען, אַז מיר וועלן געוויס קיין טעות ניט מאַכן, אויב מיר וועלן זיך אָנשטויסן, וועמען דער מיניסטער האָט אין אויג מיט די ווערטער וועגן די ניט־געוואונטשענע סוחרים און פאַרמיטלער. און פירושים צו דער דאָ־זיקער מער ווי קלאָרער איינוואַנדערונג־פּראָגראַם וואָלטן נאָר אָפּגעשוואַכט איר איינדרוק. אַנדערע לענדער שעמען זיך צו ריידן אַזעלכע אָפענע און שטעכיקע רייד, אָבער דער זין פון זייערע אומדירעקטע רמזים איז דער זעל־ביקער און וועט מוזן האָבן די זעלביקע רעזולטאַטן.

אין די קאַנאַדער יאָר־ביכער פון די יאָרן 1939—1941 איז פאַראַן אַ טאַבעלע, וואָס דאַרף באַווייזן די מדרגה פון ׳אַסימילירבאַרקייט פון פאַרשיי־דענע איינגעוואַנדערטע נאַציאָנאַלע גרופּעס אויפן סמך פון זייערע חתונות, אויף וויפיל זיי האָבן חתונה מיט די צוויי הערשנדיקע נאַציאָנאַלע גרופּעס, ענגלענדער און פראַנצויזן, אָדער צווישן זיך.

פון דעם אַלעם ווערט גענוג קלאָר, אַז די פעלקער פונם אַמעריקאַנער קאָנטינענט האָבן שוין פאַרענדיקט דעם קאָלאָניאַלן פּעריאָד פון זייער אַנט־וויקלונג און טרעטן אַריין אין דער אַנטשיידנדיקער סטאַדיע פון נאַציאָנאַלער קאָנסאָלידירונג און קריסטאַליזירונג. דער קאָנגלאָמעראַט פון פעלקער און ראַסן, וועלכע האָבן אין משך פון די לעצטע פאַר הונדערט יאָר פאַרפלייצט די פאַרשיידענע לענדער פון אַמעריקע, האָט ענדלעך זיך דיפערענצירט לויט די באַזונדערע לעבנס־באַדינגונגען פון פאַרשיידענע לענדער און לויט די פאַרשיידענע הערשנדיקע טיפּן פון קולטור און שפּראַך, און מיר טרעטן

יעקב לעשצינסקי

אריין אין יענער תקופה פון רייפן און ציטיקן אין נאַציאָנאַלן פּרט, אין יענער נאַציאָנאַלער בגרות־צייט, ווען פעלקער ווערן באַזונדערס אייפערזיכטיק אויף זייער נאַציאָנאַלן מהות און פאַרטראַגן אַמווייניקסטן שטערונגען און דיסהאַרמאָניעס. באַזונדערס שאַרף און קעמפעריש ווערט דער דאָזיקער וועג מוזן זיין ביי פעלקער, וועלכע זיינען געצוואונגען דורכצומאַכן אַ שווערן פּראָצעס פון איבערקאָכן צענדליקע פאַרשיידענע און דערביי אָפט שטאַרק דערוואַקסענע און הויך־רייפע קולטורן און שפּראַכן און די לעצטע אריינצווינגען אין שמעלץ־טאָפּ פון אַ פיל נידעריקערער קולטור־מדרגה. וואָס עקשנות׳דיקער און האַרטנעקיגער די אָדער יענע נאַציאָנאַלע גרופּע וועט זיך האַלטן אין אַרגענטינע אָדער בראַזיליע, אין מעקסיקע אָדער קובע ביי איר שפּראַך און ביי איר אייגענער קולטור, אַלץ ווייניקער געוואונטשט וועט זי זיין צווישן די צוגעלאָזטע איינוואַנדערער און אַלץ שאַרפער וועלן אירע שוין איינגעוואַנדערטע גלידער באַקעמפט ווערן. אַז אידן ווערן אומעטום אין אַלע איינוואַנדערונג־לענדער גערעכנט צווישן די שווער איבערצוקאָכנ־דיקע און שווער אַסימילירבאַרע פעלקער, האָבן מיר שוין ניט איין מאָל גע־הערט פון רעגירונגען פון די אַמעריקאַנישע לענדער.

מיר ווילן לאָזן רעדן אַן אמת׳ן אוהב־ישראל וועגן דער נאַציאָנאַלער צוקונפט, וועלכע שטייט פאַר אידן אין די לענדער פון דרום־אַמעריקע. מיר וועלן ברענגען גרויסע ציטאַטן פון אַ רעדע, וועלכע ס׳האָט געהאַלטן דער אָנגעזעענסטער בראַזיליאַנער פּובליציסט אויף אַ יום־טוב לכבוד דער מתנה פון פינף לופט־שיפן, וואָס די בראַזיליאַנער אידן האָבן געגעבן דער רע־גירונג. דער מיטאַרבעטער פון דער אַרגענטינער „די אידישע צייטונג״, דר. משה מערקין, ביי וועמען מיר נעמען די ווייטער געבראַכטע ציטאַטן, כאַראַקטעריזירט אויף אַזאַ אופן דעם בראַזיליאַנער פּובליציסט:

„שאַטאָבריאַן איז איינער פון די אויפריכטיקסטע קעמפער פאַר דעמאָ־קראַטיע אין בראַזיל; שוין יאָרנלאַנג, אַז ער פירט אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן די פאַשיסטישע עלעמענטן אין בראַזיל, און בנוגע אידן ווערט ער פאַררעכנט אַלס אַ פריינט פון אונזער פאָלק. ער קאָן אויך גאַנץ גוט אונזער געשיכטע און איז גאַנץ גוט באַהאַוונט אין אונזערע פּאָליטישע און קולטורעלע פּראָבלע־מען. ער האָט געלייענט זייער פיל ווערק פון אידישע שרייבער און איז בכלל איינער פון די אומות־העולם, וואָס אינטערעסירט זיך נאָענט מיט דער אידישער פּראָבלעם. ער איז טאַקע דעריבער געוואָרן איינגעלאַדן מצד דער אידישער קאָלעקטיוויטעט צו רעדן אויף דער דערמאָנטער צערעמאָני

וואוהין גייען מיר?

פון שענקן די אוויאַנען דער רעגירונג. זיין רעדע און זיין אַרטיקל „דער ווייסער פּאָגראָם" גייען דערפאַר ווייט אַרויס פון די ראַמען פון אַ געוויינלעכן צייטונג־אַרטיקל: זיי זיינען שוין כמעט ווי אַ פּראָגראַם, אַ מין „אָפּיציעזע" דאָקטרינע, וואָס פאַרדינט גאָר גרויסע אויפמערקזאַמקייט".

די רעדע און דער דערמאָנטער אַרטיקל פאַרנעמען צו פיל פּלאַץ, אום דאָ איבערגעדרוקט צו ווערן, כאָטש זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ קאָלאָסאַלן אינטע־רעס. מיר וועלן איבערגעבן אין קורצן דעם אינהאַלט און ציטירן נאָר די וויכטיקסטע ערטער.

נאָכדעם ווי שאַטאָבריאַן שטעלט פעסט, אַז דאָס בראַזיליאַנישע פאָלק ווערט „אַ היסטאָרישער פאַקט, אַ ביאָלאָגישע טאַטזאַך", ווייזט ער אָן, אַז אַבסאָלוט אַלע פעלקער, וועלכע באַוואוינען בראַזיליע, מישן זיך צונויף דורך געמישטע חתונות און „וואָס מער אידישע בחורים וועלן זיך פאַרליבן און פאַרבינדן זייער גורל מיט בראַזיליאַנער מיידלעך און וואָס מער אידישע מיידלעך ס׳וועלן זיך פאַרבינדן מיט בראַזיליאַנער בחורים, אַלץ גרעסער וועט זיין די צאָל געמישטע חתונות און אַלץ קלענער און שמאָלער וועט ווערן דער תהום צווישן איד און ניט־איד און אַלץ נאָענטער וועט זיין דער טאָג פון גאולה, פון דער טאָטאַלער בראַזיליאַניזאַציע פון אַלע איינוואוינער פון דער גרויסער מלוכה, פון דער פאַרשמעלצונג פון אַלע בראַזיליאַנער ראַסן און טיפן אין איין גרויסן טאָפּ...."

שאַטאָבריאַן שטעלט פעסט, אַז געמישטע חתונות זיינען ביי אידן איצט גאַרניט אַזאַ זעלטענע דערשיינונג, ווי פיל מיינען, און ער רעכנט, אַז „די אָפּשוואַכונג פון די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע געפילן ביי אידן באַטייט, אַז מיר טרעטן אַריין אין אַ תקופה פון אַסימילאַציע ביי אידן אין גאָר אַ גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. אידן, וואָס האָבן זיך תמיד אויסגעצייכנט מיט זייער איזאָלירונג פון אַנדערע פעלקער, ציען זיך ביסלעכווייז אַריין אין דעם פּראָצעס פון געמישטע חתונות און קאָנסעקווענטער שפּראַכלעכער און אַפילו רעליגיעזער אַסימילאַציע".

ער באַגרינדעט זיין מיינונג, אַז צונויפשמעלצונג איז דער אָביעקטיווער היסטאָרישער פּראָצעס פון דער אַנטוויקלונג פון בראַזיליע, פאָלגלעך איז דער דאָזיקער פּראָצעס פּראָגרעסיוו און ווינטשנסווערט, און אַלץ, וואָס שטערט דעם דאָזיקן היסטאָריש־פּראָגרעסיוון פּראָצעס, איז רעאַקציאָנער און מוז באַ־קעמפט ווערן. אָבער מיט וועלכע מיטלען? און דאָ קומען מיר צו דער קאָנ־קרעטער פּראָגראַם פון אַן אמת׳ן פריינט פון אידישן פאָלק, אַ פּראָגראַם,

וועלכע איז די פּראָגראַם פון אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין די לענדער פון דרום־ און צענטראַל־אַמעריקע און אויך פון גרויסע טיילן פון דער פּראָגרעסי־ווער אינטעליגענץ אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

שאַטאָבריאַן שרייבט:

„ניט מיט בלוטיקע פּאָגראָמען אין היטלער׳ס גייסט אָדער אין זינען פון די צאַרישע רציחות קאָן געלייזט ווערן די אידישע פראַגע. דער נאַ־בעלער נשמה און דער דעמאָקראַטישער איינשטעלונג פון דעם בראַזיליאַנער זיינען ווידערווילק אַזוינע ברוטאַלע מיטלען פון קאַמף קעגן אַ פאָלק פון נביאים, אַ פאָלק, וואָס האָט געשענקט דער מענטשהייט דעם תנ״ך און געגעבן דעם קריסטלעכן גאָט. כדי צו דעראָבערן אַ פאָלק, ווי אידן, כדי זיי צו פאַרשמעלצן און שאַפן צוזאַמען מיט זיי אַ סינטעז פון אַ העכערער, בעסערער ראַסע פון בראַזיליאַנער, מוז מען מאַכן אַן אַנדער פּאָגראָם, אַ „ווייסן פּאָגראָם״, מיט איידעלע מיטלען, מיט פּראָפּאַגאַנדע, מיט צוזאַמענגיסן די אידישע יוגנט מיט דעם בראַזיליאַנער פרישן בלוט. און דעם דאָזיקן „פּאָגראָם״ מוז מען פירן ענערגיש, קאָנסעקווענט, האַבנדיק פאַר זיך דעם הויכן ציל פון דער מאָדערנער מלוכה — שאַפן אַן איינהייטלעך בראַזיליאַנער פאָלק מיט געמיינ־זאַמע אידעאַלן, מיט אַ געמיינזאַמער שפּראַך, מיט אַ געמיינזאַמער קולטור און געמיינזאַמע צילן. דאָס איז דער זינען פון דער פּאָליטיק, וואָס ווערט איצט געפירט אין בראַזיל, און דאָס איז די דאָקטרינע פון דער טאָטאַלער אַסימי־לאַציע, וועלכע ווערט איצט געפּריידיגט אין די ברייטסטע קרייזן פון דער בראַזיליאַנער געזעלשאַפטלעכקייט....״ [אונטערגעשטראָכן אומעטום פון מיר. י. ל.].

ווייסער פּאָגראָם — אָט דאָס איז דאָס בעסטע, אויף וואָס מיר קאָנען האָפן אין אַלע איינוואַנדערונג־לענדער פון דער מאָדערנער צייט. דערמיט זאָל ניט געזאָגט ווערן, אַז „רויטע פּאָגראָמען״ זיינען אין די אַלע לענדער אויסגעשלאָסן — די טאָג־טעגלעכע ווירקלעכקייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין אַ לאַנד מיט די טיפסטע דעמאָקראַטיש־הומאַנע טראַדיציעס, מיט דער העכסטער קולטור פון אַלע פעלקער פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט, דיקטירט אונז פאָרזיכטיקייט און צו זיין פאַרבאַרייט אויף פיל ערגערע זאַכן, ווי ווערן באַמיסטיקונג־שטאָף פאַר אַן אויפקומענדיקער בראַזיליאַנער אָדער אַרגענטינער נאַציאָנאַליטעט. די אויבן־דערמאָנטע פאַקטן פון באָלי־וויע און אַרגענטינע זיינען גאַנץ ווייט פון אַ „ווייסן פּאָגראָם״ און פיל נאָענטער צו דער צווייטער קאַטעגאָריע פּאָגראָמען. דער פאַרבאָט פון דער אידישער

וואוהין גייען מיר?

פרעסע אין בראַזיל, אמת, צוזאַמען מיטן פאַרבאַט אויך פון אַלע אַנדערע ציַיטונגען אין פרעמדע שפּראַכן, ווערט פון שאַטאַבריאַן אַנגעגעבן, ווי אַן אַדערויף אויף דעם „ווייסן פּאַגראַם", וועלכער דאַרף אונז אַריינשמעלצן אין בראַזיליאַנער פאָלק. דער אויסוואַל איז נאָר צווישן דיביידע מינים פּאָגראָמען — רויטע אָדער ווייסע; אָדער רדיפות און גגישות און וויטערער נאַציאָנאַלער קיום אין גלות; אָדער פרייהייט און אַבסאָלוטע גלייכבאַרעכ־טיקונג און שלום — אין גלות איז קיין אַנדער ברירה ניט פאַראַן. אָבער די געשיכטע האָט אונז שוין געוויזן אַ דריטן וועג — דעם שענסטן, דעם דער־הויבנסטן, דעם שעפערישסטן, דעם אמת־באַפרייענדיקסטן, דעם גרויסן היס־טאָרישן גאולה־וועג! ניט מיתה בנשיקה, נאָר עם ישראל חי!

12

ארץ־ישראל — דער נאַציאָנאַלער צענטער פון אידישן פאָלק

מיטן חורבן פונם אייראָפּעאישן אידנטום הן אין זיין פוילישן נוסח און הן אין זיין סאָוועטישער געשטאַלט האָט די וואָג פון ארץ־ישראל אין אידישן לעבן קאָלאָסאַל צוגענומען. שוין פאַר דער איצטיקער מלחמה האָט דער ארץ־ישראל׳דיקער ישוב געהאַט גרויסע פּאָטענצן און רייכע פּערספּעק־טיוון צו ווערן דער גייסטיקער צענטער פונם וועלט־אידנטום. איז דאָך דער ישוב פאַרט שוין דעמאָלט געווען דאָס איינציקע לאַנד אין דער וועלט, וואו אַלע אידישע קינדער, טאַקע אַבסאָלוט אַלע הונדערט פּראָצענט אידישע קינדער האָבן באַקומען אַ ריין־אידישע דערציאונג. די לעצטע איז אין ארץ־ישראל דער עיקר און די פרעמדע בילדונג אַ טפל, ווען אין אַלע גלות־עקן איז די לאַגע מערסטנטיילס אַ פאַרקערטע. די אייגענע שפּראַך איז אין ארץ־ישראל דער עיקר און פרעמדע שפּראַכן זיינען אַ מהיכא־תיתי־זאַך, ווען אין אַלע גלות־עקן איז פונקט פאַרקערט. אַ אידישער בוך איז אין ארץ־ישראל דער בכור־מקור פאַר בילדונג, בעת אין גלות איז ער תמיד אָדער אַ טובה־זאַך פונם לייענער אָדער אין בעסטן פאַל אַ צוגאָב. ניט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָט נאָך ארץ־ישראל דעמאָלט ניט געקאָנט קאָנקורירן אין גייסט מיט דעם פוילישן צענטער, וועלכער האָט געהאַט צען מאָל מער אידן און אַ ירושה פון טויזנט יאָר. אָבער נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, וועלכע האָט אונז געטראָפן, נאָך דער פאַרניכטונג פון דער גרויסער ירושה, ווייל די גייסטיקע אוצרות, אַלע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אינערציעס און טראַ־דיציעס, זיינען פאַרלוירן, ניט אָפּהענגיק פון דער צאָל לעבן־געבליבענע אידן, איז ארץ־ישראל אייגנטלעך געבליבן דער איינציקער „זה חלקנו מכל עמלנו״ — דער איינציקער געווינס פון דער גאַנצער אויפלעבונג־עפּאָכע פון די לעצטע 50—60 יאָר.

איך גלויב קוים, אַז ס׳איז פאַראַן אַ מענטש אויף דער וועלט, וועלכער

וואוהין גייען מיר?

זאָל וועלן באַהויפּטן, אַז דער פינף־מיליאָניקער אַמעריקאַנער ישוב קאָן קאָנקורירן מיט ארץ־ישראל אין פּרט פון שאַפן אידישע נאַציאָנאַלע ווערטן; אין פּרט פון צוציען און נאַציאָנאַל באַאיינפלוסן די צעוואָרפענע איבער צענדליקע לענדער אידישע ישובים; אין פּרט פון געפיל פון אחריות ניט נאָר פאַר די לעבעדיקע אידן, נאָר אויך פאַר דער אידישער געשיכטע, פאַרן אידישן עתיד, הכלל, אין פּרט ניט נאָר פון איבערנעמען מעכאַניש אַ ירושה, נאָר אויך זי ממשיך זיין און באַנייען, באַפרוכפּערן און מאַכן וואַקסן. די באָדנלאָזיקייט און וואָרצללאָזיקייט פון דער גאַנצער אידישער קולטור אין די שטאַטן האָט זיך די לעצטע פּאָר יאָר, גלייך ביים פאַרלירן דעם גרונט־מקור פון גייסטיקער פאַרזאָרגונג און פון נאַציאָנאַלער באַגייסטערונג, אַרויסגעוויזן אין אַזאַ שרעקלעכער מאָס, אַז די סאַמע ווייטע אָפּטימיסטן האָבן פאַרלוירן דעם מוט און דעם גלויבן אין אַ זעלבסטשטענדיקן קולטור־המשך פונם גרעסטן כמות־דיקן אידישן ישוב.

אָבער וויכטיקער פאַר אַלץ איז דאָס, וואָס דער ארץ־ישראל־צענטער איז געבויט אויף אַ געזונטן מאַטעריעלן באָדן, אויף אַ פּראָגרעסיוון עקאָנאָמישן אָרגאַניזם, אויף אייגענע עקאָנאָמישע פונדאַמענטן. די רייכע נאַציאָנאַלע זאַפט פונם פּוילישן אידנטום איז ניט געווען נאָר אַ רעזולטאַט פון אַ גרויסער כמות און פון אַ לאַנגער לאַנגיאָריקייט — געוויס האָבן די דאָזיקע צווי פאַקטאָרן געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָלע. אָבער אַ נאָך אַ גרעסערע און שעפערישערע ראָלע האָט געשפּילט די אייגענע סאָציאַל־עקאָנאָמישע סביבה. דאָס פּוילישע אידנטום איז טאַקע תמיד געווען אַן אָרגאַנישער גליד פון אַ גרעסערן פּוילישן נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישן אָרגאַניזם, אָבער פיל ווירטשאַפט־צווייגן, ווי דער האַנדל אין גאַנצן און דער האַנטווערק אין פיל שטאָטישע צווייגן, זיינען געווען אין אַזאַ גרויסער מאָס באַזעצט פון אידן, אַז ס'האָט זיך געשאַפן אַן אייגענע אידישע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישע סביבה. אַט די דאָזיקע איזאָלירטע פון דער אַרומיקער וועלט סאָציאַל־עקאָנאָמישע סביבה, אַט די דאָזיקע אין זיך דורך און דורך נאַציאָנאַלע אַטמאָספערע, ביז אַ געוויסער מאָס נאַציאָנאַל־סאָציאַלע גאַנצקייט — אַט די דאָזיקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אָפּגעזונדערטקייט און אָפּגעטיילטקייט פון דער אַרומיקער ניט־אידישער וועלט, כאָטש שטאַרק אָפּהענגיק פון איר, האָט געשאַפן דעם וויכטיקסטן און זאַפטיקסטן מקור פון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אייגנקייט און גאַנצקייט פונם פּוילישן אידנטום.

די דאָזיקע נאַציאָנאַל־גינציקע לאַגע פונם פּוילישן אידנטום האָט זיך

טיילווייז נאָך געהאַלטן די לעצטע יאָרן נאָר, ווייל די פּאָליטישע און קולטורעל־געזעלשאַפטלעכע איזאָלאַציע פון די אידן האָט קאָנסערווירט די אידישע געטאָ, כאָטש עקאָנאָמיש איז זי געווען אויפגעריסן דורך דעם וואוקס פון די שטאָטישע מיטל־קלאַסן ביי דער פּוילישער באַפעלקערונג; זי איז אין גאַנצן פאַרשוואונדן אין לענדער פון מזרח־איראָפּע, וואו נאָר די עמאַנסיפּאַציע איז ערלעך און אין פולער מאָס דורכגעפירט געוואָרן, ווי למשל, אין סאָוועט־רוסלאַנד; און זי איז גאָרניט אויפגעקומען אין די איינוואַנדערונג־לענדער. ווי ביטער דאָס וואָרט זאָל ניט קלינגען, נאָר מען מוז מודה זיין, אַז געטאָ, עקאָנאָמישע און קולטורעלע, איז אַן אומבאַדינגטער תנאַי פאַר אַ נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמען לעבן אין גלות. און אויך וויפיל די פּריוויליקע געטאָס אין די איינוואַנדערונג־לענדער זיינען ריין־געאָגראַפישע דערשיינונגען און ווערן ניט באַגלייט מיט עקאָנאָמישער און קולטורעלער איזאָלירונג, בלייבן זיי אין נאַציאָנאַלן זינען פּרוכטלאָז.

אין ארץ־ישראל איז געשאַפן געוואָרן ניט נאָר אַן אייגענע סאָציאַל־עקאָנאָמישע סביבה אין אַ פרעמדן נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישן אָרגאַניזם, נאָר כמעט אַן אייגענער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אָרגאַניזם און דערביי אַ העכסט פּראָגרעסיווער און פּראָדוקטיווער. זיין אָפּהענגיקייט ניט נאָר פון דער ווייטער פרעמדער וועלט, נאָר אַפילו פון דער אוממיטלבאַרער אַרומיקער אַראַבישער וועלט איז ניט די אָפּהענגיקייט פון אַ גליד פון אַ פרעמדן אָרגאַניזם, ווי די לאַגע איז אומעטום אין גלות, נאָר ווי פון איין אָרגאַניזם פון אַ צווייטן. ניט נאָר נאַציאָנאַל־קולטורעל איז דער ישוב אויף אַזוי פיל זעלבסט־שטענדיק, אַז ער פילט זיך שוין בכוח ווי אַ באַזונדערער פון די אַראַבער שטאַט, נאָר אויך אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן פּרט האָט ער שוין דערגרייכט אַן אַנט־וויקלונג־מדרגה פון זעלבסטשטענדיקער שטאַטלעכקייט.

לאָמיר גאַנץ קורץ זיך אָפּשטעלן אויף דער כאַראַקטעריסטיק פון דער אידישער עקאָנאָמיק אין ארץ־ישראל און אויף אירע אויסנאַם־דערגרייכונגען אין פּרט פון שאַפן העכערע סאָציאַלע לעבנס־פאָרמען.

אָט זיינען די לעצטע דאַטעס פון דער פּראָפעסיאָנעלער גלידערונג פון דער אידישער באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל אין 1942 (אין פּראָצענטער):

וואוהין גייען מיר?

1)	אַגריקולטור	15.4
2)	אינדוסטריע און מלאָכה	23.3
3)	האַנדל און קרעדיט	14.4
4)	טראַנספּאָרט און קאָמוניקאַציע	3.5
5)	בוי־אַרבעטן	11.3
6)	ליבעראַלע פּראָפעסיעס	7.8
7)	אָפיס־פּערסאָנאַל	10.8
8)	הויז־דינסט	8.3
9)	פּאָליציי	3.2
10)	פאַרשיידענע	2.0
	צוזאַמען	100.0

די דאָזיקע פּראָפעסיאָנעלע גלידערונג פּאַלט בערך צונויף מיט דער זעלביקער אין די פּאַראייניקטע שטאַטן און אין ענגלאַנד. אין קיין שום לאַנד אין דער וועלט האָבן מיר ניט ביי אידן אַזאַ נאָרמאַלע און אַזאַ געזונטע פּראָפעסיאָנעלע גלידערונג, ווי די נאָר וואָס געבראַכטע. די באַשעפטיקטע ביי האַנדל און קרעדיט זיינען בערך מער ווי צוויי מיט אַ האַלבן מאָל ווייני־קער, ווי אין דער מערהייט גלות־לענדער, און אַרום דריי מיט אַ האַלבן מאָל וויניקער, ווי ביי די אידן אין די שטאַטן. ביי לאַנדווירטשאַפט איז דער פּראָצענט באַשעפטיקטע בערך העכער דריי מאָל גרעסער, ווי אינם רוב אייראָפּעאישע לענדער, און בערך 8 מאָל גרעסער, ווי ביי די אידן אין די שטאַטן. ביי בוי־אַרבעטן און ביי הויז־דינסט, אַלזאָ ביי שווערער פיזישער אַרבעט, איז פאַרנומען אַ גאַנץ פינפטל פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקע־רונג אין ארץ־ישראל — דאָס איז אַ געוואַלדיק הויכער פּראָצענט, וועלכער איז 7 און 8 מאָל גרעסער, ווי אַפילו ביי אידן אין אַמאָליקן אָרעמען פוילן. הכלל, די פּראָפעסיאָנעלע דיפערענציאַציע פונם ישוב איז אַ גענוג געזונטע. געוויס דאַרף מען שטרעבן, אַז די אַגראַר־עלעמענטן זאָלן צונעמען נאָך עט־לעכע פּראָצענט, אָבער צו ווייט דאַרף מען אין דעם פּרט ניט גיין. ארץ־ישראל ליגט גענוג נאָענט צו לענדער מיט רייכע רוי־שטאָפן און קאָן אַנטוויקלען אַ הויכע מדרגה פון אינדוסטריע, וואָס ס׳האָט צוויי אָדער אַפילו גאַנצע דריי מעלות: אינדוסטריע נעמט אַריין אַ גרעסערע באַפעלקערונג; גאַראַנטירט אַ העכערן לעבנס־ניוואָ; און איז ניט פאַרבונדן מיט יענער פסיכישער רעוואָ־לוציע, וועלכע איז נויטיק ביים איבערגיין פון אידן צו לאַנדווירטשאַפט. כאָטש דאָס לעבן אין אַ קאָלאָניע אין ארץ־ישראל איז פיל שטאָטישער, ווי אין פיל שטעט פון מזרח־ און דרום־אייראָפּע.

פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר האָט די פּאַלעסטינער אינדוסטריע זיך גאָר שטאַרק אַנטוויקלט — איר פּראָדוקציע האָט באַטראָפן אין 1937 נאָר 8 מיליאָן פונט און אין 1943 שוין איבער 40 מיליאָן פונט. אמת, אַ גאַנץ פערטל פון דער אינדוסטריע־פּראָדוקציע איז געווען פאַר דער אַרמיי, אָבער ס'איז צו האָפן, אַז דער איבערגאַנג פון מלחמה־פּראָדוקציע אויף שלום־פּראָדוקציע וועט ניט זיין אין ארץ־ישראל באַזונדערס שווער, ווייל דער גאַנצער נאָענטער מזרח איז שרעקלעך אויסגעהונגערט, און דער עקספּאָרט פון דער נאָענטער אייראָפּע וועט ניט אַזוי גיך קאָנען קאָנקורירן מיט דער פּאַלעסטינער אינדוסטריע, וועלכע איז אויפן אָרט און גרייט זיך שוין צו אַן אָרגאַנישן איבערגאַנג צו נאָרמאַלער פּראָדוקציע. פאַר די מלחמה־יאָרן האָט די ארץ־ישראל־אינדוסטריע אָנגעקניפּט ברייטע פאַרבינדונגען מיט די אַרומיקע לענדער און האָט באַקומען גאָר אַ פיינעם שם אין די דאָזיקע לענדער. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די וויַיטערע אַנטוויקלונג פונם גאַנצן לאַנד און אין דעם כלל אויך פון דער אינדוסטריע, איז אָפּהענגיק פון דער פּאָליטישער לאַגע.

44 פּראָצענט פון דער אידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג זיצט אויף לאַנד פון דעם נאַציאָנאַל־פאָנד און 70 פּראָצענט פון דער גאַנצער אַגראַר־פּראָדוקציע ווערט געמאַכט אין קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס. שוין אַט די דאָזיקע אַגראַר־רעפאָרם, וועגן וועלכער סאָציאַליסטן האָבן העכער הונדערט יאָר געטרוימט אין פאַרשיידענע לענדער, איז אַ סאָציאַל־פּאָליטישע דערגרייכונג פון קאָלאָסאַלן ווערט. דערמיט איז געלייגט דער בעסטער פונ־דאַמענט פאַר אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

70 פּראָצענט פון אַלע קאָמוניקאַציע־מיטלען און 66 פּראָצענט פון אַלע בוי־אונטערנעמונגען ווערן דורכגעפירט דורך קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס. דאָס זיינען צוויי ווירטשאַפט־צווייגן, וועלכע שפּילן אין ארץ־ישראל, אַלס אין אַ לאַנד פון אויפבוי, אַ גאָר גרויסע ראָלע. פיל שוואַכער איז די קאָאָפּעראַציע באַטייליקט אין דער אינדוסטריע — אָבער מען דאַרף געדענ־קען, אַז די אַרבעט פון דער הסתדרות איז ביז ניט לאַנג געווען קאָנצענטרירט אויף דער לאַנדווירטשאַפט און אויף דער שטאָטישער בוי־אינדוסטריע. אין דער לעצטער צייט האָט מען אָנגעהויבן גרינדן פאַבריקן אין די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס אַלס אַ צוגאָב־פאַרדינסט, און ס'איז צו האָפן, אַז דער דאָזיקער נייער ווירטשאַפטס־צווייג וועט זיך גיך אַנטוויקלען און דער סאָציאַליסטי־שער סעקטאָר פון דער אינדוסטריע וועט גיך וואַקסן. סוף 1942 האָט די

אינדוסטריעלע אַרבעטער־קאָאָפּעראַציע געגעבן 10% פון דער אינדוסטרע־פּראָדוקציע.

איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען פון דעם עקאָנאָמישן לעבן אין ארץ־ישראל איז די ברייטע נעץ פון קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס. דאָס אידישע פאָלק איז אין דער גאָרער וועלט אַמווייניקסטן קאָאָפּערירט. אַלס אַ קליינבירגערלעכע מאַסע מיט אַ גרויסער מאַסע קרעמערלעך, איז אַפילו די אידישע אַרבעטער־מאַסע שווער צו אָרגאַניזירן אין קאָאָפּעראַטיוון — צו נאָענט שטייט די לעצטע, קרוביש און ווירטשאַפטלעך, צו די האַנדל־עלעמענטן. אין ארץ־ישראל איז די קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפט רעלאַטיוו אַנטוויקלט אינטענסיווער, ווי אין וועלכן ס'ניט איז אַנדער לאַנד. די קאָאָפּעראַטיוון, וואָס מיר פאַרמאָגן אין גלות, זיינען טיפּיש־קליינבירגערלעכע קרעדיט־קאַסעס. כאָטש מיר פאַרמאָגן הונדערטער טויזנטער אַרבעטער אין פאַרשיידענע לענדער, האָבן ניט עקזיסטירט אין דער גאַנצער וועלט ביי אידן קיין צען קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון, און די צאָל פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון ביי די אידן פון דער גאָרער וועלט איז ניט געווען פיל גרעסער פון צוויי צענדליק.

לאָמיר איצט וואַרפן אַ קוק אויף איניקע צוויגן פון דער קאָאָפּעראַציע אין ארץ־ישראל. די קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון פון דער הסתדרות אַליין האָבן געהאַט אין יאָר 1942 20 טויזנט מיטגלידער מיט 87 טויזנט נפשות. דער אייגענער קאַפּיטאַל פון די קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון האָט באַטראָפן 430 טויזנט דאָלאַר און דער פדיון פאַר דעם דאָזיקן יאָר האָט באַטראָפן 4 מיליאָן מיט 600 טויזנט דאָלאַר.

די וואוינונג־קאָאָפּעראַציע האָט אויסגעבויט פון 1931 ביז 1942 — 3,136 דירות און האָט אינוועסטירט קאַפּיטאַל — העכער 5 מיט אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר.

דער „המשביר המרכזי״, וואָס האָט דעם צוועק הורט־איינקויף פאַר די קאָאָפּעראַטיוון, האָט געהאַט פדיון אין יאָר 1931 נאָר 260,000 דאָלאַר און אין יאָר 1942 שוין פינף מיליאָן דאָלאַר. דער אייגענער קאַפּיטאַל פון דעם דאָזיקן קאָאָפּעראַטיוון צענטער האָט באַטראָפן אין 1931 סך־הכל 20,000 און אין 1942 שוין 900,000 דאָלאַר.

די „בנק הפועלים״ האָט פאַרמאָגט אייגענעם קאַפּיטאַל: אין 1935 נאָר אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר און אין 1942 שוין קרוב צו אַ מיליאָן דאָלאַר. זיינע דעפּאָזיטן האָבן אין די שייכותדיקע יאָרן אויסגעמאַכט 1 מיליאָן מיט 200 טויזנט דאָלאַר און 3 מיליאָן מיט 270 טויזנט דאָלאַר.

יעקב לעשצינסקי

גאַנץ באַזונדערס צו באַוואונדערן איז די אַנטוויקלונג פון דער קופת־חולים — דאָס איז אַ פרייוויליקע קראַנקן־פאַרזיכערונג. אַט זיינען עטלעכע ממש איבערראַשנדיקע, אָבער שטאַרק באַגייסטערנדיקע דאַטעס, וועלכע ווייזן, צו וואָסער הויכער מדרגה פון זעלבסט־טעטיקייט די אַרבעטער פון ארץ־ישראל זיינען דערוואַקסן: די צאָל מיטגלידער פון דער קופת־חולים האָט באַטראָפן אין 1942 — 95,669 מיט 187,843 נפשות. העכער 40% פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג און בערך 85% פון דער גאַנצער אידישער אַרבעטער־באַפעלקערונג איז געווען פאַרזיכערט אין דער קופת־חולים. די הכנסות פון דער קופת־חולים האָבן אין יאָר 1942 באַטראָפן — צוויי מיליאָן און די הוצאות זיינען געווען בערך די זעלביקע.

דאָס אַלץ איז מעגלעך געוואָרן נאָר, ווייל דער אידישער אַרבעטער־קלאַס האָט זיך אין ארץ־ישראל אָרגאַניזירט אין אַזאַ גרויסער מאָס, ווי ביי קיין שום פאָלק אין דער וועלט. די צאָל מיטגלידער פון דער הסתדרות האָט באַטראָפן אין 1942 העכער 133,000. רעכנט מען צו די משפחה־מיטגלידער, וועט דאָס אויסמאַכן אַרום 200,000 נפשות — כמעט 40 פּראָצענט פונם ישוב געפינט זיך אונטער דער דירעקטער השפעה פון דער הסתדרות. און די דאָזיקע השפעה איז ניט נאָר אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישע און ניט נאָר אַ פּאָליטישע, נאָר אויך אין גאָר אַ גרויסער מאָס אַ גייסטיק־קולטורעלע. די הסתדרות פאַרמאָגט די גרעסטע טעגלעכע צייטונג און דעם גרעסטן ביכער־פאַרלאַג, אַ גרויסע נעץ שולן און קורסן. דער פאַרמעגן פון אַלע אונטערנעמונגען, וועלכע געפינען זיך אין פאַרבינדונג מיט דער הסתדרות, האָט באַטראָפן אין יאָר 1940 איבער 50 מיליאָן דאָלאַר!

אָרגאַניזאַציע אַליין, ווי ווייט זי זאָל ניט דערגרייכן, קאָן זי ניט שאַפן אַזעלכע וואונדער, ווי די, וואָס מיר האָבן נאָר וואָס פעסטגעשטעלט. דער שאַפנדיקער גייסט פון דער אָרגאַניזאַציע איז דער הויפּט־באַוועגער און הויפּט־פאַקטאָר פון דער קאָלאָסאַלער שאַפערישער אַרבעט — און דער דאָזיקער גייסט איז באַשטאַנען אין דעם גרויסן אידעאַל, וואָס די הסתדרות האָט זיך געשטעלט: נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַפרייאונג פון אידישן אַרבעטער־קלאַס און ממילא פון אידישן פאָלק, ווייל דער אידישער אַרבעטער־קלאַס מאַכט אויס אין ארץ־ישראל דעם גרויסן רוב פון ישוב.

דער פונדאַמענט פאַר אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אין אַן אייגענער נאַציאָנאַלער היים איז געלייגט, די אַטמאָספערע פאַר אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלן

וואוהין גייען מיר?

שאַפערישן שוואונג איז געשאַפן — אויפן קומענדיקן דור ליגט דער חוב פאַרצוזעצן די דאָזיקע גראַנדיעזע אַרבעט, זי פאַרברייטערן און פאַרטיפן און אויפשטעלן דעם בנין פון אַ סאָציאַל־ און נאַציאָנאַל־פרייען אידישן פאָלק.

13

שלום-וואָרט

מיר האָבן אין אונזער אַרבעט באַטראַכט די אידישע וואַנדערונגען דער עיקר פון שטאַנדפּונקט פון אידישן כלל, פון שטאַנדפּונקט פון די נאַציאָנאַלע קיום־אינטערעסן פון אידישן פאָלק. מיר האָבן אויך געהאַט אין אויג כמעט אויסשליסלעך דעם גורל פונם אַשכנזישן אידנטום, פונם דאָזיקן הויפּט־שאַפער און הויפּט־טרעגער פון אידישע קולטור־ווערטן. מען קאָן, פאַרשטייט זיך, די וואַנדערונג־פראַגע באַטראַכטן נאָך פון פיל אַנדערע שטאַנדפונקטן — פון די אוממיטלבאַרע מאַטעריעלע און פּאָליטישע אינטערעסן פון די אידישע יחידים. מיר האָבן ניט באַרירט דאָ אַפילו די גרויסע קאַטאַסטראָפע־טראַגעדיע, וואָס דאָס וועלט־אידנטום לעבט איבער צוליב דעם חורבן פונם אייראָפּעאישן אידנטום, פונם דאָזיקן נאָך ניט לאַנג געזונטסטן וואָרצל פון כלל־ישראל. מיר האָבן דאָס מאָל געשטרעבט אויפצודעקן די אימאַנענטע אָרגאַנישע פּראָצעסן פון די אידישע וואַנדערונגען אין זייער געשיכטלעכער דיאַלעקטיק, ניט אָפּהענגיק פון אויסעראָרדנטלעכע איופטרייסלונגען, וועלכע האָבן תמיד געבראַכט צו גורל־איבערקערענישן אין דער לאַגע פון אידישן קיבוץ.

מיר ווייסן זייער גוט, אַז אויך די ארץ־ישראל־איינוואַנדערונג, כאָטש אין איר טיפן תוך און אין אירע אונטערערדישע שפּאַרנדיקע כוחות אַ צענטריפוגאַלע פּראָצעס... מעגטירנדיקע, אַ באַהעפטנדיקע, אַן אָרגאַניזירנדיקע און אַן איבערדערציענדיקע, מיט איין וואָרט אַ נאַציאָנאַל־מחיה־מתים׳דיקע, שטויסט זיך אָן אין דער ווירקלעכקייט אויף דעם זעלביקן דור־הפלגה פון שפּראַכן, קולטורן, שטייגערן און אויף די אייגענע פּסיכישע און גייסטיקע תהום׳ען, וועלכע ס׳איז ניט גרינג אַריבערצושפּרינגען. ערשט אין ארץ־ישראל דערפילט מען די געוואַלדיקע טראַגעדיע פון פאַרפרעמדטע ברידער און פון צעטיילטע קינדער פון איין פאָלק. און ניט נאָר ווייל אין ארץ־ישראל טרעפן זיך צוזאַמען ווירקלעך צענדליקער שבטים פונם צעזייטן און צעוויטן אידישן פאָלק, נאָר פיל מער, ווייל צווישן זיך פילט מען די דערמאַנטע תהום׳ען פיל שאַר־

וואוהין גייען מיר?

פער און בולט'ער, ווייל ביודעים אָדער בלא יודעים טרוימט יעדער פאַרנ־דיקער קיין ארץ־ישראל וועגן אַ היים, וועגן פאָלק־ברידער, וועגן איינהייט־לעכקייט און פאָלק־קרובהש'אַפט. דער פּראָצעס פון צוזאַמענהעפטן און פאַראײנהייטלעכן די גלות־גלידער און מאַכן פון זיי שפּראַכלעך, שטייגעריש, פּסיכיש און גייסטיק איין פאָלק־דמות איז ביז גאָר אַ שווערער און וועט מסתמא פאָדערן דורות־אָנשטריינגונגען און אויך דורות־קאַמפן.

אָבער אויך אין דאָזיקן פּרט זיינען די רעזולטאַטן גאַנץ באַדייטנדיק — שוין דער פאַקט אַליין, וואָס אין דער שול־פּראַגע זיינען ניט פאַראַן קיין שום חילוקי־דעות און קיין שום קאַמפן, און אַבסאָלוט אַלע קינדער באַקומען זייער דערציאונג אין איין שפּראַך און אין איין נוסח און אין דער מערהייט לימודים אין איין גייסט, איז איינער פון יענע ניסים, וועגן וועלכע מיר האָבן געדעט אין אַנהויב פון אונזער אַרבעט. מען קאָן זיין אַפילו אַ קעגנער פון העברע־איש און מודה זיין, אַז די דאָזיקע אַלטע שפּראַך איז יונג געוואָרן און פון אַ בוך־שפּראַך איז זי געוואָרן דער לעבעדיקסטער אוןווירקנדיקסטער אינסטרו־מענט אויף איבערבריקן די טיפע תהומ'ען, וואָס דער גלות האָט אויסגע־גראָבן. דער דאָזיקער שפּראַך־וואונדער איז פאָרגעקומען אין אַזאַ קורצער צייט, אַז ס'מאַכט דעם איינדרוק, ווי די השגחה וואָלט פאַרבאַהאַלטן אין דער העברעאישער שפּראַך יוגנט־קראַפט און יוגנט־זאַפט, כדי אין באַשערטן אויפלעבונג־מאָמענט גלייך צו שטעלן צו דינסט דעם דאָזיקן כישוף־אינסטרו־מענט פון צוזאַמענהעפט און פאַראײנהייטלעכונג.

פול מיט רעטענישן און וואונדער האָט זיך אָנגעהויבן אונזער געשיכטע — ניט ווייניקער וואונדערלעך און ניסימדיק איז געווען אונזער לאַנגער גלות־קיום אונטער אַ האַגל פון קאַטאַסטראָפעס און אַסימילאַציע־כוואַליעס. אָבער נאָך איבעררעשנדיקער און נאָך פאַרוואונדערלעכער איז דער גרויסער אויפ־לעבונג־נס, וואָס שפּילט זיך אָפּ פאַר די אויגן פון אונזער דור אויף דעם שטיקל לאַנד, וואו ס'איז אונז צוריק מיט דריי טויזנט יאָר באַשערט געווען פון צוועלף שבטים צו ווערן איין פאָלק. מיר האָפן, אַז אויך דאָס מאָל וועט זיך אונז איינגעבן פון פיל צענדליקער שבטים אויסצושמידן איין גרויס פאָלק מיט איין פאָלק־שפּראַך און מיט איין פאָלק־קולטור, און ניט נאָר מיט איין חכמת־היהדות, נאָר אויך מיט איין נשמת־היהדות.